# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 71-72 - April 1973 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9c43v4fh

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 71-72(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1973

### Copyright Information
Copyright 1973 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

**71-72**

ניסן תשל״ג
**APRIL 1973**


ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל. א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור צענטער אין ל. א.

# חשבון

## ● אינהאַלט


רבקה סאַוויטש־גאָלאַמב: לשנה הבאה בירושלים — 3
יעקב גאָרעליק: שמע ישראל (ליד) — 7
משה שקליאַר: ישראל לידער — 8
יצחק קאַלער: גלות און גאולה — 9
אַלטער עסעלין: אויף די ראַנדן פון תנ"ך (ליד) — 20
אַריה פאַזי: די תפוצות, ישראל און דער קיום פון יידישקייט — 21
בינם העלער: צוויי לידער — 29
פינטשע בערמאַן: צוויי לידער — 31
יעקב שמואל טויבעס: צוויי סאָנעטן — 32
ד"ר מנחם נאור: יציאת מצרים — 33
הרב אהרן ווערטהיים: די אַנטפלעקונג פון אליהו הנביא (דערציילונג) — 37
מ. חסיד: צוויי לידער — 44
לוי גאָלדבערג: פון וויטער הי (ליד) — 46
משה שטאַרקמאַן: אַריינפיר אין ח. נ. ביאַליקס אידעען־וועלט — 47
איוואַן בונין: צוויי לידער — יידיש: פון מאיר זימל טקאַטש — 55
זלמן שלאָסער: דער וויי־געשריי פון אונדזער דור — 56
רבקה און דוד לוצקי: מיט וואָס נאָך זאָלן מיר דיך בענטשן? (באַגריסונג צו בען סאַפּקין) — 63
אַברהם גאָלאָמב: אַ טעות וואָס מען מוז פאַרריכטן — 64
זאב סאליס: היסטוריה חוזרת על עצמה — 70


## אונדזערע אבידות


מלך ראַוויטש: הרב ד"ר אברהם יהושע העשל ז"ל — 71
יחזקאל קאָרנהענדלער: יחיאל האָפער ע"ה — 75


## שרייבערס און ביכער


ס. נוטקעוויטש: „בלעטער פאַלן ניט" — 77
שמואל סיגל: משה שקליאַרס פּאָעזיע אין תרגום עברית — 79
ז. בונין: קורצע נאָטיצן וועגן צוויי יידישע פּאָעטן — 81
שמואל וויס: פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס — 84
אַלעקס ראַבין: ל. א. יידישער קולטור־קלוב — 91

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פּרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטאַר

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

**8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048**

**Telephone: 938-3823**



**HESHBON**

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

I. KOLLER, S. WEISS, *Associate Editors*

S. BUNYAN, *Editorial Secretary*

7327 El Manor Ave. — Los Angeles, Calif. 90045 — Tel. 776-1956

*Administration*: H. BERMAN, *Treasurer*

ELIMELECH DEITCH • DAVID GOLDMAN • SAM ZUCKERMAN

M. GOLDFARB, *Financial Secretary*

3855 Edgehill Drive — Los Angeles, Calif. — 90008 — Tel. 293-2950

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY SCHWARTZ PRINTING CO.

100



אריה פאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס,
יצחק קאָלער,
מיטרעדאַקטאָרן
ז. בונין, סעקרעטאַר

# חשבון

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן,
פאַרוואַלטער־קאַסירער
מ. גאָלדפאַרב,
פינאַנץ־סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

28טער יאָרגאַנג, נומערן 71־72 • ניסן תשל״ג • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.



רבקה סאַוויטש־גאַלאַמב


## לשנה הבאה בירושלים

(באַטראַכטונגען צום 25טן יום העצמאות פון מדינת ישראל)

שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר ווי מיר ווינטשן זיך כסדר „לשנה הבאה בירושלים." איינגעפירט האָט עס רבן יוחנן בן זכאי, דער וואָס האָט מיט אַ פעסטער האַנט געבויט דאָס יידישע לעבן. ער האָט ניט געלאָזט זיך מייאש זיין און געהייסן בלייבן אַן אויסגעהאַלטן פאָלק.

קאָנטיק, אַז רבן יוחנן בן זכאי האָט פאַרגעפילט אונדזער מערכה, וואָס מיר וועלן האָבן אין אונדזער וואַנדערונג איבער דער וועלט. האָט ער געוואָלט, אַז אין אונדזער בע־ונד זאָלן מיר זיך ניט פאַרגעסן און טראָגן אין זיך, אין אונדזערע הערצער, די בענקשאַפט נאָך ירושלים; די האָפענונג אויף איר אויפריכטונג און אונדזער צוריקקער אַהין.

ער האָט מן הסתם גוט געוווסט די פּסיכיק פון אונדזער פאָלק, האָט ער מורא געהאַט, אַז אין די רויִקע הפסקות צווישן בלוטיקע ציַיטן קענען מיר נאָך פאַרגעסן די אייגענע היים. האָט ער געלאָזן אַ ירושה צו בויען ירושלימס אין די גלותן און ניט פאַרגעסן די אייביקע, אייגענע, ירושלים,

און אַזוי איז טאַקע געווען: האָבן די גלותדיקע ירושלימס געהאָלפן צו געדענקען דעם „לשנה הבאה בירושלים". רבן יוחנן בן זכאי האָט געגלייבט אין כוח פון וואָרט וואָס יידן זאָגן. איז דאָס געוואָרן זיין צוואה אויף אייביקע דורות.

* * *

און עס איז אַוועק די יידישע געשיכטע אין די גלותן. אַ לאַנגער אומענדלעכער שטראָם פון בלוט און טרערן, יסורים און עינויים, בילבולים און פייניקונגען, גירושים און רויבערייען.

סאיז אוממעגלעך צו באַשרייבן די אַלע צרות און גרוילן. ניטאָ קיין כוחות איבער־צולייענען אַלע קינות און „ספר הדמעות", אַלע כראָניקעס און דאָקומענטן פון די רישעותדיקע בלוט־צאַפּענישן וואָס די „פרומע" קריסטלעכע וועלט האָט אויס־געטראַכט פאַר אונדז אין נאָמען פון דעם גוטן גאָט פון רחמנות.

אַן אומענדלעך פינצטערע נאַכט ציט זיך פאַר אונדז די גאַנצע צייט פון גלות, חורבן און אומקום, בלוט און פייערן.

צעזייט און צעשפּרייט, צעשטויבט און צעבראָקלט, צעבראָכן און צעפּיצלט איבער הונדערטער לענדער און פעלקער, געיאָגט און געפּלאָגט, געדריקט און געשטיקט איז מען געלאָפן פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, קוים אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. און אויך דעמאָלט אויסגעשטעלט אויפן חסד און גענאָד פון „גוטע" באַלעבאַטים.

די „שיינע" אייראָפּעיש־קריסטלעכע וועלט האָט געצונדן הייליקע פייערן אונדז צו ברענען און צו צעבלאָזן האַס און הפקרות, פאַראורטייל און שנאה קעגן אונדז. טויזנטער פּנימער האָט געהאַט און האָט נאָך אַלץ דער אַנטיסעמיטיזם. אין יעדער לאַנד, ביי יעדן פאָלק, לויט זיין כאַראַקטער און לויט זיין געמיט.

וואָס גרעסער עס איז געווען די ציוויליזאַציע, וואָס מער „קולטור", אַלץ מער

פּערפעקציאָנירטע רציחות קעגן אונדז.

די קולמינאַציע פון דער אַכזריותדיקער רישעות האָט דערגרייכט אַן „איידל־ראַפינירט״ פאַלק אין דער היינטיקער מאָדערנער, הויך־וויסנשאַפטלעכער וועלט. מיסילס און ראַקעטן פאַר זיך און וואַלוועלע, עקאָנאָמישע גאַזקאַמערן פאַר אונדז. און אַלץ ביי דער שטילער שטומעניש פון אַלע אַנדערע „גוטע״ פעלקער. — ווער טאָר זיך דאָס מישן אין די אינעווייניקסטע אַנגעלעגנהייטן פון אַ פרעמד לאַנד?...

און אָט אין דעם גאַנצן בלוטיקן דערנער־וועג האָט אונדז באַגלייט אַ טליענדיקע האָפענונג אויף שיבת ציון. עס מוז דאָך קומען די גאולה! זי מוז קומען.

פעלקער האָבן ניט געקענט פאַרשטיין דעם סוד און דעם לעגענדאַרן כוח פון אָט דעם מיסטעריעזן גלויבן; די בסימדיקייט פון אָט דעם קליינעם פסוק: „לשנה הבאה בירושלים״. זיינען מיר פאַר זיי אויך געוואָרן אַ לעגענדע: „אַהאַספער״!

דאַכט זיך אַ קליינער פסוק און וויפל מוט עס האָט געגעבן; וויפל כוח און אויסדויער; און דער עיקר, ביטחון אויסצוהאַלטן אַלע פורעניותן און בלייבן גלייבן און ווייטער האָפן.

און אָט, געשען איז דער נס!

מיר זיינען דער ערשטער דור וואָס האָט זוכה געווען צו דער אתחלתא דגאולה. דער חלום פון דורות איז וואָר געוואָרן, די טויערן פון ציון זיינען געעפנט. כל דכפין! — ווער עס וויל נאָר קען זיך אומקערן אַהיים.

אַ קליין לאַנד, אַן אָרעם לאַנד; אָבער ניט אומזיסט פלעגט מיין טאַטע ע״ה זאָגן און תמיד איבערחזרן אַן אַלט יידיש ווערטל: „בעסער אַ אייגענע קאַפאָטע אַ קאַרטענע, איידער אַ פרעמדע אַ ראַטשעמאַרענע״... איז דאָך אפשר בעסער אין אַן אייגן ווינקעלע אַ קליינס, איידער אין אַ פרעמדן פּאַלאַץ.

וואָס־זשע איז אָבער געשען מיט מיר? מיט אַנדערע ווי איך? ווו האַלטן מיר נאָכן יום־טובן דעם פינף און צוואַנציקסטן געבוירן־טאָג פון אונדזער מדינה? ווו זיינען מיר נאָך דעם נסימדיקן ניצחון פון אונדזער לעגענדאַרער אַרמיי? — די אויסגעבענקטע, אויסגעחלומטע ירושלים של זהב איז שוין פאַראייניקט, איז אונדזערס, און מיר זיצן נאָך אַלץ אין די גלותן.

וואָס טוען מיר אין דער פרעמד ווען אונדזערע הייליקע ערטער זיינען שוין באַפרייט און די ישראל־ערד איז אונדז טאָפל הייליק היינט אַ דאַנק דעם איינגעזאַפטן בלוט פון די יונגע גיבורים וואָס זיינען געפאַלן אויפן מזבח פון אונדזער היימלאַנד.

אונדזער לאַנד דאַרף אונדז, בייטיקט זיך אין אונדז, רופט אונדז, אַלאַרמירט אונדז און וואַרט אויף אונדז.

זיינען מיר אָבער צעשאָטן איבער אַלע גלותן. מיר זיצן און רירן זיך ניט פון אָרט. עס שמעקט אונדז דאָס לעבן אין דער פרעמד.

ווי חיים נחמן ביאַליק האָט געשריבן:

„ציבעלעס מיט קנאָבל
זאָל זיי גיין אַנטקעגן;
גרויסע, שווערע פליישטעפ,
פולע ביז די ברעגן.״

(וואַנדערער פון מדבר —
יידיש: י. י. שוואַרץ)

איך פאַרשטיי, אַז יעדער יחיד האָט זיך זיינע מאָטיוון פאַר ניט וועלן און ניט קענען ליקווידירן דעם גלות. אָבער אַן דער דאָזיקער „הגשמה עצמית״ בלייבן מיר דאָך נאָר נאה דורשים.

איך ווייס — אין די טיפענישן פון האַרצן נאָגט און עגבערט די פראַגע — ווי ביי מיר, אַזוי אויך ביי אַ סך אַנדערע. פונקט ווי איך געפין פאַר זיך טויזנטער תירוצים, אַזוי געפינען זיכער אויך אַנדערע. אָבער ערגעץ־ווו פיל איך אַ תירוץ איבער אַלע תירוצים, און דאָס איז: — „עבדים היינו״! — שווער צו בייטן די קנעכטישע פסיכיק.

צוויי טויזנט יאָר רדיפות און פייניקונגען האָבן מן הסתם געווירקט אויף אונדזערע נשמות. עס שטייט אפילו געשריבן, אַז „יסורין ממרקין עוונות של אדם״; דאַרפן מיר דאָך אַרויסגיין געלייטערטע נאָך אַזאַ לאַנגן, גרויליקן גלות. —

און דאָך?

אָט שיקן מיר יוגנטלעכע פון די תפוצות קיין ישראל. זיי באַגייסטערן זיך, זיינען מלא התפעלות, און דאָך טראַכטן זיי ניט דאָרטן זיך צו באַזעצן.



פאַר וואָס זיינען מיר יוצא נאָר מיט אַ וויזיט קיין ישראל, כדי נאָך דעם זיך צו באַרימען און צו לויבן אין הימל אַריין פון אַלץ וואָס מיר האָבן דאָרטן געזען, און ביי דעם בלייבן. אָט באַמיען מיר זיך צו אָרגאַניזירן אַנדערע זאָלן פאָרן קיין ישראל, אָבער אַליין טראַכטן מר דאָס ניט צו טאָן.

פאַר וואָס לאָזן זיך פון די אַמעריקעס אַזוי ווייניק יידן קיין ישראל, און די מערסטע קומען אויף גיך צוריק?

פאַר וואָס כעסן מיר זיך און זיינען אַזוי שטרענג צו יעדער קריטיש וואָרט אויף דער מדינה, כאָטש במילא רירן מיר זיך ניט פון די ערטער?

אָט דערקקלערן מיר זיך הונדערט מאָל אַ טאָג אין ליבע און געטרייקייט צו דער שפּראַך פון דער מדינה, אָבער מיר טוען גאָרניט דאָס איינצופלאַנצן אין די אייגענע היימען.

פאַר וואָס האָט מען דעם גאַנצן ציוניזם פאַרוואַנדלט אין אַ מיטל צו פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס צווישן די יידן אין די גלותן און מען טראַכט אפילו ניט אַליין עולה צו זיין?

אַזוי פיל פאַרוואָסן און ס'איז שווער צו געפינען אַן ענטפער,

„איז דער לשנה הבאה בירושלים״ געבליבן אַן אַלטע, ליידיקע פראַזע. ווי פריער, ווי אַלע מאָל, שטייען יידן מיטן פנים צום מזרח. ווידער די זעלבע תפילות פאַר ציון און ירושלים. און — אַלץ איז ווי פריער.

רעדט מען און מען דאַוונט וועגן „קיבוץ גלויות״, אָבער סיידן, חלילה די שעה זאָל ניט זיין... ווייסן מיר אַלע ווי ווייט די מדינה בייטיקט זיך אין אַן אימיגראַציע, אין אַן עליה — און דווקא פון די אַמעריקאַנער לענדער. די מדינה דאַרף מוח און כוח, מענטשן מיט הויכער קוואַליטעט און מיט געלט. און מיר זיינען הייסע געטרייע ציוניסטן און דאָך פאָרן מיר ניט.

עס מערן זיך כסדר אַלץ נייע אָרגאַניזאַציעס פאַר ישראל; נייע פרעזידענטן און סעקרעטאַרן, און אַלע גייען אַרום מיט אונדזער אַלטער, ליבער טאָרבע; מען קלייבט געלט פאַר ישראל, עס מערן זיך כסדר די משולחים, און... יוצא! — אַלץ בלייבט ווי געווען.

מיר זיינען געגליכן צו די סלופּעס וואָס שטייען ביי די זייטן פון די וועגן. זיי ווייזן אַלעמען דעם וועג וווּהין צו פאָרן, אָבער אַליין רירן זיי זיך ניט פון אָרט.

קאָנטיק, אַז די אינטערעסן פון יעדן יחיד זיינען ניט אַלע מאָל אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון כלל. דאָס וואָס ס'איז גוט פאַר ר' ישראל איז אַ סך מאָל שעדלעך פאַר כל ישראל. דערפון נעמען זיך ביי אונדז אַ סך פון אונדזער דור אין די תפוצות אַזוי פיל אינעווייניקסטע קאָנפליקטן. מיר קענען זיך ניט אַרויספּלאָנטערן פון די ניי־געשאַפענע סיטואַציעס. זיינען מיר פון דעם גאַנצן קנויל פּראָבלעמען צעטומלט און דיסאָריענטירט.

עס דוכט זיך מיר, אַז אין אַלע לענדער פון אונדזער צעשפּרייטונג איז ביי די וועלטלעכע יידן אין גאַנצן פאַרשוווּנדן דער גאַנצער, מאָנאָליטער טיפּ ייד. ס'פעלן אונדז היינט גאַנצע יידישע פערזענלעכקייטן. מיר זיינען אַלע געשטאַלטן. אין יעדן פון אונדז לעבן ווייניקסטנס צוויי נשמות, איינע ציט קיין מזרח און די צווייטע האַלט אונדז אָפּ.

עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס: ניט נאָר האָט מדינת ישראל ניט געלייזט אונדזערע פּראָבלעמען פון די גלותן, נאָר גאָר פאַרקערט, האָט זי געשאַפן פאַר אונדז נייע פּראָבלעמען. מיטן אויפקום פון דער מדינה איז אונדזער אידענטיפיקאַציע־פּראָבלעם געוואָרן קאָמפּליצירטער: טאָפּלטע לאָיאַליטעט; צוויי ליבעס, צוויי לענדער, צוויי פאָנען און צוויי הימנען.

ווער־זשע זיינען מיר?...

איז עס צו שווער צו שלעפּן דעם גאַנצן פּאַק פון ספקות און פּראָבלעמען, וואָס דריקן ווי אַ באַרג אויף דער נשמה. דאָס זיינען אַלץ פּראָבלעמען וואָס קענען ניט געלייזט ווערן אַזוי לאַנג ווי מיר רירן זיך ניט פון אָרט.

און, אַז מיר רירן זיך ניט פון אָרט וואַקסן אויס נייע פּראָבלעמען, וואָס שפּאַלטן נאָך מער אונדזערע נשמות. מיר זיינען אומרואיק, נערוועז, צעטומלט און מיר שעמען זיך פאַר זיך אַליין. מיר זוכן כסדר נייע תירוצים צו באַרואיקן דעם אייגענעם געוויסן.

אָבער דער געוויסן ווייסט ניט פון קיין חכמות: ער פּלאָגט און נאָגט און רויבט

אוועק דעם שלאָף אין די נעכט, ניטאָ קיין ערגערע שטראָף ווי זיך אַרומטראָגן מיט אַ שולד־געפיל.

די אַלערליי ציענישן, דראַנגען און שטויסערייען אין אונדז, גופא מאַכן אונדז אין גאַנצן אומשעפעריש. מיר זיינען ווי אין אַ גייסטיקן פּאַראַליטש.

אויב מיר זאָלן טאַקע זיין אויפריכטיק, גאַנץ מיט זיך און אויסגעהאַלטן, וואָלטן מיר געדאַרפט תיכף פאַרפּאַקן די פּעקלעך און לאָזן זיך אין וועג אַריין... קיין ציון.

מיר טוען עס ניט, ווייל מיר זיינען קאָנסערוואַטיוו, קליינבירגערלעך און קאָנפאָרמיסטיש. אין אונדזערע רייען זיינען ניטאָ קיין „אַוואַנטוריסטן" וואָס זוכן נייע אָנהייבן און ניט קיין אידעאַליסטן, וואָס זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן כלל.

יעדער פאָלק באַשטייט דער עיקר פון דריי הויפּטשיכטן. דער אויבערשטער שיכט — דאָס איז די אינטעליגענץ וואָס פורעמט דאָס פאָלק אין אַלע געביטן פון זיין קולטור, ווי ליטעראַטור, פּאָליטיק, קונסט, וויסנשאַפט וכדומה.

דער דאָזיקער שיכט איז שעפעריש, דערפינדעריש; אומרואיק, ניט צופרידן און זוכט כסדר נייע וועגן, נייע אידעען און נייע פאַרמעסטונגען. פון דעם שיכט קומען אַרויס שרייבערס, פּאָעטן, טרוימערס, וויזיאָנערן און דערפינדערס.

דער מאַסיוו פון פאָלק, זיין מערהייט, דאָס איז די אינערטע מאַסע וואָס געפינט זיך אין מיטן. דאָס זיינען די דורכשניטלעכע, צופרידענע, באַלעבאַטישע מענטשן מיט קליינע השגות און קליינע באַגערן. זיי זוכן ניט קיין גרויסע איבערקערענישן. זיי זיינען זיך מסתפק מיט דעם וואָס זיי האָבן. זיי שטייען מיט ביידע פיס צוגעשמידט צו דער ערד און חלומען ניט וועגן עפּעס וואָס איז העכער פון זייער מאָגן. זיי שטרעבן ניט צו עפּעס דערהייבנס. זיי זיינען קאָנסערוואַטיוו און ציטערן פאַר ענדערונגען, פון זיי קומען ניט אַרויס ניט קיין אידעאַליסטן און ניט קיין אַוואַנטוריסטן; און געוויס ניט קיין רעוואָלוציאָנערן.

דער דריטער שיכט — דאָס איז דער דעק, דאָס אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. דאָרטן געפינען זיך אַלע אומצופרידענע, ניט דערבאַקענע און אַלע די וואָס קענען זיך ניט אַריינפּאַסן אין די אַנדערע צוויי שיכטן. זיי זיינען תמיד גרייט פאַר איבערקערענישן, רעוואָלוציעס, ענדערונגען — ברעכן וועלטן און בויען נייע. זיי קענען איינשטעלן, ווייל זיי האָבן במילא ניט וואָס צו פאַרלירן. צו דעם שיכט באַלאַנגט אויך די יוגנט וואָס האָט ניט קיין סטאַטוס, ווייל זיי זיינען שוין ניט קיין קינדער, אָבער זיינען נאָך ניט קיין דערוואַקסענע.

בדרך כלל פורעמען דאָס פאָלק דער אויבערשטער שיכט, די אינטעליגענץ און דער אונטערשטער שיכט, די אַוואַנטוריסטן.

דאָס יידישע פאָלק אין די תפוצות האָט אָבער פאַרלאָרן סיי זיין אויבערשטן שיכט סיי דעם אונטערשטן. נאָר די אינערטע מאַסע איז געבליבן געטריי דעם פאָלק. מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער אינטעליגענץ. דעם אמת מוז מען צוגעבן, אַז אונדזערע קינדער טאַנצן אויף אַלע חתונות. אומעטום זיינען זיי די הויפּט־מחותנים. זיי זיינען געווען די אָנפירער אין די קאַמפן פאַר ציווילע רעכט. זיי האָבן אנטייל גענומען אין אַלע נעגער־מאַרשן פאַר אינטעגראַציע. אין די פרידנס־קאָרפּוסן — אַן אַמעריקאַנער רעגירונגס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז צעוואָרפן איבער אַלע עקן פון דער וועלט כדי צו לערנען די אָפּגעשטאַנענע פעלקער. אין דער אָרגאַניזאַציע זיינען אונדזערע קינדער פּראָמינענט פאַרטראָטן; זיי ציילן דאָרט מער ווי אַ דריטל. זיי פאַרנעמען אויך דעם אויבנאָן אין אַלע רעוואָלט־אויסברוכן אין די אוניווערסיטעטן. אונדזערע אינטעליגענטע קינדער זאָרגן פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלעמען, אַחוץ פאַר זייער אייגן פאָלק.

מיר אַליין זיינען זיכער שולדיק אין דער גלייכגילטיקייט און אין דער אַפּאַטיע פון אונדזער אינטעליגענץ צו די אייגענע פאָלקס־פּראָבלעמען. אונדזערע היימען זיינען געווען אויסגעליידיקט פון יעדן יידישן אינהאַלט און מיר האָבן אונדזערע קינדער דערווייטערט פון אַלע יידישע ווערטן.

מיר — די וואָס באַלאַנגען צו דעם אינערטן מאַסיוו — האָבן ניט קיין שום השפעה אויף אונדזערע קינדער, — וואָס צייכענען זיך אַזוי אויס אין זייערע פּראָפעסיעס. מיר האָבן ניט מיט זיי קיין שותּפות ילשון, קיין שום געמיינזאַמע אינטערעסן און זיכער ניט קיין געמיינזאַמע צוקונפט.



דעם אונטערשטן שיכט, וואָס פורעמט אויך דאָס פאָלק: די אומצופרידענע, די אויסגעשפּיגענע, די אַוואַנטוריסטן — זיי האָבן מיר אויך פאַרלוירן. מיר געפינען זיי ביי די היפּיס, די ביטל, די ביטניקס וכדומה. אויך דאָרטן זיינען זיי די גאַנצע קנאַקערס, דאָס אויבערשטע פון שטויסל, די ערשטע פידל־שפּילערס.

דער סך־הכל איז גאָר ניט קיין פריילעכער. אשרי המאמינים, ווייל איז צו די וואָס גלייבן אין אַ גרויסער מאַסן־עליה פון די אַמעריקעס. מיר דוכט זיך, אַז עס וועלן ניט העלפן קיין מוסר־רייד, קיין זידלערייען און קיינע שום קריטיקן.

מיט נעגירן דעם גלות און איבערשרעקן תמיד מיט אַנטיסעמיטיזם, ווי די ישראל מדריכים און משולחים טוען עס וועט מען אויך קיין סך ניט דערגרייכן.

דאָס בייטן **די עליה־אינסטאַנצן און** עליה־אַמטן דערמאָנט אָן קרילאָווס אַ משל „דער קוואַרטעט". מיט איבערבייטן די ערטער פו די מוזיקאַנטן קען מען נאָך ניט מאַכן קיין בעסערע שפּילער.

מיר דאַרפן האָבן וויזיאָנערן, וואָס זאָלן קענען באַגייסטערן און מיטרייסן אונדזער אָפּגעפרעמדטע יוגנט. בעלי חלומות, וואָס זאָלן ברענגען האָפענונג און גלויבן אין דער צוקונפט פון אַ באַנייטער ישראל. די יוגנט זאָל וועלן זיך אידענטיפיצירן מיט די אידעאַלן, פלענער און פּראָגראַמען פון אַ מדינה וואָס גייט זיך בויען אין גאַנצן אויף אַנדערע יסודות.

נאָר פון ישראל מוז קומען די וויזיע וואָס וועט אָנצינדן אונדזער יוגנט. אָן זיי איז ניטאָ קיין עליה,

**יעקב גאָרעליק** / ניו־יאָרק

## שמע ישראל

ווען געפילט האָט מיין זיידע, דער אַלטער ר׳ מרדכי,
אַז דאָס לעבן זיינס ענדיקט זיך, האַלט שוין ביים „תיו";
ער ווערט שוואַכער און שוואַכער, די כוחות פאַרשווינדן
און ס׳קומט, עס דערנעענטערט זיך באַלד שוין דער סוף —
האָט ער גלייך צום חדר געשיקט אַ שליח,
ער זאָל הייסן זיין זון אַהיימקומען געשווינד.
ווען דער זון, פול מיט פחד, אַהיים איז געקומען,
האָט דער זיידע געזאָגט צום אים: „אהרן, מיין קינד,
קאָנסטו מיר זאָגן וואָס פאַר אַ סדרה איז היינט?"
„בהעלותך" — מיט אימה האָט אהרן געענטפערט.
און דאָס פּנים פון זיידן האָט זיך הימליש צעשיינט:
„בהעלותך את הנרות" — זאָג גיכער דער מאַמען,
אַז צוויי ליכט זאָל זי צינדן, כ׳הער שוין דעם רוף...
און די חברה־קדישא שיקט באַלד אַ שליח,
זי זאָל קומען מטהר זיין זינדיקן גוף...
און איך בעט, אַז ניט וויינען מען זאָל און ניט קלאָגן,
ווייל סיי לעבן, סיי טויט — דעם באַשעפערס גענאָד."
און ס׳איז באַלד אויסגעגאַנגען דער זיידע ר׳ מרדכי
מיט „שמע ישראל — ה׳ אחד!"

משה שקליאַר

# ישראל לידער

## אַ ייד צווישן יידן

אַ ייד צווישן יידן איך שפּאַן אויף דער ערד
פון יידישן לאַנד. די זון איז צעגליט,
און פּונקט ווי די זון איז צעגליט מיין געמיט —
אַ ייד צווישן יידן איז זיין מיר באַשערט.

זאָל זיין אויף אַ ווייל בלויז, אַ רגע נישט מער —
איך ווייס כ׳וועל מיין האַרץ איבערלאָזן דאָ הי,
ווי אַ גראָשן מען לאָזט אין פאָנטאַן די טרעווי
אויף קומען צוריק און נישט זיין מער קיין גר.

און נישט קוקן פון ווייט מיט פאַרוואונדעטן בליק
אויפן ים, וואָס געשעט דאָ טאָג איין און טאָג אויס,
ווען אַ פאָלק, וואָס אין בלוט איז פון מדבר אַרויס,
בויט אין בלוט און אין שווייס צו דעם מאָרגן אַ בריק.

אַ ייד צווישן יידן, פון יעדער זייט — ייד.
איז גוט אַזוי שפּאַנען שטאָט אויס און שטאָט איין
און וויסן און פילן — דו ביסט נישט אַליין,
ווי ס׳קאָן נישט אַליין זיין דער קלאַנג פון אַ ליד.

## כנרת

אין שטילער פאַרנאַכטיקער שעה
דער הימל הענגט רואיק און בלאָ
אַריבער כנרת דעם ים.
פון בערג פאַלן שאָטנס צום דנאָ
אין שטילער פאַרנאַכטיקער שעה
און לעשן דעם זוניקן פלאַם.

די פישער געגעגנען צום ברעג,
אַ מיפולער טאָג איז אַוועק —
איצט לאָדן זיי אויסעט דעם פאַנג.
אויף פּנימער שטייט נאָך דער פלעק
פון מיפולן טאָג וואָס אַוועק
און פול ווערט די לופט מיט געזאַנג.

פון ווייט כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט אַהער
און כ׳שפּיץ איצטער אָן מיין געהער —
אין האַרצן שניידט איין זיך דער קלאַנג:
כנרת, כנרת, כנר — — —
ווי שווער איז זיך שיידן, ווי שווער,
מיט אָט דעם פאַרבענקטן געזאַנג.

* * *

## מצדה

אַרויסגעקלעטערט אויפן באַרג
און אַלץ געפּרוווט כ׳האָב זיך דערמאָנען:
ווי שטאַרק געמוזט האָט זיין, ווי שטאַרק,
די שלאַכט דאָ קעגן רוימס לעגיאָנען.
וויפל אויסדויער באַדאַרפט און מוט
די מורדים האָבן צום געראַנגל,
און וויפל מאָל מיט פייער־בלוט
זייער באַגין איז אויסגעגאַנגען.
איך קוק אויף יעדן שטומען שטיין,
וואָס איז אַליין געווען אַ פעסטונג
און שפּעטער צוגעדעקט ס׳געביין
פון יהודה׳ס זין בעסטע;
איך קוק און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳הער
נאָך אַלץ אַרום די קאַנאָנאַדע
און זע דעם בליאַסק פון קאַלט געווער
אויף האַלדז פון יעדן העלד מצדה׳ס.
דערנעבן מיר שטייט אַ סאָלדאַט —
אַן אייניקל פון יענע קריגער,
ווייזט אויס ער לייענט מיך, ווי אַ בלאַט,
און שטיל ער זאָגט, ווי מן הצד —
מצדה ווייסט היינט ווי צו זיגן.



יצחק קאַלער

# גלות און גאולה

(צום 25טן יום עצמאות פון מדינת ישראל)

## א. גלות מצרים

דער יום־טוב פּסח ווערט, אַחוץ חג המצות און חג הפסח, אויך אָנגערופן מיטן נאָמען „חג החירות“, דער יום־טוב פון פרייהייט און באַפרייונג. דער קאַמף פון די יידן קעגן די עגיפּטער איז נישט געווען אַ קאַמף פאַר לאָקאַלער באַפרייונג, צו געווינען צוריק די פאַרלוירענע בירגער־שאַפט בכדי צו בלייבן אויף ווייטער אין לאַנד נאָר מיט בירגער־רעכט. דער עיקר קאַמף איז געווען, אַז די וועלכע ווילן פאַרלאָזן מצרים בכדי זיך אומצוקערן צוריק אינעם לאַנד פון זייערע אָבות, זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו עמיגרירן צוריק צום לאַנד וואָס זיי האָבן, צוליב עקאָנאָמישע טעמים, פאַרלאָזן, אָבער קיין מאָל זיך נישט געשיידט, מיטן געדאַנק אַז אין גינסטיקע אומשטענדן וועלן זיי זיך צוריקקערן.

חז״ל האָבן אײַנגעטייטשט דעם פּסוק אין בראשית וועגן דעם שטיין וואָס יעקב אָבינו איז געלעגן אויף אים: „הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה ולזרעך“ (דאָס לאַנד אויף וועלכן דו ליגסט וועל איך געבן דיר און דיינע קינדער); „קיפּלה כפּינקס ונתנה תחת ראשו, כאדם שאומר: מתחת לראשך שלך היא“ (גאָט האָט דאָס לאַנד איינגעוויקלט ווי אַ פּינקס און עס אונטערגעלייגט יעקבן צוקאָפּנס — חולין צ״א; בראשית רבה ס״ט). חז״ל האָבן מיט דעם געמיינט דאָס יעקב אָבינו האָט געהאַט אַ געניען באַגריף פון דער גרויס און ברייט פון לאַנד, און ווי אַ פּינקס האָט עס געטראָגן מיט זיך און איז געווען פאַרבונדן מיטן לאַנד מיט אַלע פּעדים פון זיין נשמה.

אויף אַ גאָר אינטערעסאַנטן און אייגנאַרטיקן אופן דערציילט אונדז די תורה וועגן די טראַגישע איבערלעבונגען פון יעקב אָבינו ווען ער האָט באַדאַרפט פאַרלאָזן זיין היים און גיין לעבן אין אַ לאַנד מיט פרעמדע מנהגים און זיטן. ער האָט געפילט די אויסגעוואָרצלטקייט פון נע־ונד. אפילו ביי לבנען איז אים שווער געווען צו לעבן לויט זיינע השגות און גאָט־באַגריף, היינט נאָך אין אַזאַ לאַנד פון די געצנדינערישע עגיפּטער. אָבער, זאָגט אונדז די תורה, אַז דאָס איז געווען גאָטס ווילן און ער האָט יעקבן מבטיח געווען אַז נישט נאָר וועט ער דאָרט נישט אומקומען, נאָר פאַרקערט, זיך פונאַנדער־וואַקסן און ווערן אַ גרויס פאָלק: „אַל תירא מרדת מצרימה כי לגוי גדול אשמך שם. אנכי אעלה גם עלה“ (בראשית מ״ו, ג־ד). (האָב נישט מורא אַראָפּצונידערן קיין מצרים ווייל איך וועל דיך מאַכן דאָרטן פאַר אַ גרויס פאָלק. איך וועל מיט דיר — אין אײַנעם — אַראָפּנידערן און איך וועל דיך צוריק אַרויפברענגען).

ס׳איז כדאי אָנצווייזן, אַז אויך אין יצחקס צייטן איז געווען אַ גרויסער הונגער און ווי געווינטלעך האָט אויך יצחק גע־טראַכט וועגן אַריבערציען זיך קיין מצרים. אָבער גאָט זאָגט אים: „אַל תרד מצרימה, שכון בארץ אשר אומר אליך. גור בארץ ואהיה עמך ואברכך, כי לך ולזרעך אתן את כל הארצות האלה“ (בר׳ כ״ו, ב־ג). (זאָלסט ניט אַראָפּנידערן קיין מצרים, רו אין דעם לאַנד און איך וועל זיין מיט דיר און דיך בענטשן, ווייל דיר און דיינע קינ־דער וועל איך געבן אָט־די לענדער).

יצחק אָבינו איז נאָך נישט געווען אַזוי באַפעסטיקט און נישט געשלאָגן אַזעלכע טיפע וואָרצלען אינעם לאַנד, אַזוי אַז אַן אויסוואַנדערונג האָט אפשר געמיינט אַ סכנה פאַרן נאַציאָנאַלן גורל פונעם יידישן פאָלק. אָבער יעקב אָבינו מיט זיינע צוועלף שבטים, וואָס זיינען באַשטאַנען פון זיבעציק משפחות, זיינען שוין אין זייער באַוווסטזיין יאָ געווען טיף פאַר־וואָרצלט אין זייער לאַנד, אַזוי אַז דאָס צייטווייליקע איבערוואַנדערן אין אַן אַנ־

דער לאַנד איז נישט געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער נאַציאָנאַלער סכנה. סוף־כל־סוף נידערט ער דאָך קיין מצרים „לגור בארץ ולא להשתקע בה.“

מען דאַרף פאַרשטיין אַז די צוגעבונדנקייט פון די שבטים צו זייער געבורטאָרט איז געווען שטאַרק איינגעוואָרצלט. אַברהם אָבינו באַשווערט זיין הויפּט־דינער אליעזר: „כי אל ארצי ואל מולדתי תלך ולקחת אשה לבני ליצחק“ (בראַ׳ כ״ד, ד׳). הגם אברהם האָט שוין איבערגעריסן זיינע גייסטיקע פעדים מיטן לאַנד ארם און ער וויל נישט אַז יצחק זיין זון זאָל זיך דאָרט באַזעצן, רופט ער עס מיין לאַנד און מיין געבורטס־אָרט. יעקב אָבינו, שוין אַ געבוירענער אין כנען, איז שוין געווען פאַרקנופּט מיט אַלע נשמה־פעדים אינעם לאַנד.

דאָס אויסוואַנדערן פון לאַנד כנען איז באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען „ירידה“, און איינוואַנדערן — „עליה“. דאָס איז נישט באַצייכנט געוואָרן מיט אָט די באַגריפן צוליב דער טאָפּאָגראַפיע פונעם לאַנד כנען און חוץ לארץ, נאָר דאָ איז געמיינט געוואָרן דער קולטורעלער ניוואָ פון די בני ישראל (יעקב), זייער מאָנאָטעיסטישער גלויבן און מאָראַל אין פאַרגלייך מיט די אַרומיקע געצנדינערישע שבטים מיט זייער מאָראַלישער געזונקענקייט. דער מדרש טייטשט אויס דעם פסוק „ויוסף הורד מצרימה“ (יוסף האָט אַראָפּגענידערט קיין מצרים) — „אַל תקרא הורד אלא הורד את אָביו והשבטים למצרים“ (לייען נישט ער איז אַראָפּגענידערט געוואָרן, נייערט ער האָט אַראָפּגענידערט זיין פאָטער און די שבטים קיין מצרים. (תנחומא, וישב, ילקוט שמעוני).

לויט ווי די תורה דערציילט אונדז, האָבן די יידן אין מצרים געפירט זייער אייגנאַרטיקן שטייגער לעבן. דאָס מיינט טאַקע דער פסוק „אנכי ארד עמך,“ ווייל וווּ דאָס יידישע פאָלק וואַנדערט, גייט אויך דער יידישער גאָט מיט זיי. אַזוי אויך אין מצרים האָבן יידן געפירט זיך לויט אייגענע מנהגים און טראַדיציעס. זיי האָבן אויך געהאַט אַ געוואַלדיקע השפעה אויף אַ סך פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם יידישן גאָט־באַגריף, ווי עס ווייזן אָן בולט די ווערטער פון קעניג פרעה צו די עגיפּטער: „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו“ (שמות א׳ ט׳). (די בני ישראל זיינען אַ סך און מעכטיקער פון אונדז). פרעה מיינט דאָך נישט דאָס קליינע הייפעלע, וואָס איז געקומען קיין מצרים מיט זיבעציק משפחות. פון דעם פסוק ווייזט אויס, אַז דאָ ווערט נישט באַצייכנט דער נאַטירלעכער צוּוואוּקס, נאָר די גרויסע מאַסן גרים וועלכע האָבן זיך אידענטיפיצירט מיטן יידישן גאָט־באַגריף, אַזוי אַז די בני ישראל זיינען געוואָרן אַ ריזיק־גייסטיקער כוח, וואָס האָט באַווירקט אַ סך פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג צו פאַרלאָזן זייערע געצנדינערישע מנהגים און זיך באַהעפטן אינעם יידישן וועלט־באַנעם. דער אויסדרוק „הבה נתחכמה לו פן ירבה“, קאָן אויך נישט מיינען דעם נאַטירלעכן צוּוואוּקס פונעם פאָלק, ווייל וואָס, מישטיינס געזאָגט, באַטייטן עטלעכע צענדליק מענטשן קעגן אַ מלוכה פון הונדערטער טויזנטער אָדער אפשר מיליאָנען. די מורא איז באַשטאַנען נישט מיט דער באַדראָונג פון פיזישע כוחות נאָר מיט דער דראָונג פון אַ גייסטיקער איבערקערעניש.

אחד העם אין אַן עסיי „מוקדם ומאוחר בחיים“, באַצייכנט, אַז ווען די יידן זיינען געגאַנגען אין גלות בבל, איז דאָס אומגליק פון יידישן פאָלק אויך געווען אַ גרויסע נידערלאַגע פאַרן זיגער, און דורך דעם וואָס יידן האָבן פאַרלוירן זייער לאַנד, האָט בבל פאַרלוירן זיין גאָט: „עם נצחון מלך בבל לא היה נצחון אלהי בבל כי־אם אלהי ישראל.“ איך וואָלט די סברה אויסגעברייטערט אויף אַ סך פריער, אַריינגענומענדיק מצרים, און שפּעטער אויך אַריינגענומענדיק גריכנלאַנד און רוים און אַנדערע לענדער.

מיט דעם וואָס יידן זיינען געווען אין מצרים אין משך פון פיר הונדערט יאָר זיינען זיי דאָרטן אויסגעוואַקסן אַ גרויס פאָלק, ניט געקוקט אויף די מוראדיקע עינויים און פאַרפאָלגונגען. דאָס האָט אַנדערש נישט געקאָנט פּאַסירן סיידן אַז גרויסע פרעמדע מאַסן זיינען ווערבירט געוואָרן פאַרן יידישן גאָט־באַגריף. דערפאַר איז געשען, אַז אַרויסגייענדיק פון



מצרים איז דאָס פאָלק ישראל באַשטאַנען פון איבער זעקס הונדערט טויזנט נפשות, צווישן זיי אַ סך ערב־רב, ווי אויך קינדער און משפחות פון געמישטע הייראַטן וכדומה.

צי דאַרף מען מצרים באַצייכענען מיטן נאָמען „גלות“? אין טעכנישן זין אפשר נישט, אָבער באמת האָט מצרים מיט זיך פאָרגעשטעלט נישט נאָר גלות נאָר אויך שיעבוד. דער פאַקט וואָס עס ווערט נישט דערמאָנט אַ וועלכער עס איז פרווו פון כאָטש אַ שטיקל צוריקקער פון וועלכער נישט איז קליינער גרופּע נאַציאָנאַלע קנאים באַווייזט די געוואַלדיקע פאַרשקלאַפונג און די גרויסע גרענעץ־מאַכט וואָס האָט געהאַלטן דאָס יידישע פאָלק אין צוואַנגען און נישט דערלאָזט אַז דאָס פאָלק זאָל אפשר ווערן אַ כוח אויסער דער עגיפּטישער מאַכט. „ונוסף גם הוא על שונאינו ועלה מן הארץ.“

עס ווייזט אויס אַז די איצטיקע רוסישע רעגירונג האָט גאָר אַ סך געלערנט ביי די מצריים, ווי אַזוי צו פאַרשפּאַרן די נאַציאָנאַלע בענקשאַפט ביי דער יידישער יוגנט וואָס וויל פאַרלאָזן רוסלאַנד, בכדי צו ווערן אַ מיטגליד אינעם יידישן פאָלק און העלפן אינעם אויפבוי פון זיין נאַציאָנאַלער היים.

חז״ל זאָגן אונדז, אַז ווען יידן פאַרלאָזן זייער לאַנד, נעמען זיי עס אין דער אמתן מיט זיך, און דער נאַציאָנאַלער פונק גליט און בריט אין זייערע עצמות ביז עס צעברענט זיך אין אַ גרויסן נאַציאָנאַלן פלאַם, וואָס זוכט מיטלען ווי אַזוי זיך אומצוקערן צום לאַנד און עס צוריק אויפשטעלן פון די חורבות. די קרבנות זיינען גרויסע; די ליידן — אומגעהויער שווער; די שטרייטן און קאַמפן — מוראדיק; אָבער די אַלע „אבני נגף“ קאָנען נישט צוימען דעם שטאַרקן פאַרלאַנג פאַר נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. די הבטחה וואָס גאָט האָט געגעבן יעקב אבינו: „ואנכי אעלך גם אעלה“, איז גילטיק נישט נאָר לגבי שיעבוד און גלות מצרים נאָר אויך פאַר אַלע גלותן אין אַלע צייטן.

די יידישע יסורים שמידן דעם יידישן נאַציאָנאַלן כוח פון מצרים ביז היינט. אַלע יידישע ימים טובים האָבן אין זייער קידוש אַריינגעגלידערט דעם אויסדרוק „זכר ליציאת מצרים“, אפילו אין שבתדיקן קידוש, וואָס דער שבת האָט דאָך צו טאָן מיט „מעשה בראשית“, געפינען מיר אויך אָט דעם פסוק. דער אויסדרוק „זכר“ איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן פאָלק און דינט ווי אַ נאַציאָנאַלע דערמאָנונג פאַר אַלע דורות, אַז ווען יידן האָבן געקאָנט בייקומען אַזאַ פאַרשקלאַפונג ווי אין מצרים, קאָן קיין מאַכט נישט צוריקהאַלטן די יידישע באַשלאָסנקייט.

## ב. גלות בבל

ווען דאָס יידישע פאָלק ווערט פאַרטריבן קיין בבל (597 פאַר דער היינטיקער צ״ר) און דער באָדן וואַקלט זיך אונטער זיינע פיס; דער בית המקדש פאַרברענט, דאָס לאַנד פאַרוויסט, אַ גרויסע צאָל פון דער באַפעלקערונג אומגעבראַכט, גייט דאָס פאָלק אין גלות, לאָזט איבער דאָס לאַנד, אָבער נעמט מיט זיך מיט די גרויסע נאַציאָנאַלע בענקעניש אין איינעם מיט דעם גרויסן יידישן ביטחון אַז „נצח ישראל לא ישקר.“ דאָס יידישע פאָלק נעמט מיט זיך מיט די טרייסט־ווערטער פון די צוויי גרויסע נביאים, ישעיה און ירמיה.

דער מקונן ירמיהו גיט אויך טרייסט דעם יידישן פאָלק מיט אַן אָנזאָג פאַר ווידער דערוואַכונג: „זכרו מרחוק את ה׳ וירושלים תעלו על לבבכם“ (ירמ׳ נ״א, נ) — פון דער ווייטנס זאָלט איר געדענקען גאָט און ירושלים זאָלט איר טראָגן אין האַרצן. דעם נביאס ווערטער זיינען געוואָרן דער לייטמאָטיוו פאַר דער ערשטער נאַציאָנאַלער שבועה, וואָס איז אינעם אויבן דערמאָנטן נוסח. נאָר אין בבל איז ירמיהוס אָנזאָג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייערדיקער שבועה פונעם יחיד: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני, תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי“ (אויב איך וועל דיך, ירושלים, פאַרגעסן — פאַרגעסן זאָל מיך מיין רעכטע האַנט; צוגעקלעפּט זאָל ווערן מיין צונג צו מיין גומען, אויב איך וועל דיך ניט דערמאָנען. (תהלים קל״ז, ה־ו).

וועגן בבל לאָזט זיך גאָר אַ סך דעבאַטירן צי איז עס געווען אַ שלעכטער אָדער גוטער גלות. די היסטאָריקער זיינען צעטיילט אין דעם פּרט. אַ סך ווייזן אויף

גאָר גרויסע דערגרייכונגען פונעם יידישן פאָלק אויפן געביט פון קולטור און עקאָנאָמיע, וכדומה. לויט נייע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון דאקומענטן באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז יידן האָבן אין בבל פאַרנומען גאָר הויכע פּאָזיציעס אינעם האַנדל. (זע: שטרות בית מורש).

דעם פּאַראַלעל וואָס מען קאָן ציען צווישן גלות מצרים און גלות בבל איז: אין דער צייט וואָס אין מצרים איז אַלץ צוערשט געווען ווויל און גוט און די לאַגע איז מיט דער צייט געוואָרן ערגער און איז דערגאַנגען ביז פייניקונגען און שקלאַפעריי, אַזוי ווידער איז אין בבל פאָרגעקומען דאָס פאַרקערטע: די ערשטע צייט איז געווען ביטער און טרויעריק, אָבער שפּעטער האָט זיך די לאַגע נאָרמאַליזירט, ווי עס ווייזט אונדז דער ווייטערדיקער פּסוק: „תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי” (פּסוק ו') — צוגעקלעפּט זאָל ווערן מיין צונג צו מיין גומען אויב איך וועל דיך ניט דערמאָנען, אויב איך וועל ניט אַרויפברענגען ירושלים אויף מיין דערהייבנסטער שמחה). דאָס איז אַן עדות אַז עס זיינען דאָרט געפייערט געוואָרן געהויבענע שמחות מיט אַ סך פּאָמפּ און פּאַראַד. אָבער עס איז תמיד געווען געמישט מיט נאַציאָנאַלער בענקשאַפט. אַזוי ווי דורכן לאַנגן גלות־וועג איז מען זיך נאָך ביז היינט נוהג פון צעברעכן אַ גלעזל אונטער דער חופּה אַלס זכר לחורבן.

עס איז אָבער זיכער אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אויך געהאַט אַ געוואַלטיקע גייסטיקע השפּעה אויף די פעלקער וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דאָס דאַמאָלסדיקע גרויסע בבל. די גייסטיקע הויכקייט ווערט געשילדערט נישט נאָר פון ישעיהו הנביא, וועלכער האָט געשילדערט די צוקונפטיקע גרויסע ראָלע פונעם יידישן פאָלק וואָס וועט זיין דער לייכטטורעם און וועגווייזער פאַר גאָר דער וועלט. אַנדערע נביאים, ווי יחזקאל, וואָס האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן איינדרוק פאַר צעמענטירן די יידישע כוחות פאַר דער גאולה, ווי אויך די נביאים חגי, זכריה און מלאכי שילדערט אין פּראַקטיקע בילדער די גרויסקייט פון יידישן גאָט און זיין השפּעה אויף פעלקער און לענדער.

אַ קלאָר בילד גיבן אונדז צוויי מקורות, איינע אין סוף מלכים ב', און אַן ענלעכן נוסח אין סוף ירמיהו. ביידע קוואַלן באַשטעטיקן די גרויסע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען באַלד אין די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָר אין בבל. איך באַנוץ זיך דאָ מיט יהואָשס תנ"ך איבערזעצונג:

„און עס איז געווען אין זיבן און דרייסיקסטן יאָר נאָך דעם גלות פון יהויכין דעם מלך פון יהודה, אין צוועלפטן חודש, אין זיבן און צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, האָט אויל־מרודך, דער מלך פון בבל, אין דעם יאָר וואָס ער איז געוואָרן מלך, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון יהויכין דעם מלך פון יהודה, אַרויסגענומען אים פון תפיסה. און ער האָט גערעדט צו אים פריינדלעך, און האָט געשטעלט זיין שטול איבער די שטולן פון די מלכים וואָס ביי אים אין בבל. און ער האָט אומגעביטן זיינע תפיסה־קליידער, און ער האָט געגעסן ביי אים ברויט תמיד אַלע טעג פון זיין לעבן. און זיין אויסקומעניש, אַ שטענדיקע אויסקומעניש, איז אים געגעבן געוואָרן פון מלך טאָג־טעגלעך אַלע טעג פון זיין לעבן.”

דאָס קאַפּיטל דערציילט אונדז אין קורצן, אַז יהויכין דער מלך פון יהודה, איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה און דערהויבן געוואָרן איבער אַלע דערוויילטע און דעלעגירטע פון דער פאַרטרעטערשאַפט אין בבל. איר פילט דאָך די שפּורן פון אַ גרויסער און איינפלוסרייכער קולטור, וואָס הגם אין גלות, באַווירקט זי מיט איר געוואַלטיקן גייסטיקן כוח אַ סך מענטשן פון די פעלקער אַרומעט, וועלכע אידענטיפיצירן זיך מיטן יידישן פאָלק, טיילן מיט אים זיינע ליידן און פריידן. מען קאָן זאָגן, אַז באַלד מיטן גלות בבל האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון שיבת ציון.

די כורש דעקלאַראַציע, פּראָקלאַמירט אינעם יאָר 538 פאַר דער איצטיקער צ"ר, איז נישט אויסגעוואַקסן פלוצלונג. עס זיינען געווען גאָר אַ סך סיבות וועלכע זיינען גענומען געוואָרן אין אַנבאַטראַכט און וואָס האָבן דערפירט צו אָט דער כורש דעקלאַראַציע, פּונקט ווי עס זיינען



געווען אומגעהויערע סיבות וואָס האָבן דערפירט צו דער אַנערקענונג פון אַ מלוכה ביי די פאַראייניקטע פעלקער (יו־ען) פאַרן יידישן פאָלק. דער עיקר מוז מען אַנערקענען, ערשטנס, די צעמענטירטע יידישע כוחות אין בבל, וואָס האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט קיין שום גלות, גוט אָדער שלעכט; צווייטנס, די באַציונגען צווישן בבל און ישראל, וואָס זיינען שטאַרק פאַרבעסערט געוואָרן זינט דער באַפרייונג פון מלך יהויכין.

עס מוז אויך גענומען ווערן אין אַנבאַטראַכט די יידישע אמונה און איר קאַמף פאַר צדק און יושר, פאַר ברידערלעכקייט צווישן פעלקער און לענדער, ווי אויך פאַר פולשטענדיקער רעליגיעזער פרייהייט: „ילך כל איש בשם אלהיו ואנחנו בשם אלהינו נלך.” נייע און פרייע ווינטן האָבן זיך דאַן צעבלאָזן נאָך די גרויסע מלחמות און חורבנות פון פעלקער און די אַרומיקע לענדער וואָס האָבן זיך געגרענצט מיט בבל און פּרס. אַזוי איז די אַמאָליקע כורש דעקלאַראַציע, ווי די אונדזער־צייטיקע באַלפור דעקלאַראַציע, געווען אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון אומשטענדן און באַדינגונגען.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן אַז נאָר עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען זיינען געווען די הויפּט־סיבה. מען טאָר פאַר קיין פאַל נישט פאַרגעסן, אַז אין די כתבי הקודש, ווו ישעיהו הנביא באַטיטלט כורשן מיטן נאָמען משיח, ווערט קיין איין שלעכט וואָרט ניט דערמאָנט קעגן די פּערסישע מלכים. כורש האָט באַפרייט אויך אַנדערע פאַרשקלאַפטע פעלקער, אָבער צו יידן האָט ער געפילט אַ באַזונדערע סימפּאַטיע, אפשר צוליב די נאָענטקייט צווישן די ביידע אמונות.

אַזוי האָט דער קעניג דריווש פון מדי זיך באַצויגן זייער פריינדלעך צו דער יידישער אמונה און געשטיצט דאָס בויען פון בית המקדש, ניט געקוקט אויף די גרויסע קעגנערשאַפט וואָס פאַרשיידענע שונאי־ציון האָבן אויסגעאיבט. (אפשר דערפאַר איז פאַראַן אַן אגדה, אַז דריוש איז געווען אסתר המלכהס זון).

אַזוי האָט אויך דער קעניג קאַמבוזעס (כנבוזי) דערלויבט די יידן פון מצרים פולע רעליגיעזע פרייהייט און נישט דערלאָזט צו קיין רדיפות אויף יידן. דער קעניג אַרטאַקסערקסעס (ארתחששתא) דערמוטיקט און שטאַרקט די האַנט פון עזרא צוריק אַוועקצושטעלן דאָס נייע לעבן פון די נייע עולים אויף די יסודות פון תורת משה, נישט רעכענענדיק זיך מיט אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט פון אַ סך שונאי ישראל שטיצט ער די שטעלונג פון עזרא און נחמיה קעגן די געמישטע הייראַטן פון גוישע פרויען מיט יידישע מענער. דריוש דער צווייטער גיט אַרויס אַ באַפעל וועגן דעם אָפּהיט פון יום־טוב פסח ביי די יידן אין מצרים, וועלכע האָבן געדינט אין זיין אַרמיי. (אין זיין בריוו צו יהודי ייב).

אַ וואַרעמע באַציונג פילט זיך אויך פון מלך אַחשורוש (געבראַכט אין גריכישן נוסח פון מגילת אסתר, ווי אויך אין תרגום שני. וועגן מער איינצלהייטן זע מיין בוך „ספר אסתר וזיקתו לתקופת עזרא ונחמיה”).

איך האָב אין קורצן נאָר געבראַכט די נעמען פון אַ רייע פּערזישע קעניגער וואָס האָבן געהאַט אַ וואַרעמע באַציונג צו יידן, הגם די שינאה צום יידישן פאָלק איז געווען דאַן גאַנץ שטאַרק און איינפלוסרייך.

לויט די נעמען וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ אַלס אָנפירערס און פאַרוואַלטערס קען מען דערקענען אַז זיי שטאַמען שוין פון אַ דור געבוירן אין בבל: זרובבל, שנאצר, ששבצר א"א. אָבער אויך צווישן די נייע עולים וואַרפן זיך דורך נעמען נישט נאָר באַבילאָנישע נאָר אויך פּערסישע, עילמישע, און אַנדערע. וואָס ווייזט אַז אַ סך יידן וואָס זיינען געגאַנגען אין גלות אשור מיט אַן ערך צוויי הונדערט יאָר פריער און האָבן זיך שוין געהאַט באַזעצט אין אַ סך טיילן פון לאַנד, אָבער שיבת ציון האָט אויך זיי אָנגערירט, אַזוי אַז אַ סך פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער עולים־באַוועגונג. לויט די חז"ל זיינען אויך צוגעשטאַנען אַ היפּשע צאָל גרים, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. אַן אויסצוג פונעם נביא זכריה, וועלכער האָט געלעבט ביים אויפבוי פון בית שני, זאָגט:

...„כה אמר ה' צבאות עד אשר יבואו עמים ויושב ערים רבות והלכו יושבי אחת אל אחת לאמר: נלכה לחלות פני ה' ולבקש את ה' צבאות אלכה גם אני.

ובאו עמים רבים וגוים עצומים לבקש את ה׳ צבאות בירושלים ולחלות פני ה׳. כה אמר ה׳ צבאות: בימים ההמה אשר יחזיקו עשרה אנשים מכל לשונות הגוים והחזיקו בכנף איש יהודי לאמר: נלכה עמכם, כי שמענו כי אלהים עמכם.״ (זכריה ח׳ כ־כג).

(אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאות: עס וועט נאָך געשען, אַז קומען וועלן פעלקער און באַוווינער פון פיל שטעט. און די באַוווינער פון איין שטאָט וועלן גיין צו דער אַנדערער, אַזוי צו זאָגן: גיין לאָמיר גיין בעטן צו בעטן פאַר גאָט, און צו זוכן דעם גאָט פון צבאות. איך וויל אויך גיין. און קומען וועלן פיל אומות און מאַכטיקע פעלקער צו זוכן גאָט פון צבאות אין ירושלים, און צו בעטן פאַר גאָט).

(אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאות: אין יענע טעג וועט געשען, אַז אָננעמען וועלן צען מענטשן פון אַלערליי לשונות פון די פעלקער — אָננעמען דעם ברעג קלייד פון אַ ייִדן, אַזוי צו זאָגן: לאָמיר גיין מיט אייך, ווארום מיר האָבן געהערט אַז גאָט איז מיט אייך.״ (תרגום יהואש).

לויט דעם ספר ירמיהו זיינען געגאַנגען אין גלות בבל אַן ערך צען טויזנט ייִדן, אָבער לויט די ספרים עזרא און נחמיה איז דער צוריקקער קיין [illegible] שטאַנען פון 42,360 משפחות, אַחוץ דינער און קנעכט, וואָס זיינען באַשטאַנען פון 7,337, ווי אויך לוויים און משוררים 200, בסך הכל אַרום פופציק טויזנט משפחות. ווי אַזוי איז זיך די צאָל אַזוי ריזיק צעוואַקסן אין עטלעכע צענדליק יאָר? איך גלייב אַז די אויבן־ציטירטע פסוקים וואַרפן אַ ליכט אויף די געשעענישן, אַז גאָר אַ היפּש ביסל ייִדן, וואָס זיינען געווען שוין עטלעכע דורות געבוירענע אין אַשור, פּערסיע און בבל, צוזאַמען מיט גרים, וועלכע האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט דער ייִדישער אמונה, האָבן צוזאַמענגעשטעלט די גרויסע אימיגראַציע פון שיבת־ציון. און אַזוי אַרום זיינען די אָפּגעריסענע אברים צוריקגעקומען אינעם ייִדישן גוף, פאַרשטאַרקט מיט נייע דרויסנדיקע כוחות, וואָס זיינען איינגעגלידערט געוואָרן אינעם ייִדישן פאָלק און האָבן געשמידט דאָס ייִדישע לעבן אין משך פון קנאַפּע זעקס הונדערט יאָר, ביז דעם חורבן בית שני.

עס איז באמת אַ וווּנדער און נישט צו פאַרשטיין וואָס אין משך פון איבער 250 יאָר, פון דעם אויפבוי פון בית שני און ביז דער צייט פון די חשמונאים, איז נישט פאַרשריבן קיין ייִדישע געשיכטע. די אורזאַכן וואָס עס גיבן אָן פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער און אַנדערע, אַז די ייִדישע געשיכטע איז פול מיט נסים ונפלאות פון אָנהייב אָן ביז שיבת ציון, אָבער נאָך עזרא און נחמיה זיינען נישט פאָרגעקומען קיין געוואַלטיקע געשעענישן אינעם אינערלעכן ייִדישן לעבן און די ייִדישע געשיכטע שטעלט זיך נישט אָפּ אויף טעגלעכע געשעענישן — אָט די אויסטייטשונג קאָן אין דער אמתן ניט צופרידן שטעלן. קודם כל איז נישט צום גלויבן אַז ביי אַ פאָלק וואָס איז פול מיט לעבנס־זאַפט און וואָס האָט אין זיך איינגעקלאַמערט אַזוי פיל מענטשן־מאַטעריאַל פון אַנדערע פעלקער, ווי אויך די מענטשן וואָס האָבן באַזעצט ישראל אין דער צייט פון גלות אשור און גלות בבל און האָבן געהאַט פּירער ווי סנבלט, טוביה העמוני און אַנדערע, וועלן אַזוי שנעל אַראָפּ פון דער אַרענע. און עס איז בכלל שווער צו גלייבן אַז ווען עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע מלחמות צווישן פּערסיע און גריכנלאַנד, אַז ייִדן זאָלן דעם ענין גאָרנישט באַרירן — אָנגענומען אפילו אַז זיי האָבן באַשלאָסן מער נישט אנטייל צו נעמען אין קיין מלחמות און צו זיין אַ פולשטענדיקע פּאַציפיסטישע מלוכה, זיינען דאָך זיכער פאָרגעקומען גרויסע אינערלעכע געשעענישן, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרצייכנט ווערן.

עס איז דערפאַר מער לאָגיש צו זאָגן, אַז צוליב פאַרשיידענע סיבות זיינען געוויסע היסטאָרישע ביכער פאַרלוירן געגאַנגען. אפשר וועט מען נאָך אויסגראָבן דאָקומענטן, וואָס וועלן באַלייכטן דאָס דאָזיקע אויסגעריסענע בלאַט פון 250 יאָר ייִדישע געשיכטע. דערפאַר דער גרויסער שפּרונג פון בית שני ביז די מכבים און זייער אויפשטאַנד קעגן אַנטיוכוס (167 פאַר דער צייטרעכענונג). פון וואַנען מען קאָן ווייטער ציען דעם שנור פון ייִדישן קאַמף פאַר קיום, די אַכזריותן



פון אַנדערע פעלקער און אויך די געוואַלדיקע השפעה פון ייִדישן גייסט אויף לענדער און פעלקער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַברהם אָבינו און ציט זיך נאָך עד היום.

## ג. גלות און צעשפּרייטונג

אויב מ׳קאָן אָנרופן מצרים און בבל מיטן נאָמען גלות, קאָן מען אָבער בשום אופן נישט באַצייכענען דעם חורבן בית שני, אין יאָר 70 לויט היינטיקער צייטרעכענונג, און די צעשפּרייטונג פון ייִדן, צוערשט קיין גריכנלאַנד און רוים און דערנאָך אין אַנדערע לענדער, וואָס האָט מיט דער צייט אויך גורם געווען דאָס ייִדן זאָלן ווערן צעשפּרייט און צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט — מיטן נאָמען גלות, סיידן מען וויל באַצייכענען די גאַנצע וועלט ווי איין גרויסן גלות אין פאַרשיידענע סטאַדיעס און פאַרשיידענע קאָלירן.

בדרך כלל, ווען ייִדן געפינען זיך שוין אין אַלע עקן וועלט, מוז מען זאָגן אַז דער גלות האָט זיך ווייט פונאַנדערגעשפּרייט און דאָך האָט ער נישט געקאָנט אָפּטייטן דעם שטאַרקן ייִדיש־נאַציאָנאַלן געפיל.

דער ייִד האָט אומעטום מיט זיך מיטגעטראָגן דאָס ייִדישע לאַנד אין זיין האַרץ, אָבער די פראַגע פון אַ נייעם שיבת ציון איז וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט. אויב פון מצרים איז אַרויס אַ פאָלק פון איין לאַנד מיט איין שפּראַך, און דער צוריקקער פון אַשור און בבל איז באַשטאַנען פון אַ פאָלק וואָס האָט שוין געהאַט אַ שפּראַך־קאָלאָריט פון אַראַמעישע און אַשורישע דיאַלעקטן, זיינען אָבער איצט צוגעקומען אַ סך עקאָנאָמישע, געאָגראַפישע און סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען און שפּראַכלעכע פאַרשיידנאַרטיקייטן, וואָס האָבן געמאַכט שווערער דעם צוריקקער און איבערבוי פון ארץ ישראל. געהאָלפן האָבן אָבער דער ספר־הספרים און די ייִדישע תפילות, וואָס האָבן דעם ייִדן אַרומגענומען ווי אַ פּאַנצער, אים געהיט און געשיצט פון אַסימילאַציע און אונטערגאַנג.

זינט גלות בבל באַצייכנט מען דעם ייִד מיטן נאָמען „יהודי״ (מחמת גלות יהודה, הגם דאָס איז ווייט ניט פעסטגעשטעלט). עס וועט דערפאַר זיין וויכטיק צו ברענגען אַן אויסצוג פון דעם רוימישן היסטאָריקער דיון קאַסיוס, וועלכער איז געבוירן געוואָרן 86 יאָר נאָכן חורבן בית שני:

„פון וואַנען עס נעמט זיך דער נאָמען י ה ו ד י, ווייס איך נישט, אָבער דער נאָמען פאַרשפּרייט זיך אויך אויף פרעמדע (נכרים), וואָס לעבן לויט זייערע געזעצן, און וואָס ניט געקוקט אויף אַלע רדיפות וואָס באַנייען זיך אָפט אויף זיי, האָבן זיי איינגעאָרדנט זייער אייגענעם אַ נערלעכן לעבן און זיי זיינען מקיים זייערע געזעצן אין פולשטענדיקער פרייהייט. זיי אונטערשיידן זיך פון די אַנדערע מענטשן מיט זייער לעבנס־שטייגער, און באַזונדערס מיט דעם וואָס זיי וועלן נישט דינען קיין געטער פון אַנדערע פעלקער, מחמת זיי אנערקענען נאָר איין גאָט, וואָס אים האַלטן זיי הערלעך און היטן אים מיט אַ געוואַלדיקער קנאות. אין ירושלים האָבן זיי אים געשטעלט אַ דענקמאָל. זיי באַטראַכטן זייער גאָט, אַז מען קאָן אים נישט באַצייכענען מיט ווערטער און מען קאָ אים נישט זען. זיי גיבן אים אָפּ כבוד מיטן גרעסטן מסירת נפש, וואָס אומזיסט וועט איר זוכן דאָס גלייכן ביי אַנדערע אומות. זיי האָבן אים געבויט אַ שיינעם און גרויסן טעמפּל, אָבער ער איז אָפן און אָן אַ דאַך. דעם טאָג שבת (סאַטורנוס) איז געהייליקט פאַר דעם דאָזיקן גאָט. אין דעם טאָג דערפילן זיי זייערע הייליקע פליכטן און רוען, און טוען נישט קיין שום מלאכה.

וועגן דעם גאָט, זיין וועזן און דעם קוואַל פון פחד וואָס ער וואַרפט אָן אויף זיינע גלייביקע, האָבן שוין געשריבן אַ סך...״

(מיין אייגענע פרייע איבערזעצונג)

איז ווי מיר קאָנען זען, האָט טאַקע דאָס ייִדישע פאָלק פאַרלוירן זיין לאַנד, אָבער דער ספר הספרים און די אמונה אין ייִדישן גאָט האָט געזיגט און דער רעליגיעזער באָדן, סיי ביי די גריכן און סיי ביי די רוימער, האָט זיך אונטערגעבראָכן

אונטער זייערע פּיס, און געצנדיקט האָט געקראָגן אַ מפּלה. מען קאָן זיך שטאַרק דינגען אויף ווי ווייט דאָס קריסטנטום, אָדער אפילו דאָס מוסולמאַנענטום האָבן אַן ענלעכקייט צו דעם ריינעם יידישן גלויבן. זיכער האָבן זיי אַריינגעבראַכט אַ סך פון היידענטום און געצנדינעריי אין זייערע נייע אמונות, אָבער דער מקור פון זייערע נייע אמונות האָבן זיי דאָך באַשטימט געשעפּט פון דער יידישער תורה.

ווי ווייט דער ייד איז געווען באַהאָפטן מיט דער תורה און זיין גלויבן וועט אונדז דינען אַ קליין מעשהלע פון גלות שפּאַניע. דאָס מעשהלע ווערט געבראַכט ביי רבי שלמה אבן ווירגה, געבוירן אין יאָר 1499:

„איך האָב געהערט פון עלטערע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזן שפּאַניע, אַז אין אַ שיף איז פאָרגעקומען אַ מגיפה, און דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט עוואַקואירט די מענטשן אין אַ פּלאַץ וווּ עס איז נישט געווען קיין ישוב. אַ סך זיינען דאָרטן אומגעקומען פון הונגער, און אַ טייל האָבן מיט זייערע לעצטע כוחות געפּרוווט זיך דערשלעפּן צו אַ ישוב.

„צווישן זיי אויך אַ ייד, זיין פרוי און צוויי קליינע יינגעלעך. האָבן זיי אויך, מיט זייערע פאַרבליבענע כוחות, זיך געשלעפּט צו עפּעס אַ ישוב. די פרוי איז די ערשטע פאַרחלשט געוואָרן און איז אומגעקומען. דער מאַן האָט די קליינע יינגעלעך געטראָגן אויף די הענט און שפּעטער איז ער אויך געפאַלן אין חלשות פון הונגער, און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געטראָפן זיינע צוויי קינדערלעך טויט.

„פון גרויס צער איז ער קוים אויפגעשטאַנען אויף זיינע פיס און אויסגעשריען: ריבון העולמים, דו טוסט זייער אַ סך אַז איך זאָל פאַרלירן מיין אמונה אין דיר. זיי אָבער וויסן, אַז עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, (שעל כרחם של יושבי שמים). אַ ייד בין איך געבוירן און אַ ייד וועל איך בלייבן און עס וועט דיר נישט העלפן וואָס דו ברענגסט אויף מיר און וועסט נאָך ווייטער ברענגען אויף מיר. (לא יועיל מה שהבאת ותביא עלי).“

די קייט פון יידישע רדיפות האָבן זיך געצויגן איבער לענדער און מדינות, וווּ דער ייד איז געגאַנגען זיינען די שינאה און עינויים מיט אים מיטגעגאַנגען און אים באַגלייט מיט זייער ווייניק זון און אָן אַ שיעור שאָטן אַ קליין ביסל פריי לעבן און אַ סך פאַרפאָלגונגען; אַ קליינער פּעריאָד פון אַ ביסל מענטשלעכן ווערט און פרייהייט און באַלד אַן איבערגאַנג צו פאַרשיידענע אויסנאַם־געזעצן, אַכזריות און שפיכת דמים; טיילווייז אפילו אַ בליאַסק פון ליכט, ווי אין דער יידישער „גאָלדענער עפּאָכע“, אָבער אויך דאַן האָבן אַ סך דיכטערס, ווי שלמה אבן גבירול און יהודה הלוי, געשריבן וועגן דער בענקשאַפט נאָך ציון. מיר וועלן נאָר ברענגען קורצע סטראָפן פון נאַציאָנאַלע מאָטיוון פון דער „גאָלדענער עפּאָכע“:

...דוידס שטאָט, וואָס שטייסטו אויס־
געפּרוירן שטום?
ווינטער איז אַריבער—בלי מיט צוויג
און בלום.
ווי לאַנג נאָך וועט ישמעאל אויסצערן
מיין קראַפט,
און ווי לאַנג וועט אדום האַלטן מיך
פאַרשקלאַפט?
טויזנט יאָר אין גלות גיי איך אָפּ
מיט בלוט,
כ'בין אַ וואַנדער־פויגל אין דעם מדבר
גלות.
קומט ווען מיין דערלייזונג פון דער
שוואַרצער נאַכט?
אונטער זיבן זיגלען איז באַשייד פאַר־
מאַכט.

שלמה אבן גבירול
(תרגום י. י. שוואַרץ)

אויך דער דיכטער משה אבן עזרא האָט געשריבן נאַציאָנאַלע דיכטונג:

„איילט שנעל צוריק צום וווינונג פון
די טייערע —
די צייט האָט צעשפּרייט, און וווינונג
וויסט פאַרבליבן.
אַמאָל האָבן געלעבט דאָרט איידן —
נאָר אַצינדערט
דאָרט האָבן בייזע וועלף און לייבן זיך
פאַרקליבן.
אויך דאָס שרייען פון דער איידין
וויינט און קלאָגט זיך
פון אדומס צוואַנג, און פון אַראַביען־
לאַנד געפאַנגען;
זי וויינט צו גאָט, צו דעם געליבטן
פון איר יוגנט,
און גיסט איר האַרץ אויס אין די
צערטלעכע געזאַנגען:
'לענט אונטער, שטאַרקט מיט וויין
דאָס האַרץ דאָס טריבע,
דען איך בין קראַנק, גיי אויס פון
ליבע'...“

(תרגום י. י. שוואַרץ)

אויסערגעוויינלעך פּאַטעטיש זיינען די נאַציאָנאַלע לידער פון דעם גאָט־געבענטשטן דיכטער, (דאָס מויל געקושט פון גאָט“ — היינע) יהודה הלוי. מיר וועלן נאָר ברענגען עטלעכע פערזן פון זיין ליד ציון:

„...איז דאָ אַ לאַנד נאָך איינס, וואָס קאָן
צו דיר זיך גלייכן,
פאַרגלייכן זיך מיט דיינע הייליקייטן?
צו וועמען גלייכן דיינע גרויסע מלכים,
די זינגער און לוויים דיינע פון פאַר־
צייטן?
פאַרשווינדן וועט די פּראַכט פון אַלע
היידן־פעלקער,
דיין פּראַכט און קרוין וועט אָבער
אייביק גלאַנצן;
ס'האָט גאָט דיך פאַר זיין וווינונג אויס־
געקליבן—
ווייל דעם, וואָס ער וועט אין דיין ערד
פאַרפלאַנצן;
געבענטשט איז דער, וואָס וועט דער־
לעבן זען,
ווי ס'גייט אויף לויכטנדיק דיין
מאָרגנשטערן;
זען גליק אויף דיינע פריינד, זיך פרייען
מיט דיין פרייד,
ווען דו באַנייט און יונג וועסט ווידער
ווערן.“

(תרגום י. י. שוואַרץ)

הגם די דערמאָנטע דיכטערס האָבן געלעבט אין 11טן און אין אָנהייב 12טן יאָרהונדערט און האָבן געשריבן אונטער דער השפעה פון דער אַראַבישער ליטעראַטור, זיינען זיי אָבער אַלע געווען שטאַרק נאַציאָנאַל און אויסגעאיבט אַ גאָר שטאַרקע ווירקונג אויף דער יידישער באַפעלקערונג פאַרן נאַציאָנאַלן געדאַנק.



טייל יידן פלעגן פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך לאָזן קיין ארץ ישראל, הגם דאָס איז דאַן באַשטאַנען פון גרויסע סכנות. אַזוי איז שטענדיק געווען יידישע ישובים און יידישע קיבוצים, וואָס האָבן געהאָפט זיך צו פאַרגרעסערן און ברענגען די גאולה. ווער עס האָט געלייענט די זכרונות פון דוד הראובני, באַקענט ער זיך מיט די גרויסע בענקשאַפטן, וואָס יידן האָבן אַרויסגעוויזן בשעת זיינע באַזוכן אין שפּאַניע און אין פּאָרטוגאַל, ווען זיי האָבן געדענקט אַז עס קומט שוין די גאולה און אויסלייזונג פון גלות און פון יידישן פאָלק.

אין 1789, ווען עס איז אין פראַנקרייך פּראָקלאַמירט געוואָרן די לאָזונג פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט“, האָבן אַ סך יידן געגלייבט אַז עס קומט אויף דער וועלט אַן אויפשיין פון אַ ביי ליכט און די וועלטלעכע עמאַנציפּאַציע האָט אויך אַרומגעכאַפּט דאָס יידישע פאָלק. אָבער באַלד האָט זיך ווידער פאַרכמורעט דער יידישער הימל, און האָפענונגען זיינען צערונען געוואָרן, כאָטש די לאָזונג איז, הגם אויסגעהוילט פון איינהאַלט, ווייטער פאַרבליבן און האָט זיך געצויגן ביז איינעם יאָר 1882, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די גרויליקע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, איז געקומען די גרויסע אויסניכטערונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד. איי־ניקע האָבן אויסגעביטן רוסלאַנד פאַר אַן אַנדער טייל וועלט, ווי דרום־ און צפון־אַמעריקע. אָבער אַ סך האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַן אויסבייט פון איין גלות אויף אַ צווייטן. עס האָט זיך דאַן געגרינדעט די ביל"ו־אָרגאַניזאַציע (בית יעקב לכו ונלכה). דאָס קליינע הייפעלע אידעאַליסטן פלעגן האָבן אַ שלאָגוואָרט קעגן די וועלכע האָבן מינימיזירט זייער כוח, אַז מיטן גרינדן אַ קאָלאָניע אין ארץ ישראל וועלן זיי ברענגען די גאולה:

„מתבת גומא יצא משה רבנו,
מקולוניה קטנה—גאולת עמנו.“

די עולים פלעגן שיקן ארץ ישראל מצות קיין רוסלאַנד און דורך דעם פּראָפּאַגאַנדירט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק. די אָרגאַניזאַציע ביל"ו פלעגט צעשיקן צו דריי מצות פאַר פסח צו די רייכערע בעלי־בתים

מיט אַ נאַציאָנאַל ליד, וואָס דערמאָנט וועגן פסח און גאולה:

„...ובליל הגאולה, בשבתו במסיבו,
בן עם סגולה — יתן אל לבו.
לזכור ארצנו, מקדם קדמותה,
ואת אחינו — המחדשים אדמתה.״
(ווען איר זיצט זיך באַקוועם—אין דער גאולה־נאַכט,
זון פון אַ גרויס פאָלק—באַנעם, באַטראַכט.
געדענק אונדזער לאַנד — צוריק עס באַפרייען,
און אונדזערע ברידער,
וואָס די ערד דאָרט באַנייען).
(איבערזעצט פון מיר אַליין)

אַזוי האָט דאָס נאַציאָנאַל־פאָליטישע רעדל זיך אָנגעהויבן דרייען. דערנאָך איז געקומען ד״ר הערצל און געגעבן דעם ציוניזם אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס—סיי אין דער פאָליטישער ריכטונג, ווי ער האָט אַרויפגעבראַכט דעם „נאַציאָנאַלן געדאַנק״ אויף דער פאָליטישער אַרענע פון פעלקער און געזוכט זייער שטיצע און הילף, סיי אין דער ריכטונג פון קאָלאָניזאַציע, ווי אויך די פאַרשטענדעניש, אַז די שפּראַך פון ישראל מוז פונקט ווי דאָס פאָלק ישראל באַנייט און באַפרייט ווערן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1917, ווען גענעראַל אַלענבי האָט אַריינמאַרשירט קיין ארץ ישראל מיטן אָנטייל פון אַ יידישן לעגיאָן און געמאַכט אַ סוף צו דער הערשאַפט פון טערקיי איבערן לאַנד — אינעם זעלבן יאָר איז געגעבן געוואָרן די דעקלאַראַציע פון לאָרד באַלפור וועגן דער גרינדונג פון אַ יידישער מלוכה. מען האָט לאָרד באַלפור באַטיטלט מיטן היסטאָרישן נאָמען כ ו ר ש און זיין דעקלאַראַציע אָנגערופן: די נייע כורש דעקלאַראַציע. אָבער די נייע צוזאָגונגען, מיט דער באַשטעטיקונג פון דער פעלקער ליגע, און דעם צוזאָג פון סאַן רעמאָ. אָדער ווי אַנדערע האָבן עס שוין דעמאָלט באַצייכנט: „סם רמאי״, זייענען שנעל צערונען געוואָרן, און די טויערן פון ישראל זייענען באַלד פאַרמאַכט געוואָרן, און דער יידישער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען קעגן איר מכלומרשטן פריינד ענגלאַנד.

די ווייטערדיקע געשיכטע האָבן גאָר אַ סך פון אונדז איבערגעלעבט אויף די אייגענע פלייצעס. עס איז געקומען דער היטלעריזם און געמאַכט אַ תל פון גרעסטן טייל יידן אין אייראָפּע. דער יידישער וויטאָג איז געווען גרויס וואָס דער שונא היטלער האָט זיך באַרימט און דעקלאַרירט פאַר דער וועלט, אַז ער האָט די יידן געגעבן זעקס יאָר צייט צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד, אָבער קיינער האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן. צו די ברעגן פון קובאַ זייענען אין יאָר 1938 געקומען עטלעכע און אַכציק יידישע עמיגראַנטן מיט קובאַנישע פאַספּאָרטן, אָבער קובאַ האָט איר שטעלונג געביטן און די יידן נישט אַריינגעלאָזט. די שיף מיט די יידן האָבן זיך געלאָזן צו די ברעגן פון מיאַמי, פלאָרידאַ, אָבער אויך דער צבועקישער ליבעראַלער פּרעזידענט רוזוועלט האָט פאַרשלאָסן פאַר זיי די טיר.

אין יאָר 1942 האָט דער שרייבער פון די שורות מיט זיינע אייגענע אויערן געהערט היטלערס אַ רעדע מיט אַן אַפּיל צו דער וועלט אַרויסצונעמען די יידן בכדי צו לייזן די יידן־פראַגע אויף אַ מענטשלעכן און ציוויליזירטן אופן. אָבער די וועלט איז געווען טויב און שטום צום יידישן גורל. אין דער צייט ווען פון גלות מצרים האָט מען נישט געקאָנט אַרויס קיין ארץ ישראל האָט מען בשעת דער ענגלישער הערשאַפט איבער ישראל אַהין נישט געקאָנט אַריין. אַי אַ באַלפור דעקלאַראַציע מיט הבטחות און יושר? האָט דאָס אַזאַ ווערט ווי דאָס קריסטלעכע תורהלע: דער ברית החדשה איז זיך איין זאַך און דער גוי אַ צווייטע זאַך.

נו, וועמען איז נישט באַקאַנט די געשיכטע פון דער שטרומאַ און פאַטריאַ, וואָס זייענען געזונקען געוואָרן שוין ביי די ברעגן פון ארץ ישראל.

אָבער נאָך דעם גרויסן חורבן אונדזערן האָט דער וועלט־געוויסן עפּעס זיך פאָרט אַ ריר געטאָן און אפילו די קאָמוניסטישע רוסלאַנד האָט אויך איינגעזען (אפשר אויך צוליב פאָליטישע סיבות, אַרויסצושטויסן ענגלאַנד פון ארץ ישראל), אַז יידן דאַרפן האָבן אַ שטיקל אייגן לאַנד וואָס זיי זאָלן קאָנען רופן „היים״. אָט איז אַ שטיקל אויסצוג פון אַ רעדע פון אַנדריי גראָמיקאָ, סאָוועטישן אויסערן־מיניסטער, וואָס ער



האָט געהאַלטן ביי דער יונייטעד ניישאַנס אין מאַי 1947:

„...די אויספאָרשונגס קאָמיסיע דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט די ליידן פונעם יידישן פאָלק זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה. ליידן וואָס מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. אַרום זעקס מיליאָן יידן פאַרטיליקט... אַ גרויסע צאָל יידן וואָס זייענען פאַרבליבן, זייענען אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד און אָן שום מיטלען פאַר עקזיסטענץ. זיי וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד. אונדזער פליכט איז צו העלפן דעם אומגליקלעכן פאָלק וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין דער מלחמה..

דער פאַקט וואָס אפילו איין מערב־אייראָפּעישע מאַכט איז נישט געווען מסוגל זיך אַריינצומישן וועגן די עלעמענטאַרע רעכט פונעם יידישן פאָלק אָדער קאָמפענסירן טיילווייז פאַר די ליידן פון די פאַשיסטישע תליינים, דערקלערט די שטרעבונג פון יידן צו שאַפן אַן אייגענע מדינה. . .״

גראָמיקאָס רעדע איז אַ גאָר לאַנגע. איך גלייב קוים צי דער בעסטער ציוניסט וואָלט געקאָנט וואַרעמער ריידן. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט און וואָס פאַר אַ האַפט האָט עס, ווען אָט דער זעלביקער גראָמיקאָ בילט איצט צוזאַמען מיט אַנדערע שונאי ציון קעגן דער יידישער מדינה. ווי זאָגט דער גרויסער דיכטער ביאַליק: „צא בקש משפטך שאבד בחיים.״ — גיי זוך דיין יושר וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען.

* * * * *

איז דאָס איצטיקע יאָר שוין ב״ה דאָס פינף און צוואַנציקסטע יאָר זינט די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מלוכה. פינף און צוואַנציק יאָר פון שוויס און בלוט. יידן פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן צוזאַמען מיט יידן פון דער פרייער וועלט העלפן בויען די יידישע מלוכה. טייל מיט פינאַנסן, אַנדערע דורך עליה. אַזוי איז ארץ ישראל געוואָרן אַ קיבוץ גלויות נישט נאָר יידן פון גאָר דער וועלט ווערן צעמענטירט אין איין גרויס פאָלק, אויך זייערע שפּראַכן ווערן איינגעשמאָלצן אין איין שפּראַך, העברעיש, מיט יידיש אַלס געטרייע באַגלייטערן. סוף כל סוף האָט דאָך יידיש מיט אונדז צוזאַמען געליטן און דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט בשום אופן נישט קאָנען שרייבן יידישע געשיכטע אָדער די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, נישט קאָנענדיק די יידישע שפּראַך. אפשר זייענען גערעכט די יידן וועלכע האָבן באַטיטלט יידיש מיטן נאָמען „יידיש קודש״. זי וועט אפשר ניט באַנוצט ווערן אין טאָג־טעגלעכן לעבן ווי די אומגאַנגס שפּראַך, אָבער די באַציאונג צו איר וועט שטענדיק זיין אַ דרך־ארצדיקע, שוין צוליב דעם וואָס מיליאָנען יידן דורך דורות זייענען מיט דעם לשון געגאַנגען אויף קידוש השם.

צום סוף איז כדאי צו ציען אַ פאַראַלעל פון שיעבוד מצרים און די לאַגע אין דער היינטיקער רוסלאַנד. אין מצרים האָט מען יידן נישט אַרויסגעלאָזן. „ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף,״ אַ נייער מלך איז אויפגעשטאַנען און זיך נישט גערעכנט מיט די לייסטן פון די יידן אין דער צייט פון יוסף אַזוי האָט זיך די לאַגע אויך געביטן אין רוסלאַנד. זי וויל נישט אָנערקענען די לייסטן און קרבנות וואָס יידן האָבן געלייסטעט פאַר דער רעוואָלוציע גופא און די גרויסע פאַרדינסטן וואָס יידן האָבן פאַרן רוסישן פאָלק. אויך דאָ באַצאָלט מען זיי מיט שטיינער פאַר זייער ברויט. און יעדער ייד וואָס וויל אַרויספאָרן קיין ישראל ווערט באַשטראָפט און פאַרשפּאַרט אין תפיסה. ווי שרייבט י. פאַפערניקאָוו:

„אין בלוט און אין פייער
קומט אויס אונדזער היים דאָ צו בויען,
אין בלוט און אין פייער,
צו לייגן די ציגל און טרעפּ,
און וואַקסן און שטייגן אויף זיי
אין די הימלען די בלויע,
וואָס ליגן צעפּלאַטערט אויף דעכער,
אויף טורעמס און קעפּ...״

ער שרייבט אין אַן אַנדער ליד, וואָס הייסט: „מיר ווילן שלום״:

„מיר ווילן שלום, ווי מיר ווילן לעבן,
צו דערלעבן נאָך צו אמת גליק,
פאַרוואָס מ׳איז גרייט אַ מאָל אַוועק־
צוגעבן
אויף דאָס לעבן אינעם קאַמף און קריג

אַלטער עסעלין / מילוואָקי

# אויף די ראַנדן פון תנ״ך

נאַכט. איך און מיין שאָטן.
ביים האַנט אַ פען און טינט.
אַ גריל זשומט ווי אויף נאָטן,
אין דרויסן אלולט אַ ווינט.

אויפן טיש דאָס הייליקע בוך,
אַלט און זאַט שוין מיט יאָרן;
איך לייען, לערן און זוך
בעמען פון די אויטאָרן.

ווער האָט געשריבן האזינו?
און נחמו נחמו — ווער האָט.
אַ זעאונג גייט אויף אין מיין זינען,
דיכטונג געגענט צו גאָט.

בלוט איז אין יעטוועדן אות,
צער — תהומיקע טיפן,
ווערטער פשוט ווי גראָז
רוישן ווי וועלדער אין סיון.

געזאַנגען פון דוד און שלמהן,
די וועלט צעגיסט זיך אין לידער,
ווער עס וועט בענקען און טרוימען
וועט זינגען זיי ווידער.

ווינט ווײנט ווי אויף פידלען,
מיין שאָטן ווערט גרעסער און העכער;
עס גייען מיט בערד און קיטלען
אַ רייע לא אָמות כי אחיה'ער.

נביאים, נזירים, המונים,
ווי פון אונטערן פענזל פון מאַלער,
עס שלאָגט פון מיין יחוס דעם שיינעם,
דופט אָריענטאַלער.

איך שפיר דעם עראָטישן אָטעם
פון שמשון, דעם האָריקן גיבור.
אפילו דלילה, וואָס האָט אים
פאַרראַטן, ווערט אויך מיר ליבער.

ראָמאַנס פון עקזאָטישער רותן,
בײַאַרער יום־טוב אין מיטוואָך,
היכמוט, שלאַכטפעלד גרוסן,
פאַר'נדר'טע טאָכטער פון יפתח.

גלאָריע — אויך חורבן פון פלוד,
ווי נעכטן, היינט און ווי מאָרגן,
וואָרהאַפטיקע ווערטער פון בוך
וויברירן ווי אָרגלען.

דעם שונאס האַנט איז ווי אייזן,
דער נביא — ערשט שטאַמלער און שטומער,
נאָר אַז בלוט אויף דער ערד נעמט זיך ווייזן,
ברעכט אויס אין זיין גאָגל דער דונער.

דער דונער איז שטאַרקער פון טראָנען,
ווי יושר איז שטאַרקער פון שווערד.
טויט שוין דער נביא — זיין מאָנען
שרייט אַלץ פון דער האַרץ פון דער ערד.

און וויפל דו לייענסט פון דאָרט,
קאָנסט אַלץ ניט דערשעפן:
פאַרשיכורט פון שיינקייט פון וואָרט,
נעמען די אויגן זיך קלעפן.

דיין האַנט בלייבט אויפן בלאַט,
דיין קאָפ פאַלט מיד אויפן קישן,
ביזט רואיק און קלוג ווי סאָקראַט
און אַלט ווי אָדם הראשון.

---

... מיר ווילן שלום, ווי מיר ווילן לעבן
און זיך אויסלעבן געזונט און פריי,
ניט גרייט דעם שונאס דרוק זיך
אונטערגעבן,
שלום, אָבער ניט אויף יעדן תנאי !!!"

יאָ, מיר ווילן שלום. שלום איז אויך אַ נאָמען פון גאָט. די יידישע באַגריסונג יעדן טאָג ביי יעדער געלעגנהייט איז שלום, וווּ איר קערט זיך או ווו איר ווענדט זיך הערט איר דאָס וואָרט אין וועלכן עס ליגט טויזנטער יאָר יידישע בענקשאַפט און יידישע האָפענונג פאַר דער וועלט דערלייזונג — שלום!



## אריה פאַזי

# די תפוצות, ישראל און דער קיום פון יידישקייט

## (צום 25טן יום העצמאות פון מדינת ישראל)

ביי די אומות העולם איז דער קיום פון אַ וועלכער ניט איז קולטור אָדער ציוויליזאַציע לאו דווקא ענג געבונדן מיט אַ באַשטימטן פאָלק. נעמט, למשל, קריסטלעכקייט, בודאיזם, אָדער אפילו די גריכישע קולטור — זיינען עס קולטורן וואָס זיינען ניט אָפהענגיק פון אַ וועלכן ניט איז פאָלק: זיי ווערן אָנגענומען פון אַלערליי פעלקער, און ניט די באַזונדערע קולטורן פאַרלירן דעמאָלט זייערע באַזונדערע אייגנאַרטיקייטן אָדער אידענטיטעטן און ניט די באַזונדערע קולטורן פאַרלירן דעמאָלט זייער באַשטימטקייט און אינהאַלט.

אַנדערש איז מיט יידישקייט: ישראל ואורייתא חד הוא, האָבן געזאָגט די חז״ל נאָך פון אַמאָל, און אַזוי איז עס געבליבן — די תורה, די ספעציפישע יידישע קולטור, יידישקייט, קען ניט אָפגעטיילט ווערן פון יידישער פאָלקישקייט, ווי יידישע פאָלקישקייט קען ניט אָפגעטיילט ווערן פון יידישקייט. קיום האומה און יידישקייט זיינען ענג געבונדן און קענען ניט פונאַנדערגלידערט ווערן. בכן ווען מיר ריידן וועגן קיום האומה, איז עס גלייכצייטיק מחייב דעם אויפהאַלט און קיום פון יידישקייט.

## קיום האומה

דער באַגריף קיום האומה איז ניט אַזוי פשוט ווי עס זעט אויס. איבערן יידישן קיום לויערן אַ סך סכנות. לאָמיר דאָ אויסרעכענען אייניקע פון זיי — די מער בולטע.

ערשטנס, ס'דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט דאָס וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך: די יידישע קהילה, ווי קהילות בכלל, איז אַ רבים, אַ מערצאָל, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון יחידים. די יידישע קהילה איז ניט אַן אַבסטראַקציע, ניט קיין הוילע רוחניות, נאָר איז אַ ממשות, אַ קאָנקרעטע זאַך. לכן איז די קהילה אָפהענגיק פון דעם קיום און ווילזיין פון אירע באַזונדערע יחידים. און אַוודאי איז די קהילה אָפהענגיק פון דעם עצם קיום פון די יחידים — ממש זייער פיזישער קיום.

און דער פרווו צו פאַרטיליקן יידישע יחידים און דורך דעם אומברענגען די גאַנצע אומה — אַזוינע פרובירונגען זיינען פון שונאים אַ סך מאָל געמאַכט געוואָרן אין משך פון דער לאַנג־יאָריקער יידישער געשיכטע. אונדזער אייגענער דור איז אַן עדות ווי די דייטשן מיט היטלער בראש, ימח שמם וזכרם, האָבן אומגעבראַכט דעם רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק אין אייראָפע. און ענלעכע פרוון זיינען אויך פריער געמאַכט געוואָרן פון אַלערליי צוררי היהודים — אָנהייבנדיק פון פרעהן און המנען און פאָרגעזעצט געוואָרן דורך די קרייצצוגן, דער קאַטוילישער אינקוויזיציע, דורך באָגדאַן כמעלניצקי, וואָס ווערט אָנגערופן גזירת ת״ח ות״ט; די רוסישע, פוילישע און רומענישע פאָגראָמען, און נאָך און נאָך. זיי אַלע, די דאָזיקע צוררים האָבן געהאַט אין זינען — בעסער געזאָגט, אין זייער סאַדיסטישן חשן, אומזין — אומצוברענגען דאָס פאָלק ישראל דורך פאַרטיליקן יחידי ישראל.

דאָס איז איין סכנה וואָס באַדראָעט דעם קיום פון אונדזער אומה, אָבער דערביי איז דאָ נאָך אַ סכנה:

די סכנה באַשטייט פון דער גאָר גרויסער צאָל פון אַזעלכע אַנטיסעמיטן, וואָס פראָקלאַמירן זיך, אַז וואָס שייך יידן ווי יחידים, זיינען זיי צו זיי פריינדלעך, אָבער אָנגעשטויסן זיינען זיי קעגן יידישקייט ווי אַ קולטור אָדער ציוויליזאַציע. ד״ה, יידן ווי יחידים, זיינען ווי מענטשן בכלל: צווישן זיי זיינען דאָ גוטע מענטשן אָדער שלעכטע מענטשן, אָבער די יידישקייט, אָן וואָס זיי געהערן זיך אָן, טויג ניט. זיי, די דאָזיקע „פריינדלעכע" שונאים פון דער יידישער אומה דערקלערן, אַז זיי קענען ניט גלייכגילטיק צוקוקן זיך צו

די יסורים פון יידישן פאָלק, און, מחמת דעם, וואָלטן זיי שטאַרק געוואָלט, אַז יידישקייט ווי אַ באַזונדערע און אייגנאַרטיקע קולטור זאָל זיך אויפלעזן, און יידן יחידים וועלן דעמאָלט פּטור ווערן פון זייערע צרות.

צווישן אַזעלכע „פריינדלעכע" שונאים פון יידישקייט געפינען זיך אַ סך אינטעלעקטואַלן־יחידים, ווי דער באַקאַנטער היסטאָריקער אַרנאָלד טאָינבי, און אפילו גאַנצע מלוכות, ווי סאָוועטן רוסלאַנד, וואָס פירט אָן אַ סיסטעמאַטישן סאָציאַל־פּאָליטישן איינשטעל צו פאַרטיליקן יידישקייט ווי אַ כלל.

אָט די סכנה לגבי יידישקייט ווערט אַ סך געפערלעכער מיט דעם, וואָס צווישן יידן גופא געפינען זיך אַסימילאַטאָרן, וואָס גיבן זייער הסכם צו די איינשטעלונגען פון די דאָזיקע כלומרשטע יידישע פריינד. זיי וואָלטן אויך געוואָלט, אַז יידישקייט זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד, זאָל אומקומען, און יידן יחידים זאָלן זיך אויסמישן מיט דעם כלל צווישן וועמען זיי וווינען און זאָלן ווערן א ו י ס ווי יידן.

איז דער אמת, אַז אָט די סכנה פאַרן קיום האומה איז נאָך געפערלעכער פון דער יידישער גענאָסיד־סכנה. יידישער גענאָסיד איז אוממעגלעך. ניט באַוויזן האָבן דאָס צו דערגרייכן אפילו די דייטשן מיט זייערע אַרויסהעלפערס: ליטווינער, אוקראַינער, לאַטישן און די אַנדערע אומענטשן וואָס האָבן זיך מיט די דייטשן באַהעפט אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מילחמה. זיי האָבן טאַקע אומגעבראַכט אַ דריטל פון יידישן פאָלק, אָבער צוויי דריטל זיינען פאָרט געבליבן. אויף דעם האָבן נאָך חז"ל אָנגעוויזן ווען זיי האָבן געזאָגט: „צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרן לבין האומות" — גאָט האָט די יידן געטאָן אַ טובה מיט דעם וואָס ער האָט זיי צעשפּרייט צווישן די פעלקער (פּסחים פ"ז), מחמת אָט דער מצב פון יידישער צעשפּרייטקייט צווישן אַלערליי פעלקער איבער אַלע טיילן פון דער וועלט באַרויבט די שונאים פון די יידן אומצוברענגען דאָס גאַנצע פאָלק, מחמת זיי, די שונאים, האָבן מאַכט נאָר אין איין לאַנד און ניט איבער דער גאַנצער ערד.

אָבער אָט די טובה פון יידישער צי־זייטקייט־צעשפּרייטקייט איבער אַ סך לענדער, וואָס מאַכט אוממעגלעך יידישן גענאָסיד, מאַכט לייכטער די סאָציאַלע פאַרלענדונג פון יידישע קיבוצים דורך אַ פּראָצעס פון סטיכישער אָדער פּלאַנירטער אַסאַמילאַציע, דורך אַ נאַטירלעכן אָדער קינסטלעכן דרוק פון דער פרעמדער סביבה.

אָט די סאָציאַל־קולטורעלע פאַרלענדונג־אַרבעט איז ניט אַזוי מערקווירדיק ברוטאַל און ניט אַזוי פּיינלעך ווי די פיזישע אומברענגונג, אָבער וואָס שייך דעם עצם קיום פון דער אומה איז זי פון אַ גרעסערער סכנה. גרעסער ווערט די סכנה נאָך מיט דעם, וואָס צווישן יידן גופא איז די צאָל גרויס, וואָס גיבן זייער הסכם צו אַזאַ אומקום, ווו דער יחיד ווי אַזוינעם דראָעט ניט קיין סכנה, קיין פיזישע סכנה, און אויף זיין גייסטיקייט איז ער מוותר.

לכן, ווי עס זעט זיך אַרויס, געפינען זיך יידן אָפּט מאָל אין אַזאַ מצב, ווען יחידים ווי אַ פּרט ווערן ניט פאַרפאָלגט, אָבער די אומה ווי אַ כלל, ווי אַ סאָציאַל־עטישע געמיינדשאַפט ווערט סיסטעמאַטיש געפירט צום אומקום.

אַחוץ די דאָזיקע צוויי סכנות פאַרן קיום האומה איז דאָ נאָך אַ גרויסע און נאָך שאַרפערע סכנה. זי אַנטוויקלט זיך דעמאָלט ווען דער יידישער יחיד, טרעט אפילו ניט אָפּ פון יידישן כלל, אָבער ווען דער גאַנצער כלל גייט אַוועק אויף אַזאַ וועג דורך וועלכן ער פאַרבלאָנדזשעט און ער פּרוּווט אָפּרייסן זיך פון זיין המשכדיקייט, פּרוּווט בטל מאַכן זיין בונד מיט דעם עבר און זאָגט זיך אָפּ פון דער גייסטיקער ירושה וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן פון דור דורות אָן.

אפילו די תורה האָט שוין פאָרויסגעזען, אַז עס קען מעגלעך זיין, אַז די גאַנצע אומה זאָל ממשיך זיין איר זעלבסטשטענדיקן סאָציאַל־פּאָליטישן באַשטאַנד, און גלייכצייטיק זיך אָפּפרעמדן פון זיך אַליין, זיך אַליין פאַרלייקענען, איבעררייסן די גאָלדענע קייט וואָס פאַרבינדט זי מיט דער באַשטימטער יידישער גייסטיקייט, קולטור און עטיק. און די תורה איז היפּש אַלאַרמירט מכוח דעם און זי הערט ניט אויף צו וואָרענען דאָס פאָלק צו זיין אָפּ־



געהיט ניט צו פאַרבלאָנדזשען אויף פרעמדע וועגן.

מילא, ווען אַ יחיד טוט פאַרברעכן קעגן פאָלק, קעגן די פּרינציפּן פון יידישקייט, האָט די תורה פאַרשריבן קעגן אים האַרבע שטראָף. קעגן אַ מסית ומדיח האָט די תורה פאַרשריבן, אַז „דיין אויג זאָל אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן" (דברים יג, י') און אַז „זאָלסט אים דערהרגענען" (דאָרט). אָבער וואָס טראַכט די תורה בנוגע אַזאַ גייסטיקער ירידה, אַזאַ קולטורעלער קאַטאַסטראָפע ווען דער גאַנצער קיבוץ טרעט אָפּ פונעם ריכטיקן וועג, הייבט אָן אימיטירן פרעמדע פעלקער און זאָגט זיך אָפּ פון דעם בונד וואָס אַברהם אָבינו האָט פאַרשניטן מיט גאָט? אין אַזאַ פאַל איז דאָך לית דין ולית דיין — ניטאָ קיין בית־דין וואָס זאָל דעמאָלט אורטיילן און פאַראורטיילן דעם גאַנצן קהל, מחמת דער בית־דין גופא איז דאָך אַ טייל פונעם קהל. — אויף דעם ענטפערט די תורה, אַז געשיכטע וועט פאַראורטיילן דאָס פאָלק: די היסטאָרישע מערכה פונעם פאָלק וועט דעמאָלט געפירט ווערן צו פאַרוואָגלונג, פאַרשקלאַפונג, יסורים — אַלע קללות פון דער תוכחה וועלן זיך דעמאָלט אויסגיסן אויפן פאָלק.

און אָט דער געדאַנק ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער תורה זייער קלאָר.

די תורה באַטראַכט דאָס יידישע פאָלק ווי אַ קיבוץ וואָס האָט זיך מתחייב געווען אויפצופירן זיך לויט באַשטימטע קולטור־עטישע און גייסטיקע געזעצן, ווי אַ קיבוץ וואָס האָט אָנגענומען אַ באַשטימטע תורה, און צו אָט דער תורה דאַרף עס זיין אָנגעהעריק מיט האַרץ און נשמה. אָבער ווען דער קיבוץ וועט אָפּטרעטן פון זיין אָנגעצייכנטן וועג, איז אין דער תורה וועגן דעם פאַרשריבן דאָס ווייטערדיקע:

„אַז דו וועסט געבוירן קינדער און קינדס־קינדער און דו וועסט זיך עלטערן אין לאַנד און איר וועט פאַרדאַרבן און איר וועט מאַכן אַ געץ... נעם איך פאַר עדות הימל און ערד... אַז איר וועט פאַרלוירן גיין." (דברים ד, כח).

דער אייגענער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין אַ סך אַנדערע פּרשות און פּסוקים — סיי אין דער תורה און סיי פון די נביאים, וואָס זיי האַלטן זיך ביי דעם פּרינציפּ, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף זיין אַן „עם קדוש", אַ פאָלק וואָס זאָל פאָלגן אַ באַשטימטע אייגנאַרטיקע תורה, זאָל זיך אויפפירן לויט באַשטימטע עטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן, זאָל זיין אַ גייסטיק פאָלק, און דער פאַקט אַליין, וואָס יידן וווינען צוזאַמען אויף אַן אייגענעם באָדן, זיינען זעלבסטשטענדיק סאָציאַל און פּאָליטיש, איז ניט גענוג צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער אומה ווי אַ יידישקייט־פאָלק.

בכן, דער קיום פון דער יידישער אומה ווערט געשטעלט אין דריי באַזונדערע סכנות: גענאָסיד, אַרויסגעצוווּנגענע אָדער פרייוויליקע אַסימילאַציע און — ווען אפילו אויף דעם אייגענעם באָדן — דעמאָראַליזאַציע דורך פרעמדע איינפלוסן, דורך וועלן ווערן ככל הגויים.

דאָס פירט צו דער מסקנה, אַז דער ציוניסטישער אידעאַל, פאַר זיך אַליין, איז ניט קיין גאַראַנטיע פאַרן קיום האומה. איצט, ווען אונדזער ציוניסטישער אידעאַל איז ב"ה פאַרווירקלעכט געוואָרן, איז טאַקע דער סאָציאַל־פּאָליטישער קיום פון אַ גרויסער צאָל יידן פאַרזיכערט געוואָרן. אָבער דאָס איז ניט גענוג, דאָס טאָר ניט זיין גענוג! מיר מוזן אויך פאַרזיכערן זיך, אַז יידישקייט זאָל אויפגעהאַלטן ווערן — אויפגעהאַלטן ווערן ניט נאָר אין די תפוצות, ווו עס געפינט זיך און וועט אויף תמיד פאַרבלייבן דער רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק, נאָר זאָל אויך אויפגעהאַלטן ווערן אין דער אייגענער מדינה אין ישראל — אַז אויך די יידן פון ישראל זאָלן ניט אָפּטרעטן פון דעם וועג וואָס איז באַשטימט פאַרן פאָלק ישראל.

בכדי עם ישראל זאָל זיין אַ יידישקייט־פאָלק — אין די תפוצות ווי אין מדינת ישראל — און ניט בלויז סתם אַ פאָלק, אַ קיבוץ פון פיזיאָלאָגישע יידן, פון אָפּשטאַם־יידן, נייערט טאַקע אַ יידנשאַפט מיט יידישקייט, אַ קיבוץ פון געוויסנשאַפטלעכע יידן — בכדי אָט דעם ציל צו דערגרייכן, דאַרפן יידן זיך ספּעציעל דערציען, דאַרפן — פּשוט גערעדט — ממשיך זיין צו גיין איבער די וועגן וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אין דער תורה, דורך די נביאים און זייערע מפרשים פון לאַנגאָן און ביז

די לעצטע דורות. ניט גענוג וואָס מיר האָבן צוריקגעקראָגן אונדזער אייגן לאַנד. דאָס אַליין וועט דעם קיום האומה ניט פאַרזיכערן. מיר דאַרפן, פיגוראַטיוו, צוריק שטעלן זיך ביים באַרג סיני. אָן דעם „מתן תורה" קען ניט זיין קיין „קיום האומה" — אין פולן זינען פון דעם דאָזיקן וואָרט.

דאָס זאָל אָבער ניט געטייטשט ווערן אין דעם זין, אַז יידישקייט דאַרף בלייבן סטאַטיש. פאַרקערט, קאָנסערוואַטיזם טאָר זיך ניט איינוואָרצלען אין יידישקייט.. ווען דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויף דער יידיש־עטישער טראַדיציע, מוז מען דערביי באַוואָרנט ווערן פון סטאַגנאַציע. סטאַגנאַציע איז אַ פאַטאַלע חולאת פון וואָס יידישקייט דאַרף זיך אָפּהיטן. יידישקייט איז ניט און טאָר ניט זיין אַ היסטאָרישער מוזעי. יידישקייט דאַרף זיך אַנטוויקלען, פליסן, און בשום אופן ניט גליוורען.

אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר זיך אַליין, וואָס איצט ווילן מיר אים פאַרביילאָזן. ס'געהערט ניט צו דער טעמע וואָס ווערט דאָ איצט באַרירט.

## תורת ישראל

ווען מיר האָבן אין געדאַנק קיום האומה, פאַרבינדן מיר עס במילא מיט תורת ישראל, וואָס מיט דעם ווערט, נאַטירלעך, געמיינט חכמת ישראל. אָן חכמת ישראל קענען מיר זיך ניט פאָרשטעלן דעם עם ישראל. „ישראל ואורייתא חד הוא", האָבן די חכמי ישראל באַשטימט נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק. איינס קען ניט אויסשליסן דאָס אַנדערע און איינס האָט קיין קיום ניט אָן דאָס אַנדערע. און חכמת ישראל איז ענג פאַרבונדן מיט אמונת ישראל — הן אין סעקולאַרן, וועלטלעכן זין און הן אין רעליגיעזן.

וואָס הייסט וועלטלעכקייט און וואָס הייסט רעליגיע? אין יידישקייט זיינען די דאָזיקע צוויי באַגריפן אַזוי ענג געבונדן, אַז זיי ביידע אין איינעם שטעלן מיט זיך פאָר אַן איינהייטלעכע ציוויליזאַציע, וואָס קען בשום אופן ניט געטיילט ווערן אין באַזונדערע טיילן. דער תמצית פון רעליגיעזן איינשטעל — אומאָפּהענגיק פון טעאָלאָגיע — איז אין יידישקייט ענג געבונדן און געקניפּט מיטן לעבנס־שטייגער, לעבנס־איינשטעל, מיט סאָציאָלאָגיע, מיט געזעצלעכקייט, מיט די באַגריפן פון יושר, מיט דינים און מינהגים, עטיק און מאָראַל.

צו זיין אַ ייד הייסט ניט דווקא די התחייבות גיין אין שול, לייגן טלית און תפילין און דאַווענען, דורכפירן די אַלע תרי"ג מצוות צו וועלכע דער שולחן ערוך איז מחייב.

צו זיין אַ ייד איז מחייב אַ סך מער, און אין דעם איז דער עיקר אַריינגערעכנט: אויפצופירן זיך לויט אַ באַשטימטן לעבנס־שטייגער, אָנהאַלטן זיך אָן אַ באַשטימטער עטיק, האַנדלען לויט באַשטימטע כללים צווישן מענטש און מענטש, אָנפירן אַ מישפּחה־לעבן לויט איינגעשטעלטע כללים אא"וו — בקיצור, אָנווענדן אין טאָג־טעגלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן באַשטימטע עטישע, מאָראַלישע און הומאַניטאַרע שטייגערן, ווי זיי ווערן פאָרגעשטעלט דורך דעם, וואָס מיר רופן חכמת ישראל און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר יידישע ציוויליזאַציע.

און דאָס איז אויך ענג געבונדן מיט דער יידישער רעליגיעזער אמונה.

אָבער וואָס איז רעליגיעזע אמונה? איז אַזאַ אמונה בכלל לעבנסנייטיק? קען זי גאָר ניט אָפּגעפרעגט ווערן?

אין אונדזער איצטיקער קריטישער צייט — די צייט ווען מיר האָבן נאָר וואָס איבערגעלעבט די גרוילן פון דער צווייטער וועלט־מילחמה, ווען עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן די מיליאָנען קדושים פון אונדזער אייגענעם פאָלק אין איינעם מיט די נאָך מערערע מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער: די צייט ווען מילחמות פון אומקום ווערן נאָך אַלץ פאָרגעזעצט איבער אַלע טיילן פון דער וועלט; די צייט ווען מיר געפינען זיך אין דעם פּחד פון אַטאָמישן וואָפן וואָס שטעלט אין סכנה דאָס גאַנצע לעבן אויף דער ערד — אין אונדזער איצטיקער קריטישער צייט ווערט דער ענין רעליגיע פיל דיסקוטירט. עס זיינען באַקאַנט פאַלן ווען טיף־גלייביקע פאַרלירן זייער אמונה. זיי קענען ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז גאָט זאָל דאָס אַלץ קענען צוזען און שווייגן. זיי



הייבן אָן רעכענען זיך מיט דעם געדאַנק פון ניט־גלייביקע, אַז נאָר אין אַ גאָטלאָזער וועלט איז מעגלעך אַזוי פיל אוממענטשלעכע רישעות, וואָס אונדזער דור האָט צוגעזען און זעט נאָך אַלץ צו.

פאַרקערט, עס זיינען אויך באַקאַנט אַ סך פאַלן ווען ניט־רעליגיעזע מענטשן, אַפילו אַזוינע מענטשן וואָס האָבן שאַרף קריטיקירט און אפילו באַקעמפט רעליגיע — אַז אין זייער יאוש קערן זיי זיך צו רעליגיעזער טראַדיציע און זוכן אין איר אַ טרייסט צו זייערע געמיטער, אַ פונק פון האָפענונג.

אַנדערע ווידער קומען אַרויס מיט טענות, אַז נאָר אין אַ גאָטלאָזער וועלט איז מעגלעך אַזאַ אוממענטשלעכע רישעות וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און טוען איבערלעבן, מוזן מיר דעריבער זוכן אַ וועג וואָס זאָל אונדז צוריקקערן צו גאָט. זיי ברענגען ראיות פון די נאַצישע געטאָס און פאַרטיליקונגס־לאַגערן: אַלע באַריכטן פון יענע גרויליקע יאָרן באַווייזן, אַז מענטשן מיט אַ גלויבן האָבן בדרך כלל אַרויסגעוויזן מער מאָראַלישן ווידערשטאַנד ווי די וואָס האָבן קיין גלויבן ניט געהאַט. דער קדוש הלל צייטלין זצ"ל איז אַ גוטער ביישפּיל: ווען די דייטשע אוממענטשן האָבן אים געפירט אויף זיין לעצטן גאַנג אום אומצוברענגען, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין טלית און תפילין.

גענוי דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע די ניט־יידישע געפאַנגענע אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. רעליגיעזע גרופּעס האָבן אַרויסגעוויזן מער מאָראַלישע פעסטקייט. באַקענט מען זיך מיט די פאַקטן פון חסידי אומות העולם, וועגן די קריסטן וואָס האָבן געהאָלפן יידן אין די געטאָס זיך צו ראַטעווען, דערוויסט מען זיך, אַז קריסטלעכע גייסטלעכע און פרומע פויערים פאַרנעמען צווישן זיי דעם ערשטן אָרט. דערנאָך קומען אידעאַליסטישע קריסטן, ווי די דאָזיקע הומאַניטאַרע פריינד אונדזערע, ווי די אין דענעמאַרק און אַנדערע מקומות. עס איז דענסטמאָל געווען גרינגער אַנטקעגנצושטעלן זיך די דייטשע אוממענטשן מיט אַן אידעאַל ווי אָן אַן אידעאַל. אָבער דער עיקר איז, אַז ווער עס האָט געהאַט גאָט אין זינען — די מאָראַל און עטיק, וואָס ווערט געגעבן אין נאָמען פון גאָט און וואָס באַפרוכפּערט זיין אייגענעם געוויסן — דער האָט ווייניקער מורא פאַר די דייטשע אוממענטשן. די ברירה איז אָפט געווען: מורא פאַר גאָט אָדער מורא פאַר מענטשן.

## גלויבן און אומגלויבן

די פּלוגתא צווישן גלייביקע און ניט־גלייביקע הערט ניט אויף. דער ענין גלויבן באַשעפטיקט ניט נאָר טעאָלאָגן, נאָר אויך דעם פּשוטן מענטש. דעם פּשוטן מענטש אפשר נאָך מער פון אַלעמען. דער פּשוטער מענטש איז בכלל מבולבל: פאַר וואָס, פאַר ווען די אַלע רישעות אויף דער וועלט? פאַר וואָס, פאַר ווען די אַלע ליידן — די ליידן וואָס ווערן פאַרשאַפט פון מענטש צו מענטש און, נאָך מער, די ליידן וואָס נאַטור שטעלט צו צו מענטש? איז דאָ אַ השגחה איבער דער וועלט און מענטש? אויב יאָ, פאַר וואָס איז זי אַזוי פיינטלעך צו מענטש? פאַר וואָס פאַרשאַפט זי צו מענטש אַזוי פיל יסורים? און אויב קיין השגחה איז ניט פאַראַן — וואָס איז דענסטמאָל דער זין פון אַלץ מיט אַן אַנדער?...

און ניט נאָר דער פּשוטער מענטש טוט אַזוי פיינלעך פרעגן די דאָזיקע פראַגעס. דער פּשוטער מענטש פרעגט זיי אין זיין פּשטות. פאַרטיפט, פרעגט די דאָזיקע פראַגעס אויך דער דענקער, דער פילאָסאָף. ער שטרענגט זיך אָן צו דערגרונטעווען זיך צו דעם זעלביקן ענין דורך פאַרטיפטער לאָגיק.

און אַזוי אויך דער וויסנשאַפטלער. אויך ער, וואָס שטעלט זיך פנים לפנים מיט די גרויסע סודות פון דער נאַטור, און ער קען זיי בשום אופן ניט דערקלערן, און נאָך מער, וואָס די לאָגיק פירט אים צו דער דערקענטעניש, אַז די דאָזיקע סודות וועלן אפשר קיין מאָל ניט קענען אויפגעקלערט ווערן דורך לאַבאָראַטאָרישע מיטלען וואָס זיינען מענטשן געגעבן, — אויך ער הייבט אָן פרעגן פראַגעס וועגן אַ דרויסנדיקן שכל־איבער־שכל, אינטעליגענץ־איבער־אינטעליגענץ, וויסן־איבער־וויסן; אין אַנדערע ווערטער: גאָט און געטלעכקייט, גייסט און גייסטיקייט,

# ייִדישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאָנד

## איר קענט האָבן
## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

שנײַדט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:

דזשאָרדזש העקער, קאַונסיל פּרעזידענט · נחום מוכסן, אָרג. דירעקטאָר

— — — — — — — — — — — — — — — — —

**MR. FRED KAHAN, Execuctive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

**5410 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90036**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name.................................................................

Address.................................................................

City.......................................................Zip Code.......................




וואָס האָט השגחה איבער דער וועלט און איבט־אויס זיין השפּעה אויף דער וועלט. אַ ביישפּיל, אַלבערט איינשטיין: ער, וואָס האָט טיפער און פאַרנעמלעכער פון וועמען עס איז אַנדערש אַריינגעבליקט אין די סודות פון דער וועלט און די כוחות וואָס באַהערשן דעם קאָסמאָס — ער איז פון די אַלע באַנומענע סודות פון דער נאַטור באַהערשט געוואָרן דורך אַ רעליגיעזן געפיל.

וויסנשאַפטלעך, דורך לאַבאָראַטאָרישע פאָרשונגען, קען גאָט טאַקע ניט דערקלערט און ניט אויפגעוויזן ווערן. אָבער אָן אַ שיער פון גאָטס אויסדרוקן—נאַטור־אויסדרוקן קענען לאַבאָראַטאָריש־עמפּיריש אויך ניט אויפגעקלערט ווערן. בלייבט דער סוד פאַרהוילן. קומען פאָר וויכוחים צווישן די גלייביקע און די סקעפּטיקערס און קיינער פון זיי גיט ניט קיין איבערצייגנדיקן ענטפער. די גלייביקע זייען ניט ווייניקער צערודערט פון די ניט־גלייביקע. ס'איז אין אונדזער איצטיקער קריטישער צייט שווער צו גלייבן אין אַ געטלעכער השגחה, שווער צו פאַרשטיין גאָטס וועגן — אויב אָנגענומען אַז גאָט איז יאָ דאָ — ווי שווער עס איז צו גלייבן, אַז אַזאַ ווונדערלעכע וועלט־אָרדענונג קען געפירט ווערן אָן אַ השגחה און בלויז דורך צופאַלן. און צופאַלן — אפילו זיי דאַרפן דאָך האָבן אַ שטאַם, אַ שורש... און וואָס איז דער שורש פון אַלע שרשים . . . קומען מיר ווידער אָן צו גאָט... און ווידער אַ מאָל די פראַגע: אויב יאָ גאָט, וואָס איז ער? ווו איז ער ... ווי אַזוי איז ער? — תיקו!

אינעם 19טן יאָרהונדערט, ווען וויסנשאַפט האָט אָנגעהויבן אויפגעלויכטן ווערן, האָט מענטש אָנגעהויבן קריגן תקיפות דורך אַ געקינצלטן אויפלויכט, אַז ער קען זיך באַגיין אָן אַ גאָט, אַז אַלץ קען אויפגעקלערט ווערן אָן דער פאַרמיטלונג פון אַ געטלעכער השגחה. אָבער ווי אַ פועל־יוצא פון דעם האָט זיך מענטש דערביי דערפילט דערשלאָגנדיק עלנט. אויב ער איז ניט באַהעפט מיט אייביקייט, איז ניט אַ פונק פון אַ דערהויבענעם קאָסמישן אידעאַל, אַ פונק, טאַקע פון געטלעכקייט — איז צוליב וואָס און צוליב וועמען איז ער? וואָס איז דער עצם זין פון זיין קיום?

דעמאָלט, ווען מענטש איז באַרויבט געוואָרן פון אמונה, האָט ער געמוזט דערפילן דעם טיפן ווייטיק, אַז אָן אמונה איז שווער צו לעבן. האָבן די גייסטיקע פירער פון 19טן י"ה געפרווט אויסטראַכטן אַ נייע אמונה, זיי האָבן געבראַכט דעם גלויבן אין מענטש און דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ רעליגיע. מענטש איז געווען זיכער, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה, אַ תקופה פון פראָגרעס, אַ תקופה פון ליכטיקער צוקונפט. געקומען זיינען קאַרל מאַרקס, פּרודאָן, קראָפּאָטקין, טאָלסטאָי, און ביי אונדז יידן, הערצל, און מענטש האָט ממש געלעבט מיט דער צוקונפט. די יוגנט איז געווען פול מיט משיחישע דערוואַרטונגען.

אָבער וואָס האָט זיך פון דעם אויסגעלאָזט? עס זיינען אויפגעקומען — —סטאַלין — מוסאָליני — היטלער — און דער גלויבן אין מענטש איז צערונען געוואָרן. די וועלט איז אויפגעציטערט געוואָרן. דער גלויבן אין מענטש איז פאַרשוועמט געוואָרן פון טייכן בלוט. מענטש איז אויפגעשוידערט געוואָרן אין גרויליקער פאַרזעעניש פון מענטש וואָס האָט די אַמביציע צו שטעלן זיך אין דער בחינה פון אַ גאָט. איז מענטש געבליבן כמעט ווי אָן אמונה — אָן אַ גלויבן אין גאָט און אָן אַ גלויבן אין מענטש. און אָן אמונה קען אַ מענטש ניט לעבן. אָן אמונה קען אַ וועלט ניט עקזיסטירן. דערפון נעמען זיך די זוכענישן און בלאָנדזשענישן פון אונדזער צייט.

## דער וועג צו משיחיות

דער עיקרדיקער פּראָבלעם פון אונדזער צייט איז—די שרעק פאַרן מענטשן, די מורא פאַר דער שיכרות פון מענטשלעכער גאווה און מענטשלעכער מאַכט, ווי זי האָט זיך אַרויסגעוויזן דורך די דיקטאַטאָרן־אוממענטשן—סיי אין לינקס, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און, שפּעטער, אין כינע, און סיי אין רעכטס, ווי אין מוסאָליניס איטאַליע, היטלערס דייטשלאַנד און אַנדערע מקומות, אַריינגערעכנט די טעראָריסטישע אַראַבישע וועלט. מיר

לעבן אין איין שרעק פאַר אַזוינע מענטשן, וואָס וואַרפן אַראָפּ פון זיך דעם מאָראַלישן יאָך און שפּילן די ראָלע פון אַ גאָט. אָט די אַמביציע פון מענטש ניט צו אַנערקענען קיין שום געזעץ, קיין שום גרענעץ; די סטאַלין־היטלעריסטישע אַמביציע זיך צו פאַרגלייכן מיט גאָט — דאָס איז דער עיקרדיקער באַגריף פון מענטשלעכער זינד ווי די תורה האָט עס פאַרשטאַנען.

די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, וואָס מיר באַצייכענען ווי חכמת ישראל, אָנהייבנדיק פון תנ"ך און וואָס איז פאָרגעזעצט געוואָרן דורך די תנאים, אמוראים, גאונים, מפרשים, מקובלים, רבנים, פייטנים, פילאָסאָפן, משוררים אאַ"וו ביז הייניקן טאָג — איז פול מיט לויב־געזאַנג פאַר ענוות און פראָטעסט קעגן מענטשלעכער גאווה, קעגן יעדן פרווו צו פאַרגעטערן די פירערס, די גרויסע העלדן. אפילו משה רבינו, אָט דער גרויסער באַפרייער פון פאָלק ישראל פון קנעכטשאַפט, אָט דער גרויסער געזעצגעבער, וועלכער האָט פאַרן פאָלק אַראָפּגעבראַכט די געטלעכע תורה — אפילו ער ווערט ניט פאַרהייליקט ווי אַ געטלעכקייט. אפילו ער ווערט דערקלערט אַז ער איז ניט כולו זכאי, אַז אויך ער האָט געזינדיקט און דערפאַר געקראָגן די שטראָף ניט דערמעגלעכט צו ווערן אַריינצוקומען אינעם לאַנד פון זיין טרוים, וווהין ער האָט געפירט דאָס פאָלק, און צו שטאַרבן — אמת, בנשיקה — אָבער אויפן באַרג נבו, פון וואַנען ער האָט געקענט זען דאָס געגלוסטע לאַנד בלויז פון דער ווייטן און ניט געקאָנט איבערטרעטן זיין גרענעץ.

אין תלמוד ווערט די ווילדע מענטשלעכע גאווה פאַרגליכן מיט עבודה זרה, מיט געצנדינסט. אַ מאמר אין תלמוד זאָגט, אַז משיח וועט קומען נאָר דאַן ווען יידן וועלן פטור ווערן פון די בעלי־גאווה.

דעריבער איז זייער נאַטירלעך וואָס דווקא מער ערנסטע דענקער פון אונדזער צייט ווערן באַהערשט פון רעליגיעזע שטימונגען פון אַ יקדישלעכן שטייגער. חכמת ישראל איז ענג געבונדן אידעאָלאָגיש מיט דעם קאַמף קעגן דער עבודה זרה פון אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער גאווה, וואָס האָט געפונען איר שוידערלעכסטן אויסדרוק צווישן דער דייטשער סיטרא אחרא. די פּאַטאָלאָגישע גאווה פון היטלער, ימח שמו וזכרו, האָט זיך דאָ פאַראייניקט מיט דער ווילדער משוגעת פון גאַנצן דייטשן פאָלק, וואָס שטעלט „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס, איבער אַלעס אין דער וועלט." און וואָס זיי איז איז לחלוטין פרעמד וועלכער עס איז געפיל פאַר קדושה און געטלעכקייט.

מענטשן פון אַלע צייטן האָבן אויף פאַרשיידענע וועגן געטייטשט זייערע רעליגיעזע געפילן, זייער באַגעגעניש מיט דער אייביקייט. דער יידישער וועג איז דער פילאָסאָפיש־פּאָעטישער, ווי ער ווערט שוין פאָרמולירט אין תהילים: „השמים מספרים כבוד אל." עס איז די וווּנדערלעכע האַרמאָניע פון דער וועלט, וואָס באַווייזט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער. ווי פריער דערמאָנט, איז דאָ אויך אַ גרויסע צאָל מאָדערנע וויסנשאַפטלייט וואָס ווערן באַהערשט מיט אָט די רעליגיעזע שטימונגען.

אָבער ניט דאָס אַליין איז דער יידישער צוגאַנג צו רעליגיע. מיר באַוווּנדערן די האַרמאָניע פון דער וועלט, און דער סאַמע גרעסטער ווונדער איז — די לעבעדיקע און די שכלדיקע וועלט. אָבער דאָ קומען מיר צו אַ גרענעץ. מיר קענען ניט משיג זיין די געוואַלדיקע פאַרשווענדונג און די געוואַלדיקע גרויזאַמקייט אין דער לעבעדיקער וועלט. דער קאַמף פאַרן לעבן אין דער וועלט פון בעלי־חי און אויך צווישן מענטשן איז פול מיט ברוטאַליטעט, מיט יסורים. עס איז אַן אייביקער קאַמף און דער שוואַכער בלייבט דער קרבן. איז ניט קיין ווונדער וואָס עס איז שווער שלום צו מאַכן מיט אָט דער גרויליקער ווירקלעכקייט.

דאָס האָט געפירט צו דעם יידישן משיחישן געדאַנק. דאָס איז דער אייביקער יידישער טרוים, וואָס ציט זיך נאָך פון די צייטן פון ישעיה הנביא, אַז באחרית הימים וועט קומען דער דערלייזער: „און רוען וועט אויף אים דער גייסט פון גאָט, דער גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנדיקייט... און ער וועט משפטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע, און אַנטשיידן מיט יושר די געדריקטע פון לאַנד... און אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס, און אַ לעמפּערט מיט אַ ציקעלע וועט הויערן,



בינם העלער / תל־אביב

# צוויי לידער

## דער וואָרט־זשאָנגלער

מיין טייערע, דו האָסט נישט ליב קיין, צירק
און נישט דאָס קלעטערן אין די געבירג —
דו ווילסט נישט זען די שפּיל מיט דער געפאַר,
וואָס מאַכט פון דיר און יענעם דאָס גענאַר.
און אויך איך האָב נישט ליב דעם וואָרט־זשאָנגלער.
איך מוז אים הערן — שטוין איך און איך הער,
איך מוז אים לייענען — ווער איך פאַרבליפט:
וואָס מענטשן קאָנען מאַכן מיט דער שריפט!
זיי דרייען איבער פון דער שפּראַך דעם טראָפּ,
זיי שטעלן אַלע ווערטער אויפן קאָפּ,

---

און אַ קאַלב און אַ יונגלייב און אַ פעטרינד באַנאַנד, און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי."

דערפאַר איז ביי חז"ל אָנגענומען געוואָרן צו ברענגען תיקון אויף דער וועלט — דער מענטש איז מחוייב דורך זיינע מעשים אויסבעסערן די וועלט. דאָס קען דערגרייכט ווערן דורך דער שותפות צווישן מענטש און גאָט, דורך דער דערקענונג פון מענטש, אַז זיין גייסטיקייט איז אַ פונק פון דער שכינה, וואָס דורך דעם איז מענטש הייליק ווי גאָט איז הייליק און אָט די קדושה טאָר מענטש ניט פאַרשוועכן.

עס איז דעריבער ניט די מאָראַלישע ווירקלעכקייט, נאָר דער יידישער מאָראַלישער אידעאַל וואָס פירט אונדז צו אַ רעליגיעזן וועלט־באַנעם. דאָס איז דער רעליגיעז־מיסטישער וועלט־באַנעם, וואָס זאָגט אונדז אַז מענטש און גאָט באַגעגענען זיך כסדר. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ דיאַלאָג צווישן מענטשן און דער אומענדלעכקייט, דעם אין סוף. פאַרן שכל איז דער באַשעפער אַ פאַרבאָרגענער גאָט. דאָס האָט נאָך דערקענט ישעיה הנביא, וואָס האָט געזאָגט: „אָכן אתה אל מסתתר." אָבער גאָט באַווייזט זיך צו אונדז אויף אַנדערע אופנים און דער דיאַלאָג צווישן גאָט און מענטש ווערט כסדר געפירט.

די יידישע טראַדיציע האַלט פון דעם כלל, אַז „מלא כל הארץ כבודו", די גאַנצע וועלט איז פול מיט געטלעכקייט. אָט די אידעע פאַרנעמט גאָר אַ באַזונדערן אָרט אין דער פילאָסאָפיע פון חסידות. אמת, יידן האָבן תמיד געהאַלטן פון דער באַזונדערער קדושה פון באַשטימטע פלעצער, דער עיקר ירושלים. דער יידישער באַגריף איז אָבער פון אַלע מאָל, אַז ס'איז דאָ אַ ירושלים שלמעלה און די ערדישע ירושלים איז נאָר אַ סימבאָל פון דער הימלישער ירושלים.

דער שליסל צו דער יידישלעכער וועלט איז דאָס געפיל פון קדושה, וואָס פון אים שטאַמט אַרויס דער אידעאַל פון גאולה שלימה — ניט נאָר פון יידישן פאָלק אַליין, נאָר פון דער גאַנצער מענטשהייט, דער אידעאַל פון יושר און גערעכטיקייט, דער משיחישער אידעאַל.

או, פירן צווישן זיי דורך דאָס באַהעפט,
אַז ס׳הערן אַזש די אותיות געפלעפט,
און מיט דעם לשון לעבן זיי פּערוועדז —
ביז מיט אַ מום געבוירן ווערט אַ פּערז.

און איך — איך ווער נתפּעל און פאַרבליפט.
וואָס מענטשן קאָנען מאַכן מיט דער שריפט!
כאָטש כ׳ווייס, אַז דער, וואָס גייט נאָר אויף אַשטריק,
וועט מוזן ווען ס׳איז ברעכן דאָס געניק.

## אָן אַן אויפהער

יאָ, ליבע פריינד, איך בין איצט טאַקע קראַנק,
כאָטש מיט דער מחלה גייט מען נישט צום רופא:
אין בלוט איז מיר אַריין אַזאַ געזאַנג —
דער ווירוס פון אַ ניגון אָן־אַן־אויפהער!

ביי טאָג דער ניגון זינגט אין מיינע רייד,
ביי נאַכט אַקאָמפּאַנירט ער אין מיין שלאָף.
דער ריטעם פון מיין טראָט איז דער באַגלייט
פון גאַנג צו אָט־דער זינגענדיקער שטראָף.

אַנטלויפן כ׳זאָל צום שטאָטישן גערויש?
צום בראַזג פון האַמער און פון צוואַנג?
דערהערן וועל איך אויך פון דאָרט אַרויס
די רייד, וואָס פּאַסן זיך צו מיין געזאַנג.

אין יענע רייד געפינען כ׳וועל אַ פּונק,
וואָס האָט פון שטויב און טומל אויפגעבליט.
געווג וועט זיין פאַר מיר דער איינער ווונק —
און פון די רייד וועט ווידער ווערן ליד



פינטשע בערמאַן

# צוויי לידער

## דער וועג

דער וועג צו דעם באַרג
איז מיט שטיינער ניט קאַרג,
מיט ווילדגראָז, מיט בלאָטעס, מיט ליים..
דאָך ציט מיך צום שפּיץ —
גיי איך און קריץ,
און זוך דאָרט צו מאַכן מיין היים...

דער וועג צו דעם קוואַל
איז געפלאַסטערט מיט גאַל,
מיט גיפט אָן אַ מאָס, אָן אַ סוף...
דאָך ציט מיך אַהין,
ווי נעקטאַר דער בין.
איך גיי, און איך גלויב, און איך האָף...

דער וועג צו דער הויך
איז דורך אַש און דורך רויך...
דורך שטורעמס, געוויטער און דראַנג.
כ׳האַלט הויך דאָך דעם קאָפּ
און איך שטעל זיך ניט אָפּ —
ס׳איז אַזוי שוין, פאַר דורות, מיין גאַנג...

## ניט די צווייטע באַק

זאָג ניט, מיט אַ פרומער מינע,
אַז פאַרשווינדן וועט די שנאה,
נאָר מיט ליב האָבן דעם שונא אָן אַ ברעג;
זאָג ניט, אַז מיט לויב און תפילה,
פאַר דעם אָנפאַלער, ביי נעילה,
וועט פאַרהיטן און פאַרמיידן ווײַ און שרעק.

זאָג ניט קיין מאָל אין דעם לעבן,
אַז מען דאַרף אַ מאָל פאַרגעבן
אויך דעם תליון און דעם פּייניקער זיין
טאַט.
קען ווער טראַכטן, קען ווער דענקען,
אַז ס׳איז גוט און ווויל צו שענקען
אויך פאַר בלוטיקייט, פאַר פאַלשקייט און
פאַרראַט?

ס׳איז גוט צו פירן זיך אין לעבן:
ליבן, לויבן און פאַרגעבן,
נאָר ניט די, וואָס שטענדיק אָטעמען מיט
האַס.
אייביק זיינען מיר דערווידער
די וואָס האַסן מיינע ברידער,
און כ׳וועל ניט מוחל זיין די ציינדער פון
מיין גאַס...

יעקב שמואל טויבעס

## צוויי סאָנעטן *)

### יידישער דיכטער

דער יידישער דיכטער איז געווען, כל־זמן
ער האָט געדינט זיין גאָט, מער ווי אַ דיכטער;
ער איז געווען דער אויסדערוויילטער מאַן,
דער העלד פון פאָלק, זיין רופא און זיין ריכטער.

און בעת די קליינע, ליגנערישע ליכטער,
זיי גייען מיטן שטראָם און האַלטן שפּאַן,
קען ער א י י ן דרך נאָר, ווייסט נאָר א י י ן פליכט ער,
איז רק כביכולס וועג פאַר אים פאַראַן.

ווייסט ער, הגם פאַרקייטלט מיט דער צייט,
אַז אין דער דאָזיקער צייט איז נאָר אַ גאַסט ער,
אַז צו דעם דאָזיקן דור איז נאָר אַ לאַסט ער;
אַז ער מוז שטיין מחוץ ווי אַ פאַרהאַסטער,
ווייל פון זיין צורה, דער מיט גאָט פאַרקנסטער,
שיינט זיך און שרעקט דער גלאַנץ פון אייביקייט!

### אין צוים פון קונסט

וואָס מער עס רודערט אָן עס רוישט דער שטורעם,
וואָס מער צעווילדעוועט עס ברויזט דער ווינט,
אַלץ העכער מוז ער שטיין, דער דיכטער־טורעם,
אַלץ מער געגרונטפעסטיקט דאַרף זיין דער גרונט.

אין קלעם פון צייט בויט דער פּאָעט און בינט
צונדיק די ווערטער מיט אַ שטאַרקערן אָרעם,
פלעכט ער זיין גראַם נאָך קונציקער אַצינד,
פאַרפעסטיקט ער, פאַרפיינערט ער זיין פורעם.

דעם רעש און טומל פון אַ וועלט אָן סדר,
איר וויסטן ריטעם, פריי און הפקרדיק,
אַנטשלאָסן שטויסט דער קינסטלער זיי צוריק;
און שטעלט אַנטקעגן זייער הילך און היק
זיין וואָרט פאַרצוימט, פאַרהאַלטן האַרט און קלוג
אין צוים פון קונסט מיט איר גינגאָלדענעם גדר!

*) די צוויי סאָנעטן זיינען גענומען פון דעם בוך „סאָנעטן פון אַ מאמין,“ וואָס דערשיינט בקרוב אין פרץ־פאַרלאַג, תל אביב.



ד"ר מְנחם נאור

## יציאת מצרים

### א

שמות א' ט': „איז אויפגעשטאַנען אַ נייער
מלך איבער מצרים, וואָס האָט ניט
געקענט יוסף.“

נו, איז וואָס? אויב ער האָט ניט געקענט יוסף, זאָל ער די בני ישראל קיין טובות ניט טאָן, אָבער פאַרוואָס זאָל ער זיי שלעכטס טאָן?

אין יאָר 1720 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג, איז מצרים אָקופּירט געוואָרן פון סעמיטישע שבטים, וואָס די מצריים האָבן זיי גערופן היקסאָס. זיי האָבן געהערשט איבער מצרים 140 יאָר. אַלע געלערנטע זיינען איינשטימיק אַז יעקב מיט זיינע זין זיינען געקומען קיין מצרים אין דער צייט פון די היקסוס, דאָס הייסט אַרום דעם יאָר 1 50 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג. אַזוי פאַרשטייען מיר אויך יוספס אויפשטייג צו ווערן אַ מיניסטער אין מצרים. דאָס קאַפּיטל מ"ז אין בראשית (פסוקים 12־27) שפּיגלט אָפּ די הערשאַפט פון די היקסוס און זייער עקספּלואַטאַציע פון די מצריים מיט יוספס הילף.

אַז די מצריים האָבן פאַרטריבן די היקסוס אין יאָר 1580 פאַר דער ספירה און די בני ישראל זיינען געבליבן אין מצרים, זיינען זיי געווען אַ סכנה פאַר מצרים. פרעה איז ניט געווען קיין משוגענער ווי היטלער; דאָס איז געווען אַ קלאָרע, טראַגישע סיטואַציע, ניט ווילדער אַנטיסעמיטיזם. מיר זאָלן דאָס געדענקען און ניט לאָזן אונדזערע פיינט אונדז זאָגן אַז שוין דעמאָלט האָט מען אונדז פיינט געהאַט.

שמות א' ט': „און ער האָט געזאָגט צו זיין
פאָלק: זעט, דאָס פאָלק פון די קינדער
פון ישראל איז מערער און שטאַרקער
פון אונדז.“

אויב אַזוי, פאַרוואָס לאָזן מיר זיי אונדז טאָן אַזוינע צרות? יהואָשס תרגום איז דאָ פאַלש: „רב ועצום ממנו“ מעג מען טאַקע אַזוי איבערזעצן אָבער מען מוז ניט. „כבד ממך הדבר“ אין שמות י"ח י"ח הייסט ניט „די זאַך איז שווערער פון דיר, נאָר „די זאַך איז צו שווער פאַר דיר,“ ווי יהואָש האָט טאַקע איבערגעזעצט. ריכטיק האָט אונדזערן פסוק איבערזעצט דער ענגלישער תרגום פון דער דזשויש פּאָבליקיישאן סאָסייעטי (1962):

*“Look, the Israelite people are much too numerous for us. Behold, the people of the children of Israel are too many and too mighty for us.”*

פרעה האָט בכן געזאָגט צו זיין פאָלק. „זעט, דאָס פאָלק פון די קינדער פון ישראל איז צו פיל און צו שטאַרק פאַר אונדז.“ זיי זיינען אַ שטאַרקע מינדערהייט, אָבער דאָך אַ מינדערהייט.

שמות א' י"א: „...און ער האָט געבויט
שפּייכלער־שטעט פאַר פרעהן פּיתום
און רעמסס.“

נאָר אַ פרעה וואָס הייסט רעמסס וועט בויען אַ שטאָט רעמסס. רעמסס דער ערשטער (1312־1314 לפהס"פ) איז געווען אַלט און האָט קורץ רעגירט; ער האָט ניט געבויט קיין שטעט. רעמסס דער צווייטער (1224־1290) האָט רעגירט 66 יאָר און האָט געבויט צענדליקער שטעט. נאָר ער קען זיין געמיינט אין דעם פסוק. אין זיינע טעג וועט משה אַנטלויפן פון מצרים קיין מדין (שמ' ב' ט"ו) און נאָך זיין טויט (ב' כ"ג) וועט ער צוריקקומען און אָנהייבן אַ משא ומתן מיט זיין זון מרנפתאח (1204־1224). (לויט דער תורה איז בכן יציאת מצרים געווען לפי ערך אַרום 1220, דאָס הייסט, אין די ערשטע יאָרן פון מרנפתאח. אַ גרויסער טייל פון די ביבל־פאָרשערס האַלטן דאָס פאַר ריכטיק, און איך בין מיט זיי איינפאַרשטאַנען. אָבער אַנדערע פאָרשערס רעכענען אַז יציאת מצרים איז געווען פריער, און זיי האָבן פאַר דעם וויכטיקע אַרגומענטן; אָבער מיר קענען זיך דאָ ניט באַשעפטיקן מיט דער מחלוקת. איינס איז קלאָר: צווישן דעם אָנהייב פון דער פאַרשקלאַפונג (1580) און יציאת מצרים זיינען אַוועק אַ שיין ביסל יאָרן.

## ב

שמות ב׳ א׳: „און אַ מאַן פון דעם הויז פון לוי איז געגאַנגען און האָט גענומען אַ טאָכטער פון לוי.“

פאַרוואָס שטייט ניט ווי דער מאַן האָט געהייסן און ווי זיך פרוי האָט געהייסן? מיר ווייסן פון שמות ו׳ כ׳ אַז עמרם און יוכבד זיינען געווען משהס עלטערן. אָבער פאַרוואָס שווייגט וועגן דעם דער פסוק? לערנען מיר אין דער וייל ווייטער:

שמות ב׳ ב׳: „און די פרוי איז טראָגעדיק געוואָרן און האָט געבוירן אַ זון; און זי האָט אים געזען אַז ער איז שיין, און האָט אים געהאַלטן דריי חדשים.“

איז דאָס פסיכאָלאָגיש ריכטיק? וועלכער קינד איז ניט שיין פאַר זיין מאַמען? אויב זי קען באַהאַלטן און ראַטעווען דאָס קינד, וועט זי דאָס טאָן מחמת זיין שיינקייט?

כדי צו פאַרענטפערן אונדזערע קושיות פון די צוויי פסוקים שטעלן מיר נאָך אַ פראַגע:

ווי האָט דאָס קינד געהייסן? און זאָגט ניט. „משה“. ער וועט דאָך באַקומען דעם נאָמען משה „ווייל פון וואַסער האָב איך אים אַרויסגעצויגן“ (ב׳ י׳), און ער וועט שוין אַלט זיין דריי חדשים ווען זיין מאַמע לייגט אים אַריין אין וואַסער; ווי־זשע האָט ער געהייסן די ערשטע דריי חדשים? און דאָס איז ניט אַלעס. ער באַקומט דעם נאָמען משה אַ פאָר יאָר שפּעטער, ערשט אַז ער „איז גרעסער געוואָרן... און זי האָט גערופן זיין נאָמען משה“ (ג׳ י׳) — ווי האָט ער געהייסן די ערשטע עטלעכע יאָר?

רבי יהודה זאָגט אין דער גמרא (בבלי, סוטה יב א׳): אַז דאָס קינד האָט געהייסן „טוביה“ און דרינגט דאָס פון ב׳ ב׳: „ותרא אותו כי ט ו ב ה ו א“ — און זי האָט אים געזען אַז ע ר א י ז ש יי ן. מיר זיינען זיך בכן משער, אַז דער פסוק איז אַזוי געווען: „ותרא אותו כי טוב הוא, ותקרא את שמו טוביהו; ותצפנהו שלושה ירחים“. דאָס הייסט: „און זי האָט אים געזען אַז ע ר א י ז ש יי ן, און זי האָט גערופן זיין נאָמען ט ו ב י ה ו: און זי האָט אים באַהאַלטן דריי חדשים.“ זיין שיינקייט האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם באַהאַלטן, און דערמיט האָבן מיר פאַרענטפערט די פסיכאָלאָגישע קושיה.

אָבער ווי אַזוי זיינען די פיר ווערטער אַרויסגעפאַלן פון פסוק? די רעדאַקטאָרן פון תנ״ך האָבן זיי אַרויסגענומען, וואָס דער מדרש האָט גוט פאַרשטאַנען (שמות רבא א׳ ל״א): „ותקרא שמו משה — מכאן אתה למד שכרם של גומלי חסדים... לא נקבע לו שם בכל התורה אלא כמו שקראתו בתיה בת פרעה; ואף הקב״ה לא קראהו בשם אחר“ — דאָס הייסט: „און זי האָט גערופן זיין נאָמען משה — דערפון איז דיר געדרונגען דער שכר פון מענטשן וואָס טוען גוטס יענעם: אין דער גאַנצער תורה איז משהן נאָר באַשטימט געוואָרן דער נאָמען וועלכן אים האָט געגעבן בתיה פרעהס טאָכטער; און גאָט האָט אים אויך ניט גערופן ביי אַן אַנדערן נאָמען.“

און כדי די לייענער פון תנ״ך זאָלן אין גאַנצן פאַרגעסן משהס ערשטן נאָמען און גאָר ניט פרעגן נאָך אים, האָבן די רעדאַקטאָרן פון תנ״ך אַרויסגעלאָזן אַלע נעמען פון דעם פרק: די נעמען פון עמרם און יוכבד אינעם ערשטן פסוק, דעם נאָמען פו מרים אין פערטן פסוק און דעם נאָמען פון בתיה בת פרעה אין פינפטן פסוק.

אַזוי האָבן מיר פאַרענטפערט די ערשטע קושיא אין דעם פרק ג׳.

## ג

שמות י״ג י״ז: „און עס איז געווען, אַז פרעה האָט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק, האָט זיי גאָט ניט געפירט אויף דעם וועג פון דעם לאַנד פון די פלשתים, הגם ער איז געווען נאָענט; ווארום גאָט האָט געזאָגט: דאָס פאָלק וועט נאָך חרטה האָבן, אַז זיי וועלן דערזען מלחמה, און זיי וועלן זיך אומקערן קיין מצרים.“

ניט די מלחמה פון ארץ כנען האָט מען געמיינט, ווייל משה פירט דאָס פאָלק ניט אַהין; ער פירט זיי צום דרום, צום באַרג סיני; דרך ארץ פלשתים — דער וועג פון דעם לאַנד פון די פלשתים — איז דער הויפּטוועג אַרויסצוגיין פון מצרים. אָבער דער דאָזיקער וועג פירט דאָך צו דער ריי פון באַפעסטיקונגען וואָס די מצרים האָבן אויפגעשטעלט אויף זייער מזרחדיקער גרענעץ, כדי אָפּצוהאַלטן די בעדואינער שבטים פון אַריינדרינגען אין דעם פרוכטבאַרן לאַנד. וועגן אָט דעם מדבר, וואָס הייסט אין דעם תנ״ך „מדבר שור“ (ט״ו כ״ב) זאָלן די בני ישראל אַרויסגיין אויף דעם דרך ארץ פלשתים, וועלן זיי זיך דאָרט מוזן שלאָגן מיט די גרענעץ־שומרים ווען זיי זיינען נאָך אין מצרים און זיינען נאָך גאָר ניט ריכטיק צוגעגרייט פאַר מלחמה; וועלן זיי צוריקלויפן, ווייל „ער איז געווען נאָענט“ צו מצרים. עס איז בכן פאַלש צו פאַרשטיין „דרך ארץ פלשתים“ — דורך דעם לאַנד פון די פלשתים, ווייל זיי גייען נאָך גאָר ניט קיין ארץ כנען.



שמות י״ג י״ח: „און גאָט האָט געפירט דאָס פאָלק אַרום, אויפן וועג פון מדבר ביים ים־סוף.

דאָס הייסט: אויפן וועג וואָס פירט צום מדבר ביים ים־סוף, קיין דרום־מזרח אַנשטאָט פון מזרח.

שמות י״ד א׳, ב׳ ד׳: „און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן. „רעד צו די קינדער פון ישראל... „פאַר בעל צפון, אַקעגן אים, זאָלט איר רוען ביים ים... און איך וועל מאַכן פעסט פרעהס האַרץ און ער וועט זיי נאָכיאָגן; און איך וועל געהערלעכט ווערן...“

פאָרשן מיר דאָס בוכשטעבלעך, מעגן מיר פרעגן: קען גאָט ניט געהערלעכט ווערן אויף דער יבשה? מוז ער שלעפן די בני ישראל דורך די מדבריות? קען ער ניט ברענגען אַ נס ביי די באַפעסטיקונגען פון „שור“?

פאַרשטייען מיר אָבער די זאַך מער רעאַליסטיש, הייסט דאָס אַז משה פירט דאָס פאָלק מער ביים ים, ווו ס׳זיינען ניטאָ קיין באַפעסטיקונגען; אָבער דער ים איז דאָך דאָ! וואַרט משה אויף אַ נס. פרעגן מיר נאָך אַ מאָל: פאַרוואָס קען ער ניט האָפן אויף אַ נס אויף דער טרוקענער גרענעץ.

אָבער דער ייד, וואָס שטיצט זיך אויפן תלמוד, טאָר גאָר ניט זאָגן אַז משה האָפט אויף אַ נס, ווייל אונדזערע קלוגע חז״ל האָבן אונדז געלערנט אַז „אין סומכין על הנס“ — אויף אַ נס טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן.

אין דעם זין האָט אַ געוויסער צדיק דערקלערט דעם פסוק י״ד פון אונדזער געשיכטע: „ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון“ (גאָט וועט מלחמה האַלטן פאַר אייך און איר וועט שטיין שטיל) אַזוי צו זאָגן: גאָט וועט אייך געבן ברויט (ילחם פון שורש לחם) און איר וועט אַקערן (תחרישון פון מחרשה). אַזוי אַז אַ פרומער ייד וואָס וויל בלינד גלייבן אין די רעליגיעז־היסטאָרישער אויפפאַסונג פון אונדזער געשיכטע איז מבזה גאָט און איז מבזה משהן.

ווי אַזוי־זשע זאָלן מיר פאַרשטיין די געשיכטע?

וואָס איז שייך נסים, זיינען דאָ דריי וועגן זיי צו דערקלערן. צוויי לייכטע און איין שווערער. דער ערשטער לייכטער וועג איז: צו גלייבן פרום ווי ס׳שטייט געשריבן. דער צווייטער לייכטער וועג איז: אַז דאָס איז גלאַט אַ מעשה, לא היה ולא נברא, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

דער שווערער וועג, און דאָס איז אונדזער וועג, איז: צו לייענען צווישן די שורות און צו פאַרשטיין וואָס איז באמת געשען, נישט גלייבנדיק אין נסים כפשוטם און גראַד דער נס פון קריעת ים־סוף לאָזט זיך פאַרשטיין פון דער תורה אַליין.

שמות י״ד י״ט־כ׳: „און דער מלאך פון גאָט, וואָס איז געגאַנגען פאַר דער מחנה פון ישראל, האָט אַוועקגעצויגן און איז געגאַנגען פון הינטער זיי; און דער וואָלקן־זייל האָט אַוועקגעצויגן פון פאַר זיי, און האָט זיך געשטעלט הינטער זיי; און ער איז געקומען צווישן דער מחנה פון מצרים און צווישן דער מחנה פון ישראל... און איינע האָט ניט גענענט זיך צו דער אַנדערער די גאַנצע נאַכט.“

פאַרשטייען מיר אַזוי: דער חיל החלוץ, אונדזער אַוואַנגאַרד, איז געוואָרן צו אַ מאסף, דער אַריערגאַרד, כדי אָפּצוהאַלטן די מצריים פון אַריינדרינגען אין אונדזער מחנה. און דער דאָזיקער אָפּוער וועט דויערן די גאַנצע נאַכט. פאַרוואָס די גאַנצע נאַכט?

שמות י״ד 21: „און משה האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויפן ים, און גאָט האָט געטריבן דעם ים פון אַ שטאַרקן מזרח־ווינט אַ גאַנצע נאַכט, און געמאַכט דעם ים פאַר אַ טריקעניש.״

אַז מיר האָבן פרום געגלייבט אינעם נס האָבן מיר קיין מאָל ניט געדענקט אַז גאָט דאַרף האָבן אַ גאַנצע נאַכט פאַרן נס; מיר האָבן געמיינט אַז משה האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און דער ים האָט זיך געשפּאָלטן. וואָס־זשע באַטייט „אַ גאַנצע נאַכט״?

די ווינטן ביים היינטיקן סועץ־קאַנאַל בלאָזן שטונדן־לאַנג פון דרום צו צפון, און פלוצלונג שטונדן־לאַנג פון צפון צו דרום. ווען זיי בלאָזן עטלעכע שטונדן פון צפון צו דרום פירן זיי אַוועק דאָס וואַסער פונעם צפונדיקן עק פון דעם סועץ־גאָלף, וואָס איז גאָר ווייניק טיף, און אַנטפּלעקט דעם ים־גרונט אויף מיילן־לאַנג. קומט עס גראַד צוזאַמען מיט דעם אָפּפלוס איז עס נאָך בעסער. די בעדואינען וואָס ווילן אַריינדרינגען אין דעם פּרוכטבאַרן מצרים און קענען ניט מחמת די באַפעסטיקונגען, וויסן פון דער מעגלעכקייט דאָך אַריינצוקומען, און משה, וועלכער האָט געלעבט יאָרן־לאַנג ביי זיין שווער יתרו אין דעם מדבר, ווייסט פון דעם סוד, אָבער די מצריים וויסן נאַטירלעך אויך. זיינען זיי ניט דערשטוינט שטיין געבליבן פאַר דעם גרויסן וווּנדער, אָבער האָבן אין דער התלהבות פון רודפן פאַרגעסן אַז דאָרט ווו פוסגייער און בהמות קענען אַריבערגיין, קענען ניט אַריבער שווערע מיליטער־וועגענער. ביים אַנטפּלעקן פון ים־גרונט ווערט נאָך ניט אַנטפּלעקט אַ גוטער וועג, נאָר בלאָטע און גריבער. און הערט אויף דער ווינט, קומט דאָס וואַסער צוריק, וואָס איז ניט געפערלעך פאַר די פוסגייער און די בהמות, אָבער יעדער אינטש וואַסער וואָס באַדעקט דעם ים־גרונט, פאַרדעקט פאַר די מיליטער־וועגענער די גריבער. אַזוי אַז ס׳איז געשען פּונקט ווי ס׳שטייט אין דער תורה:

שמות י״ד כ״ז כ״ח: „און ער האָט אָפּגעטאָן די רעדער פון זייערע רייטוועגענער, און זיי געמאַכט פאָרן מיט שווערי־קייט: . . און דער ים האָט זיך אומגעקערט אַקעגן פרימאָרגן צו זיין שטאַרקייט... און גאָט האָט אַריינגעטרייסלט די מצריים אין מיטן ים.״

מען האָט געדאַרפט וואַרטן אַז דער ווינט זאָל דווקא בלאָזן אַ גאַנצע נאַכט, כדי מען זאָל קענען אַריינגיין אין די בלאָטעס פאַרטאָג. דער ווינט קען בלאָזן ביי טאָג אויך, אָבער מיר וועלן ניט אַריינגיין אויף דער נאַכט. מהו מען וואַרטן, אַזוי אַז דער טראַדיציאָנעלער חשבון, אַז אחרון של פסח איז דער טאָג פון קריעת ים־סוף, קען זיין ריכטיק. היינט האָבן מיר אין ישראל דעם זיבעטן (לעצטן) טאָג פסח אַ באַזונדערן יום־טוב פון „שירת הים״ (אָז ישיר — ט״ו א׳־י״ח).

און פאַרוואָס זאָגט מען בשביעי של פסח חצי הלל? עס איז דאָך יום־טוב! „כי ביום הזה טבעו המצרים בים, ואין הקב״ה שמח במותם של רשעים״ — ווייל אין דעם טאָג זיינען די מצריים דערטרונקען געוואָרן אין ים. און גאָט פרייט זיך ניט, אַז די רשעים שטאַרבן.

די דאָזיקע מענטשן־פריינדלעכע איינשטעלונג אויסערט זיך אויך ביים מנהג פון אַרויסגיסן טראָפּנס פון ווין ביים אָפּציילן די מכות ביים סדר (כדי צו פאַרמינערן אונדזער שמחה ביי זייערע צרות), און אויך ביים שיינעם מדרש: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה!?״ — מיינע באַשעפעניש (די מצרים) דערטרינקען זיך אין ים, און איר זאָגט שירה!

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין ליבער שוועסטער

שפרה ראָבין ע״ה

רחל ראָבינס
דזשעקסאָוויל, פלאָרידאַ



הרב אהרן ווערטהיים / ברוקלין, נ. י.

# די אַנטפּלעקונג פון אליהו הנביא

## (אַ חסידישע מעשה איבערדערציילט פון חיים ליבערמאַן*)

דער הייליקער צדיק, דער בערדיטשעווער רבי ר׳ לוי יצחק ז״ל, האָט איין מאָל אין אַ פרימאָרגן פלוצלינג אָן עפּן געטאָן זיין יהודות־שטיבל און אַ זאָג געטאָן צו די בני־בית:

„איך ריכט זיך אויף מאָרגן אויף זייער חשובע געסט, וויל איך מ׳זאָל מיין שטיבל גוט אויסרייניקן און אויסוואַשן און מ׳זאָל אַוועקשטעלן צוויי שטולן גרייט פאַר די געסט.״

פאַרשטייט זיך, אַז די שטוב־מענטשן האָבן זיך באַלד אַ נעם געטאָן מיט גרויס פלייס צו דערפילן דעם צדיקס פאַרלאַנג, און אין דער אייגענער צייט געברענט ממש מיט נייגעריקייט צו וויסן ווער קענען עס זיין די חשובע געסט, און ווער האָט עס אַזוי אומגעריכט געבראַכט ר׳ לוי יצחק די ידיעה פון זייער קומען. נאָר ר׳ לוי יצחק האָט געשוויגן.

אויפן אַנדערן טאָג, באַלד אין דער פרי, איז שוין אַלץ געווען ריין, ציכטיק, אויפגערוימט, און אַלע האָבן אויסגעקוקט די אויגן אויף די געסט. זייער נייגעריקייט איז נאָך מער געוואַקסן ווען זיי האָבן געזען ווי דער גרויסער צדיק, ר׳ לוי איז אויפגעלעבט און פריילעך, ממש מלא שמחה.

אַרום מיטאָג־צייט דערהערט זיך אַ רעש און, עס פאָרט אָן אַ קאָטש מיט פיר פערד געשפּאַנט נאַשפּיץ און שטעלט זיך אָפּ ביים רבינס הויז. אַ לאַקיי, אָנגעטאָן אין אַ ליווריי מיט שליפּעס, איז אַראָפּגעשפּרונגען און געעפנט די טירלעך פון דער פאַרמאַכטער קאַרעטע, און עס קומט אַרויס אַן עלטערע פרוי אָנגעטאָן אין שוואַרצן.

ווי פאַרוווּנדערט זיינען געוואָרן די אַרומיקע מענטשן ווען זיי האָבן דערזען, אַז דער הייליקער צדיק איז אַליין אַרויסגעקומען, בכבודו ובעצמו, אין דער טיר און האָט אַריינגעבעטן די פרוי אין הויז אַריין.

דער רבי איז אַריין אין זיין שטיבל און די פרוי איז געגאַנגען נאָך אים מיט גרויס יראת הכבוד. נאָך איר זיינען נאָכגעגאַנגען דעם רבינס מקורבים, וועלכע זיינען אָבער געבליבן שטיין. ביי דער אָפענער טיר און האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן און זען וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

ר׳ לוי יצחק האָט זיך געזעצט אויף זיין שטול און האָט אָנגעוויזן דער פרוי זי זאָל זיך זעצן אויף איינעם פון די צוויי שטולן אַנטקעגן אים.

די פרוי האָט אַזוי געטאָן. און באַלד האָבן זיי ביידע, ר׳ לוי יצחק און די פרוי, אָנגעשטעלט זייערע בליקן אויף דער צווייטער שטול, וואָס איז געבליבן ליידיק.

זיי האָבן געקוקט און געקוקט אַ לענגערע צייט אויף דער ליידיקער שטול און געשוויגן, אָבער מ׳האָט געזען ווי אַן אינערלעכע הייליקע שמחה און אַ זיסער שמייכל האָבן זיך באַוויזן אויפן צדיקס ליכטיקער צורה.

און באַלד האָט זיך ר׳ לוי יצחק אויפגעהויבן און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט ער געפרעגט דער פרוי:

„נו, איז דאָס דער זעלביקער?״

*) פון די פאַרבליבענע שריפטן פון חיים ליבערמאַן ז״ל. די דאָזיקע מעשה האָט חיים ליבערמאַן פאַרשריבן מיט דער ווייטערדיקער הקדמה:

„אין די לעצטע עטלעכע יאָר, פּסח, האָב איך געהאַט דאָס גרויסע פאַרגעניגן צו פאַרברענגען די סדרים ביי הרב ר׳ אהרן ווערטהיים און זיין פרוי רחל, אין ברוקלין. ביי די ווערטהיימס איז דאָ אַ טראַדיציע אין דער משפּחה, אַז ביים סדר ווערט דערציילט אַ געוויסע מעשה פון רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, אַ מעשה מיט אליהו הנביאס כוס. ס׳איז אַ ווונדערלעכע מעשה, וואָס איך האָב ערגעץ אַנדערש ניט געהערט. וויל איך מיט דעם מהנה זיין יידישע לייענערס, און איך האָב זי אַרונטערגעשריבן פון מויל פון הרב ווערטהיים גענוי ווי ער האָט זי דערציילט ביים סדר.״

די פרוי האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט און שטיל און צניעותדיק געענטפערט:

„יאָ, הייליקער רבי, דער זעלביקער.“

באַלד דערויף האָט זיך די פרוי געזעגנט מיטן רבין. דער רבי האָט איר געווונטשן אַ שיבה טובה. די פרוי האָט זיך אַריינגעזעצט צוריק אין קאָטש, דער קוטשער האָט געגעבן אַ קנאַל מיט דער בייטש, און אין אַ רגע זיינען זיי פאַרשוווּנדן.

די חסידים און די שטוב־מענטשן, ווי מען קען זיך אַליין אָנשטויסן, האָבן זיך באַלד אַרומגעשטעלט אַרום דעם רבין און מיט לעכצנדיקע אויגן געבעטן, אַז דער רבי זאָל זיי דערציילן וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען.

און דער בערדיטשעווער רבי, זכרונו לברכה, האָט אויף זיין שטייגער, מיט פיל דבקות און התלהבות, אָנגעהויבן דערציילן די נפלאות פון דעם הייליקן באַשעפער.

„אָט די גבירטע וואָס איר האָט דאָ געזען — האָט דער רבי אָנגעהויבן דערציילן — איז היינט נעבעך אַן אַלמנה, אָבער מיט אַ צייט צוריק האָט זי אַ סך יאָר געלעבט מיט איר מאַן אין אַ שטעטל גאַנץ ווייט פון בערדיטשעוו. דער אויבערשטער האָט זיי ניט געבענטשט מיט קיין קינדער, אָבער דערפאַר זיינען זיי געווען גאַנץ פאַרמעגלעך, כמעט רייך, און האָבן זיך געקענט פאַרגינען אַכטונג צו געבן אויף פרעמדע קינדער פון אָרעמע מענטשן, אַלמנות און יתומים. זייער הויז איז שטענדיק געווען אָפן פאַר יעדן אָרעמאַן און נויטבאַדערפטיקן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, און באַזונדערס ווען ס'איז געקומען דער הייליקער פסח. ניט נאָר פלעגן זיי געבן די שענסטע נדבה פאַר מעות חיטים, נאָר דאָס הויז איז ממש געווען „כל דכפין ייתי וייכול“. יעדער פרעמדער אורח און יעדער עלנטער אָרעמאַן האָט געפונען ביי זיי אַן אָרט ביים סדר אויפן שענסטן אופן.

איר מאַן איז געווען אַ שטילער, פיינער ייד, אָבער דער עיקר איז זי געווען די אשת חייל, סיי אין הויז, סיי אין דער שניטקראָם וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. און זייענדיק אַ גוטע נשמה, האָט זי אָנגעפירט אַלץ מיט דער ברייטער האַנט.

איין מאָל פאַר פסח פאַלט איר איין אַ געדאַנק און זי קומט צום מאַן און מאַכט צו אים אַזוי: „היות אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט אונדז געבענטשט מיט הצלחה און מיר קענען זיך פאַרגינען צו האָבן זילבערנע בעכערס פאַר אַלע אונדזערע אורחים צום סדר, כדי חלילה קיינעם ניט מבייש צו זיין, טאָ פרעג איך דיך, מיין ליבער מאַן, ווי איז עס רעכט אַז מיר אַלע זינדיקע בשר־ודמס זאָלן טרינקען אין זילבערנע בעכערס און אליהו הנביא זאָל ביי אונדז אויך טרינקען אין אַ זילבערנעם בעכער? א ל י ה ו ה נ ב י א איז עפּעס אונדזער גלייכן? ער איז דאָך אַ נביא, אַ געטלעכער מאַן, אַ מלאך! אויב מיר אַלע טרינקען פון זילבערנע בעכערס, דאַרף אליהו הנביא כאָטשבי טרינקען פון אַ גילדערנעם בעכער.“

„טאָ וואָס־זשע ווילסטו, מיין ליבע פרוי?“ פרעגט איר דער מאַן.

„איך וויל — ענטפערט די פרוי — דו זאָלסט מיר געבן רשות צו מאַכן ביים גאָלדשמיד אַ גילדערנעם בעכער פאַר דעם כוס של אליהו.“

„ביסט אַ גלייכער שותף אויף אונדזער געלט ווי איך — ענטפערט איר דער מאַן — און אויב דאָס איז דיין באַגער קענסטו אַזוי טאָן.“

די פרוי איז אַוועקגעלאָפן און האָט באַלד אַרויסגענומען אַ הויפן רענדלעך פון דעם קופערט און איז אַוועקגעאיילט צום גאָלדשמיד און געזאָגט: „איך ווייס אַז איר זייט אַן ערלעכער מאַן און אַ גוטער בעל־מלאכה, נאָר איצט וויל איך פון אייך עפּעס גאָר אַזעלכעס ווי אַזוינס, איר זאָלט אַריינלייגן אייער גאַנצער חכמה. איך וועל אייך באַצאָלן וויפיל איר וועט אַליין וועלן, און מאַכט מיר אַ גאָלדענעם בעכער פאַר זיין הייליקן כבוד וועגן, אליהו הנביא.“

דער גאָלדשמיד, אַן אָרעמער ייד אָבער זייער אַן ערלעכער, האָט גאָרניט אַ טראַכט געטאָן פון פאַרדינסט, נאָר האָט אַזש אַ ציטער געטאָן ווען ער האָט דערהערט אַז ער דאַרף מאַכן אַזאַ הייליקע אַרבעט, און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַוודאי מאַכן דעם שענסטן בעכער וואָס ער קען נאָר. די פרוי האָט אים געפרעגט, וויפיל ער פאַרלאַנגט מלאכה־געלט. דער גאָלדשמיד האָט איר געזאָגט. די פרוי האָט זיך גאָרניט געדונגען, נאָר האָט באַלד מסכים געווען אויפן פרייז און



אים איבערגעגעבן די גאָלדענע רענדלעך.

דער גאָלדשמיד האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס פלייס, און ווייל ער האָט געאַרבעט מיטן גאַנצן האַרצן, לשמה, איז טאַקע אַרויסגעקומען אַ בעכער אַן אַנטיק, וואָס די וועלט האָט אַזעלכעס ניט געזען. ווען די פרוי האָט דערזען דעם בעכער, האָט זי זיך אַזוי דערפרייט, אַז זי האָט דעם גאָלדשמיד געגעבן צוויי מאָל אַזוי פיל ווי זי האָט זיך מיט אים באַדונגען.

פסח ביינאַכט, צום סדר, האָט טאַקע דער גאָלדענער בעכער באַשיינט דעם גאַנצן טיש און אַלע האָבן דאָס באַוווּנדערט און ווען דער מאַן האָט אַ זאָג געטאָן: „וואָס קומט שוין אַרויס פון דעם גאָלדענעם בעכער, אַז זען ווי אליהו הנביא טרינקט זעען מיר סיי־ווי ניט.“ האָט די פרוי געענטפערט שטיל מיט אַ קרעכץ: „מסתמא זיינען מיר ניט ווערט אים צו זען, מיר האָבן ניט קיין זכות, אָבער ער אונדז זעט דאָך יאָ.“

די סדרים און דער פסח זיינען ווי געוויינלעך אַריבער מיט אַ סך אורחים און פיל שמחה. אָבער באַלד נאָך פסח האָט זיך דאָס רעדעלע פלוצלינג געגעבן אַ דריי־איבער און אַלץ איז אַוועק קאַפּויר. די שניטקראָם איז פלוצלינג אַוועק מיטן פייער און דאָס פאַרפאָלק איז געבליבן אָרעם און נאַקעט, ממש אָן אַ העמד אויפן לייב. זיי האָבן נאָך געמוזט פאַרקויפן דאָס הויז צו באַצאָלן די חובות, וואָס זיי זיינען שולדיק געווען פאַר סחורה, כנהוג. זיי האָבן זיך געמוזט אַריינציען אין אַן אָרעמער וווינונג אין אַ זייטיק געסל און מ'האָט אָנגעהויבן ליידן דחקות, ממש הונגער. און ווען ס'איז געקומען דער ווינטער האָבן זיי שוין געהאַט פאַרמשכונט אַלע זייערע ווערטפולע זאַכן וואָס זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון דער שרפה. עס איז זיי מער ניט פאַרבליבן נאָר דער גאָלדענער בעכער.

נאָר דעם גאָלדענעם בעכער האָט די פרוי בשום אופן ניט געלאָזט פאַרקויפן אָדער אפילו פאַרזעצן, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז דאָס געהער צו אליהו הנביא און ניט צו זיי...

אַזוי איז אַוועק באַלד דער גאַנצער ווינטער אין גרויס אָרעמקייט. דעם גאַנצן ווינטער האָבן זיי זיך דערנערט נאָר מיט קאַרטאָפל. נאָר אַז ס'איז געקומען פאַר פסח האָט דער מאַן אָנגעהויבן פאָדערן פון דער פרוי זי זאָל פאַרזעצן דעם כוס של אליהו און מאַכן פסח: מען מוז דאָך האָבן מצות מיט אַרבע כוסות. מ'קען דאָך ניט מאַכן פסח מיט קאַרטאָפל אַליין. ער האָט איר אַזוי דערקוטשעט ביז זי האָט מסכים געווען. זי האָט גענומען דעם בעכער און איז אַוועק צום וואָכערניק און האָט די טייערע כלי פאַרזעצט פאַר צוויי רענדלעך. דער וואָכערניק האָט איר אפילו געוואָלט געבן מער אויף דעם בעכער, נאָר זי האָט ניט געוואָלט באָרגן מער וויפיל זי דאַרף ממש אויף פסח.

דאַרף זיך טרעפן, אַז פונקט ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם וואָכערניק מיט די צוויי רענדלעך, זאָל איר קומען אַנטקעגן דער רב מיט דעם גבאי־צדקה, וואָס זיינען פונקט דעמאָלט געגאַנגען צונויפנעמען אויף מעות חטים. ווען זיי האָבן זי דערזען, האָבן זיי איר געוואָלט אויסמיידן און זיינען אַריבער אויף דער אַנדערער זייט פון דער גאַס. זי האָט עס אָבער באַמערקט און האָט דערפילט, אַז דאָס האָט מען איר פון הימל אָפּגעטאָן. איז זי גיך אַריבערגעלאָפן די גאַס און האָט זיי אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „רבי, איך וויל אויך געבן מעות חטים“

זאָגט איר דער רב: „אַלע יאָרן האָט איר געגעבן די גרעסטע נדבה פאַר מעות חטים, מאַכט ניט אויס, אַז איר וועט הייַנטיקן יאָר ניט געבן. גאָט וועט אייך העלפן, אם ירצה השם, איבעראַיאָר וועט איר ווידער געבן.“

„ניין, רבי לעבן, איך וויל אייך געבן הייַנטיקס יאָר אויך דעם זעלבן מעות חטים ווי פאַראַיאָרן — גאַנצע צוויי גאָלדענע רענדלעך!“

דער רב און דער גבאי האָבן זיך איבערגעקוקט דערשטוינט און האָבן ניט־ווילנדיק גענומען די נדבה.

ווען די פרוי איז געקומען אַהיים, האָט זי דאָס דערציילט דעם מאַן און געזאָגט, אַז די מעשה פון טרעפן דעם רב און די מעות חטים גבאים אין דער רגע וואָס זי האָט געהאַלטן דאָס געלט פון דעם פאַרזעצטן בעכער, איז ביי איר אַ סימן, אַז דער בעכער איז טאַקע הייליק און מען

טאָר זיין געלט ניט נוצן סיידן פאַר אָרעמע לייט וועגן.

דער מאַן איז אָבער געוואָרן זייער אויפגערעגט און האָט איר באַשווירן, אַז זי זאָל ניט דערוועגן צו נעמען פון קיין מענטש קיין נדבה אויף פסח. אויב דער אין הימל וויל אַזוי — האָט ער געזאָגט — וועלן זיי אָפּקומען פסח מיט קאַרטאָפל אָבער ניט אָנקומען חס ושלום צו קיין נדבות.

נון, די צייט שטייט ניט דערווייל, און פסח ווערט אַלץ נענטער און נענטער. עס איז שוין דער לעצטער טאָג פאַר ערב פסח. מאָרגן נאַכט איז שוין דער ערשטער סדר, און דאָ איז נישטאָ אפילו קיין סימן פון מצה אין הויז! דער מאַן איז אַוועק גאַנץ פרי אין בית־המדרש און פאַר ווייטאָג ניט געוואָלט קומען אַ גאַנצן טאָג אַהיים. די פרוי האָט דערווייל שוין געהאַט פסחדיק געמאַכט די גאַנצע הויז און די קיך און כדי שכנים זאָלן זיך ניט דערוויסן פון זייער ביטערער לאַגע, האָט זי אויפגעשטעלט אַ פאָר פסחדיקע טעפּ מיט פּשוטע וואַסער צו קאָכן אויף דער קיך, כדי די שכנים זאָלן זען אַ רויך פון קוימען און זאָלן דענקען אַז אַלץ איז ווי עס דאַרף צו זיין. זי האָט אויך אָפּגעבראָטן אַ פאָר קאַרטאָפל פאַר זיך און פאַרן מאַן.

פּלוצלינג עפנט זיך שטיל די טיר און עס קומט אַריין אַ פרעמדער אָרעמאַן, אַ בעטלער מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, און בעט אַ נדבה. איז נעבעך דער פרוי ערשט רעכט געוואָרן ביטער און פינצטער. זי איז געוואָרן רויט פאַר בושה און געענטפערט: „גלויבט מיר, מיין ליבער ייד, אַז איך האָב ניט קיין פּרוטה געלט אייך צו געבן. אפשר קען איך אייך העלפן מיט עפּעס אַנדערש? אפשר ווילט איר אַ געבראָטענע קאַרטאָפליע?“

„טייערע פרוי — ענטפערט דער אָרעמאַן — לאָזט מיך זיך צוזעצן אויף אַ ווײַלע און אָפּרוען מיינע געשוואָלענע פיס, וועט איר דאָך האָבן אַן אמתע מצוה. איר מיינט טאַקע אַז אַלץ איז געלט? אַ מאָל איז אַ הייסע קאַרטאָפליע אַ סך וויכטיקער צו דערכאַפּן דאָס האַרץ פונעם אָרעמאַן ווי די גרעסטע נדבה.“

די פרוי האָט אים באַלד אַוועקגעזעצט ביים טיש און אים דערלאַנגט קאַרטאָפּליעס מיט זאַלץ און אַ גלאָז הייסע וואַסער און דער אָרעמאַן האָט פאַרטרונקען מיט זיין אייגענעם צוקער. די פרוי האָט זיך ווידער אַמאָל אַנטשולדיקט פאַרוואָס זי האָט ניט מער מיט וואָס אים מהנה צו זיין. זי איז אָבער געווען מלא שמחה וואָס השי״ת האָט איר דווקא מזכה געווען מיט אַזאַ מצוה פון הכנסת אורחים

אַז דער אָרעמאַן האָט אָפּגעגעסן, רופט ער זיך אָן צו דער פרוי:

„איך זע דאָך אַז איר זיינט אַן אָרעמע פרוי, אָבער אַן ערלעכע. קען איך אפשר בעטן אַ געפעליקייט. איך בין טאַקע לא עליכם אַ בעטלער, אָבער פסח איז דאָך ביי מיר אויך יום־טוב, און איך בין דאָ אַ פרעמדער און עס קען זיך גרייליך מאַכן, אַז מאָרגן אָוונט זאָלן זיין צופיל אָרעמעלייט אין בית המדרש און עס זאָל ניט זיין ווער ס׳זאָל מיך נעמען אויף פסח, און איך זאָל בלייבן אָן פסח. דעריבער בין איך זיך נוהג, אַז יעדן יאָר באַשטעל איך מיר ביי אַן אָרעמער פאַמיליע אַ פסח פאַר מיין אייגן געלט, און דערנאָך איז אַזוי: נעמט מיר אַ רייכער ייד אויף אַ סדר, איז אַוודאי גוט, וועל איך דאָך האָבן אַלע מטעמים פריי און מיינס וועט ניט קאַליע ווערן אויף מאָרגן. און טאָמער וועט מיך קיינער ניט נעמען, בין איך מיר אַ באַלעבאָס אויף מיין אייגענעם חשבון, און פּראַוועו מיר מיין אייגענעם סדר. איז אויב איר ווילט טאָן אַן אָרעמען יידן אַ טובה, נאַט אייך אַ גאָלדן רענדל און גרייט מיר צו אַ יום־טוב טאַקע ווי אין פּסוק שטייט, מצות און וויין מיט פיש כדבעי! וואָס מיינט איר טאַקע, אַז אַן אָרעמאַנס נשמה איז פון קלאָטשעס? איך מעג אויך הנאה האָבן איינמאָל אַ יאָר פון פסח, און איך וועל מיך דערווייל אַרויסלאָזן איבערן שטעטל, צוליב מיין פרנסה וועגן. און מאָרגן אויף דער נאַכט, אויב איך וועל ניט געפינען קיין בעסערן טיש פאַר אַ סדר, וועל איך קומען באַלד נאָכן דאַווענען צו אייך. איר דאַרפט ניט וואַרטן לאַנג אויף מיר. אויב איך קום ניט ביז אַ האַלבע שעה נאָכן דאַווענען איז אַ סימן אַז איך בין פאַררופן צו אַ רייכן יידן צום סדר.“

רופט זיך אָן די פרוי:

„פאַראַיאָרן האָב איך געהאַט ביי מיין טיש אַ סך אורחים אויף מיין חשבון, מעג



איך דאָך היינטיקס יאָר האָבן כאָטש איין אורח אויף ז י י ן חשבון.“

דער אָרעמאַן האָט אַוועקגעלייגט דאָס רענדל אויפן טיש און איז זיך אַוועקגעגאַנגען זיין וועג.

די פרוי האָט גענומען דאָס רענדל און זיך אַ נעם געטאָן אין איילעניש צוצוגרייטן דעם יום־טוב פאַר דעם אָרעמאַן. צום ערשטן איז זי אַריין צום מצה־בעקער און געקויפט עטלעכע פונט מצות און געגעבן דאָס רענדל, און דער בעקער האָט איר אויסגעגעבן רעשט. ווען זי איז אַרויס פון דער בעקעריי האָט זי דערזען, אַז זי האָט דאָס רענדל אין האַנט צוזאַמען מיטן קליין־געלט. האָט זי דאָך פאַרשטאַנען אַז דער בעקער האָט געמאַכט אַ טעות. קערט זי זיך אום צוריק צום בעקער און זאָגט אים: „ר׳ ייד, איר האָט געמאַכט אַ טעות: איר האָט מיר צוריקגעגעבן מיין רענדל מיטן קליינגעלט.“ עפנט דער בעקער אויף זיין טישקעסטל און ווייזט איר דאָס רענדל און זאָגט:

„איר זיינט טאַקע אַן ערלעכע פרוי, איך בין אויך אַן ערלעכער ייד. איר זיינט דער ערשטער קונה היינט מיט אַ גאָלדן רענדל, און אָט איז דאָס. דאָס רענדל ביי אייך אין האַנט איז אייערס. מן הסתם האָט איר פון הויז מיטגענומען צוויי רענדלעך, ניט איינס.“

אַלע טענות פון דער פרוי, אַז זי האָט פאָרט ניט געהאַט מער ווי איין רענדל, האָבן איר ניט געהאָלפן. דער בעקער האָט איר באַוויזן, אַז ער האָט זיין געלט געקראָגן, און זי האָט געמוזט אַוועקגיין מיטן רענדל.

די זעלבע געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט ביי דעם קצב: ער האָט אויך געקראָגן ביי דער פרוי אַ גאָלדן רענדל, און ביי איר אין האַנט איז ווידער געבליבן אַ גאָלדן רענדל. דעמאָלט האָט שוין די פרוי פאַרשטאַנען, אַז ג־ט האָט איר געשיקט אַ ברכה אין דעם רענדל, און זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק איינקויפן אַלעס אויף יום־טוב, פאַר זייערט־וועגן און פאַר דעם אורח־וועגן. פאַר יעדער זאַך וואָס זי האָט געקויפט האָט זי געצאָלט מיטן רענדל, און יעדער סוחר האָט געקראָגן אַ רענדל, און ביי איר איז אויך געבליבן אַ רענדל.

פאַרנאַכט איז שוין דאָס הויז געווען פול מיט כל טוב. און די פרוי האָט זיך גענומען צוגרייטן דעם יום־טוב, און אויך אַ געשמאַקן אָוונט־ברויט פאַרן מאַן. דער מאַן נעבעך, ג־ט ווייסנדיק פון גאָרניט, האָט זיך געשעמט אַהיימצוקומען פרי, איז ער זיך פאַרזעסן אין בית המדרש ביז גאַנץ שפּעט, און ווען ער האָט געטראַכט, אַז איצט שלאָפט שוין געוויס די פרוי, האָט ער זיך דעמאָלט געלאָזט גיין אַהיים.

ווען ער האָט דערזען פון ווייטנס ווי עס איז ליכטיק ביי אים אין הויז, האָט ער באַלד חושד געווען, אַז מן הסתם האָט די פרוי ניט אויסגעהאַלטן דעם סוד, און געקראָגן הילף פון דעם גבאי, צדקה. איז ער אַן אויפגערעגטער אַריין שנעל אין הויז און אַ געשריי געטאָן: „אַ יידענע בלייבט אַ יידענע! טאַקע ניט אויסגעהאַלטן קיין יידישקייט און געגאַנגען בעטן צדקה און עובר געווען אויף דער שבועה!“

ערשט ווען ער האָט אויסגעהערט די געשיכטע און געזען דאָס רענדל, האָט ער זיך באַרואיקט און מיט טרערן געבעטן ביי פרוי מחילה. און זיי האָבן צוזאַמען געדאַנקט גאָט פאַר דעם נס וואָס ער האָט זיי געטאָן, און פלייסיק גענומען צוהעלפן זיין פרוי מיט די לעצטע הכנות פאַר דעם יום־טוב.

ערב פסח האָבן זיי ווידער געקויפט קליידער פאַר זיך, און פאַר דעם אורח אַ נייע קאַפּאָטע מיט פאַנטאָפל, און די פרוי האָט דערזען, אַז ס׳איז איר נאָך געבליבן גענוג געלט אויסצולייזן דעם גאָלדענעם בעכער, דעם כוס של אליהו! איז זי אַוועקגעלאָפן און אים אויסגעלייזט און צוגעגרייט אַ שיינעם סדר.

ווען דער מאַן איז אַוועק אין שול אַריין, האָט אים די פרוי אָפּגעמאָלט ווי דער אָרעמאַן קוקט אויס, און אים אָנגעזאָגט, אַז ער מוז דעם אָרעמאַן ברענגען צו זיי אַהיים און אים ניט לאָזן אַוועקגיין צו קיין אַנדער יידן

אָבער דער מאַן האָט געזוכט אין דעם בית־המדרש דעם בעטלער און אים ניט געפונען. איז ער געגאַנגען אין אַנדערע בתי מדרשות און שולן און ניט געפונען. איז ער אַהיים געקומען אַ מידער און זיי זיינען געגאַנגען צום סדר אַליין.

(המשך אויף זייט 44)

# אַ הסתדרות
# אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט
פון דער
## ישראל הסתדרות־פונדאַציע
אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט”־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס”־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט . . .**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל ?**

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט־קאָנטראַקט.

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................

Address..........................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..........................................

Date........................Signature of Applicant..............................





# דער
# אַרבעטער רינג

פּראָגרעסיווע פראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס־אָרגאַניזאַציע

## איבער זיבעציק יאָר
אַ צייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף אַלע שטחים און גע־ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

פאַר איינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט :

## אַרבעטער רינג קולטור צענטער
1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס

טעלעפאָן: 276-7007

(סוף פון זייט 41)

נאָכן דריטן כּוס, ווען די פּרוי האָט געעפנט די טיר צו „שפוך חמתך”, איז דער מאַן פון מידקייט איינגעדרימלט געוואָרן אויפן טיש. און די פרוי האָט פלוצים דערזען די ליכטיקע צורה פון אליהו הנביא, ווי ער קומט שטיל מיט אַ שמייכל און פאַרזוכט פון דעם ווײַן! און זי האָט דערקענט אין דער צורה דעם בעכטיקן אָרעמאַן מיטן רענדל. פון שרעק איז זי געבליבן אָן לשון, און די צורה איז פאַרשווונדן.

האָט זי אויפגעוועקט דעם מאַן און אים דאָס דערציילט. האָט עס אים זייער באַנג געטאָן וואָס ער האָט פאַרשלאָפן אַזאַ הייליקע רגע און ער האָט איר געבעטן, אַז מאָרגן, צום צווייטן סדר, אויב אליהו הנביא וועט זיך ווידער באַווייזן, זאָל זי אים, דעם מאַן, מיט געוואַלד אויפוועקן, אפילו מיט אַ באָדל שטעכן, אַבי ער זאָל נאָר קאָנען אים זען.

צום צווייטן סדר האָט זיך די געשיכטע איבערגעחזרט פּונקט ווי נעכטן: אליהו האָט זיך באַוויזן, האָט מיט די ליפּן אָנגערירט דעם ווײַן אין דעם גאָלדענעם בעכער, נאָר דער מאַן איז ווידער איינגעשלאָפן. און ווען די פרוי האָט אים געוואָלט אויפוועקן, האָט אליהו איר געזאָגט, אַז דאָס וועט איר ניט העלפן, ווייל דער מאַן האָט ניט זוכה געווען.. דאַן האָט איר אליהו געפרעגט וואָס איז איר בקשה פון אים. האָט זי געענטפערט, אַז זי וויל ניט קיין אַנדער זאַך נאָר האָבן די זכיה כאָטש נאָך איין מאָל אין איר לעבן אים זען.

האָט איר אליהו געענטפערט:

„גוט, אין דעם און אין דעם טאָג, אין פופצן יאָר אַרום אין הויז פון דעם בערדיטשעווער רב.”

די צייט איז געלאָפן.. דער מאַן און די פרוי זיינען ווידער געוואָרן זייער רייך, פיל מער ווי זיי זיינען געווען פריער. און זיי האָבן געטאָן פיל צדקה, און דער מאַן איז שפּעטער געשטאָרבן.

„און אָט היינט — האָט פאַרענדיקט דער הייליקער צדיק, רבי לוי יצחק — איז טאַקע געווען דער באַשטימטער טאָג וואָס די פרוי האָט זיך דאָ געטראָפן מיט אליהו הנביא.”

מ. חסיד / מאָנטרעאל, קאנאדע

# צוויי לידער

## דער ווינט

איך שריי אַריין אין אויער
פונעם ווינט —
נאָר ווילן וויל ער מיך
ניט הערן.
ער איז אַן אייניקל
פון יענע יוסטע ווינטן,
אַלט ווי די ערד,
וואָס האָבן שוין געזען
אין פרעהס רייטוואָגן
אי שיר־השירימדיקע
פערד.
געשיכטע ווינט.
ער ווייסט שוין
אַקוראַט
וואָס ס'איז אַרויס
פון אָדמס פראַווען —
און וואָסער ריפּ
האָט תל געמאַכט
פון מאַמע חוהן.
ער בלאָזט זיך אָן
און לאָזט מיך ניט אַריין
צו זיך —
דער ווינט.
פינצטערט אימהדיק אַרום,
אין אַ פאַרשמאָלטן עיגול,
מיין איינציקער.



אַצינד.
איך ווער אַליין,
ביז צו דעם סאַמע גרונט,
צעווינטלט.
ערגעץ, דוכט זיך,
שווימט אַרום
דעם כּביכולס פּנים,
אָנגעכתיבהט,
אַריינגעקנייטשט אין פאַרמעט
און סודותדיק
געפינטלט.
איך קען מיך ניט
דערהייבן
מער צו אים
פון אָדמדיקן
איין אַליין,
ווייל איך רעד אַ לשון,
וואָס קיינער קען עס מער
ניט הערן —
און איך קען דערמיט
מיך אויך שוין
ניט פאַרשטיין.

## כי טוב

עס וואַרגט מיך, וואַרגט
מיין ליד
אין אָט דער ליל־שימורים
נאַכט:
— הייב אויף דיך
איבער זיך,
בן־אָדם איינער,
טראַכט.
פאַרלעש די אויגן באַלד,
אַ סכּנה דאָ זייער
זען.
פאַרשטאָפּ די אויערן:
ווער קען עס הערן גאָר
אַזאַ מיין מוראדיק
געוויין?
לאָז אַלע אברים
אָפּ.
זאָל פרירן ווער עס פרירט
און פוסטעווען
וואָס איז ממילא
פּוסט.
פאַרגעס,
וואָס האָסט געדענקט,
פאַרגעס,
וואָס האָסט גאָר קיינמאָל
ריכטיק
ניט געוווסט.
צי, מיט די לעצטע כּוחות,
פון דיין תהום,
אַרויס
אַ וואָרט,
ווער ווייסט צי האָט עס אַ קאָליר,
ווער ווייסט
צי וועט עס אויסזוכן פאַר זיך
אַן אָרט,
טונק טיף עס איין
אין אייגן בלוט
און טו אַ זאָג:
כי טוב —
איז וואָס, איז וואָס,
וואָס איז דען
אַזוי גוט?

לוי גאָלדבערג / ניו־יאָרק

# פון ווייטער הי

(צום 25טן יום העצמאות פון מדינת ישראל)

קאָן איך דיר ניט זען אויף וואָר,
קום איך אָפּט צו דיר אין חלום.
און וואָס אַ גאַסט זאָגט אויף דער וואָר,
זאָג איך צו דיר, לאַנד מיינס, שלום.
אָן דו, ווי הי מען זאָגט: „וועלקאָם"—
איך ספרדיש ענטפערסטו: שאַלאָם!

טרעט איך אויף דער הייליק ערד
די וואַקסונג זען אין יידנלאַנד.
און וואָס איך זע אויף יידנס ערד—
איז מיר באַקאַנט, און אומבאַקאַנט.
באַרג און הייל, שטאָט און הויז,
צוריק פון תנ"ך דאָ אַרויס...

דורך תל־אָביב, חיפה, צפת,
איך שפּאַן דורך זיי אויף נגבס זאַמד.
געהייליקט שיינט די זון אין צפת,
דאָ רוט די שכינה פון מיין לאַנד.
באַרג אויף באַרג — אין שיין צעגליט,
איך קאָן זי פון תנ"ך, און ליד.

אין חיפהס פּאָרט זיך וויגט אַ שיף,
זי האָט מיין פאָלק געבראַכט אַהער,
און ווי אַ מענטש אַראָפּ פון שיף—
קליינגט פאָלקס־ליד צו מיין געהער.
איך לאָז זיך גיין מיט נייעם וועג
צו ישראלס אַלט פאַרמעג...

אַן אייזל טרעט דעם זאַמדיקן שליאַך,
נאָך איר ישמעאל, פריי פון יאָך.
אַ ייד וואָס אַקערט פעלד ביים שליאַך
ער גריסט אים מיט אַ האַנט געפּאַך.
און איך דערביי, וואָס איז דער גאַסט,
זע פון „נעכטן" דעם קאָנטראַסט...

און אָט אַ שטיי איך ביי דער „וואַנט"
און זע פון דורות צייט דעם שטויב.
יידן דאַווענען ביי דער „וואַנט"
און זעלנער תפילהן גאָט אַ לויב.
און איך, דער ייד, פון ווייטער הי,
פאַל פאַר יעדן אויף די קני.



משה שטאַרקמאַן / ניו־יאָרק

# אַריינפיר אין ח. נ. ביאַליקס אידעען־וועלט

(צו זיין 100סטן געבוירנסיאָר)

חיים נחמן ביאַליקס אידעען־וועלט — זי איז פּונקט אַזוי רייך ווי זיין שירה. הימל און ערד קושן זיך ביים אויסבייג פון אירע האָריזאָנטן. פאַראַנען ביי ביאַליקן אידעען, וואָס צוערשט זיינען זיי געקומען ברמיזא אין זיינע לידער, און די רמזי רמזים פון פערזן זיינען דערנאָך אויפגעקלערט געוואָרן אין דברים שבעל פה — אין רעדעס אָדער אין חברים שבכתב — אין הקדמות, אין אָפּהאַנדלונגען, אין בריוו צו יחידים און אין לכתחילה־צוגעגרייטע רעפעראַטן.

גייט מען איבער דירעקט צו זיינע אידעען געפינט מען, ניט בלויז אינהאַלטלעכע פּונקטן צווישן ביידע פאָרמען פון אויסדרוק: מען קומט אויך צו דער דערקענטעניש, צום אויספיר, אַז געזאַנג און געדאַנק דערגאַנצן זיך איינס דאָס אַנדערע אין ביאַליקס שאַפן. צו איטלעך ליד ביאַליקס זיינען שוין געשריבן געוואָרן פירושים, און יעדער קריטיקער האָט געגעבן זיין אייגענעם טייטש. מען וואָלט אויך געקענט קאָמפּילירן אַ פירוש ביאַליק על ביאַליק — אַ פירוש, וואָס דורך אים זאָל קלאָר ווערן מיט וויפל אידעישן כוח ס'איז אָנגעלאָדן זיין דיכטונג, און ווי שטאַרק ס'זיינען די יסודות פון שירה אין זיין מחשבה. אין יעדן פאַל פילט מען די אַחריות צום וואָרט.

ביאַליקס עסיי „גילוי וכיסוי בלשון" — „דאָס אָפענע און פאַרהוילענע אין שפּראַך" (געשריבן אין 1915, געדרוקט אין יידישער איבערזעצונג אינעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „סביבה", אדר־ב', תשכ"ה, ז"ז 57-63) — דער דאָזיקער עסיי איז אין תוך אַ ביאַליקישער מאָנאָלאָג וועגן דעם עצם פון שפּראַכלעכן אויסדרוק בכלל. מיר מוזן זיך באַגרענעצן צו ציטירן בלויז דעם אַריינפיר און דעם סיום, דעם קלימאַקס־פּאַראַגראַף פון אָט דער מוסטערהאַפטער און מייסטערהאַפטער אָפּהאַנדלונג. צוערשט דער אַריינפיר:

„יעדן טאָג ווערן אַרויסגעזאָגט, באַוווסטזיניק אָדער סתם אַזוי, הורבעס און הורבעס ווערטער, ווערטער און זייערע פאַרבינדונגען, און גאָר ווייניק מענטשן ווייסן אָדער גיבן אַ טראַכט וואָס פאַר אַ באַטייט די ווערטער האָבן געהאַט ווען זיי זיינען אויפגעקומען. אייניקע זיינען אויפגעקומען דורך שווערע און דורות־לאַנגע געבורטס־ווייען; אַנדערע האָבן אויפגעבליצט פּלוצלונג און מיט איין פלי האָבן זיי באַלויכטן אַ וועלט אַ גאַנצע; דורות אויף דורות פון לעבעדיקע נשמות זיינען דורך די ווערטער דורכגעגאַנגען, אַ דור איז אַוועק און אַ דור איז געקומען, און יעדער נשמה האָט איבערגעלאָזט אויף זיי איר שפּור און איר געמיט. אַ סך פון די ווערטער זיינען געווען אַ שייד פאַר זייער קאָמפּליצירטן און איידעלן מעכאַניזם פון טיפע געדאַנקען און דערהויבענע געפילן און זייערע וווּנדערלעכסטע פאַרבינדונגען און אָפּקלאַנגען. עס זיינען פאַראַן ווערטער — גאָטס בערג, און ווערטער — אַ טיפער תהום. עס טרעפט אַז אין איין וואָרט איז פאַרקערפּערט דער אייביקער תוך פון אַ טיפער פילאָסאָפישער שיטה, דער סך־הכל פון אַ חשבון מיט אַ וועלט אַ גאַנצער. עס זיינען דאָ ווערטער וואָס האָבן אין זייער צייט באַזיגט פעלקער און לענדער, אַראָפּגעזעצט קיסרים פון טראָן, אויפגערודערט פונדאַמענטן פון ערד און הימל. און עס קומט אַ טאָג און די ווערטער גייען אַראָפּ פון זייער גדולה, פאַלן אַריין אין מאַרק און מענטשן קייקלען זיי אַרום ביי אַ לייכטן שמועס ווי מען קייקלט אַרבעס. — — —

„דאָס מינדסטע וואָרט אין דער שפּראַך איז בשעתן אַנטשטיין געווען אַ מעכטיקע און אומגעהויערע נשמה־אַנטפּלעקונג. אַ געוואַלדיק דערהויבענער גייסטיקער נצחון, ווען אָדם הראשון,

למשל, איז געווען דערשטוינט פונעם דונער — „גאָטס קול איז אין גבורה, גאָטס קול איז אין פּראַכט" — איז ער געפאַלן אויפן פּנים איבערראַשט און דורכגענומען מיט ציטער פאַר גאָט און עס האָט זיך פון זיין מויל פון זיך אַליין אַרויסגעריסן — לאָמיר זאָגן נאָכמאַכנדיק דעם קלאַנג פון דער נאַטור — אַ מין ווילדער אויסרוף, אַ מין געשריי פון אַ חיה וואָס איז נאָענט צום קלאַנג 'ר־ר־ר' — דאָס איז דער קלאַנג וואָס איז דאָ אין דעם נאָמען פאַר אַ דונער אין אַ סך שפּראַכן — צי האָט דער ווילדער אויסגעשריי ניט געבראַכט קיין פאַרלייכטערונג צו זיין אויפגערודערטער נשמה? צי איז אין דעם אויסגעשריי, אַן אָפּהילך פון אַן אויפגעציטערטן נפש ביז די טיפסטע גרונטן זיינע, ניט אַנטפּלעקט געוואָרן די גבורה פונעם באַשאַף, דער אימהדיקער שאַל פון זיין נצחון — צי איז אין דעם געווען ווייניקער יצירה ווי אין אַ 'געלונגענעם אויסדרוק' מיט טיפן אינהאַלט וואָס אַ גרויסער נביא ברענגט אַרויס אין אַ מאָמענט פון באַגייסטערונג? — — —"

און איצט די סיום שורות פון דעם עסיי:

„. . . דאָס איז וועגן דער שפּראַך פון ווערטער. אָבער חוץ דעם איז נאָך דאָ ביי גאָט שפּראַכן אָן ווערטער: געזאַנג, געוויין און געלעכטער. אָט די שפּראַכן הייבן זיך אָן דאָרט ווו עס ענדיקן זיך די ווערטער. זיי געהערן ניט צום פאַרבאָרגענעם, נאָר צום אָפענעם אויסדרוק. זיי באַווייזן זיך און שטייגן פון דעם תהום. זיי זיינען דער תהום גופא, וואָס הייבט זיך אַרויף. און דעריבער טרעפט, אַז זיי שווימען אָן און שלעפּן אונדז מיט מיט זייערע כוואַליעס, און עס איז אוממעגלעך זיך קעגנשטעלן זיי. און דעריבער טרעפט, אַז מענטשן גייען אַרויס פון די כלים און פאַרגעסן די וועלט. יעדע גייסטיקע שאַפונג, וואָס פאַרמאָגט ניט איינס פון די דריי (געזאַנג, געוויין, געלעכטער), איז קיין לעבעדיקער אָטעם אין איר ניטאָ און עס וואָלט גלייכער געווען, ווען זי זאָל גאָר ניט געבוירן ווערן."

ביאַליק האָט געצילט צו דעם, אַז די יידישע גייסטיקע עשירות פון דער פאַרגאַנגענהייט זאָל ווערן אַ דערנערונגס־כוח פאַר אַ לעבעדיקן יידישן היינט. ער האָט באַקרעפטיקט די אַלטע אמתן, אַז אָן טראַדיציע איז נישטאָ קיין קולטור, און אַז אָן אַ נאַציאָנאַלן זכרון איז ניט מעגלעך ממשיך צו זיין פאָלקישע געשיכטע. ביאַליק איז דערפאַר געווען דער אידעאָלאָג פון כינוס — צי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אגדה־שאַפן, וועגן שירת ספרד אָדער וועגן דער שפּעטערדיקער נאַציאָנאַלער יצירה — ניט לשם פאָרשונג לשמה, נייערט לטובת דעם נאַציאָנאַלן היינט און מאָרגן. אין עסיי וועגן העברעישן בוך האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז „פּונקט ווי אָן ערד איז נישטאָ קיין פלאַנץ, אַזוי קען ניט אָן טראַדיציע געמאָלט זיין קיין וווקס און אַנטוויקלונג."

אָבער מיט זיין גאַנצן דרך־ארץ פאַר טראַדיציע, האָט ביאַליק נעגירט יעדע פאָרם פון אימיטאַציע; ער האָט באַטאָנט, אַז אַ בוים, נאָך דעם ווי ער ווערט אָפּגעליקדיקט פון זיינע צייטיקע פּירות, איז ער ווייטער בכוח מיט זיינע אַלטע וואָרצלען צו זאַפּטיקן פרישע פּירות. די מיט פּירות־באַלאָדענע ביימער, ווידער, נייטיקן זיך אָפּט אין דראָנגען, אין טרוקענע שטיקער געהילץ, אונטערצוהאַלטן זייערע שווער־באַלאַסטיקטע צווייגן.

אין זיינע עסייען, רעדעס און בריוו האָט ביאַליק אָפּגעגעבן אַ סך אָרט אויך דעם קינסטלער ווי אַ יחיד. ער האָט אָנגעוויזן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, אַז די אמתע קונסט רעכנט זיך ניט מיטן מאַרק, ווייל די קונסט לעבט אייביק און איר קדושה גייט איבער פון דור צו דור: אַז אין תוך האָט די אמתע קונסט די זעלביקע וואָרצלען, וואָס דער אמת פאַרמאָגט: דער אמת איז שטענדיק עטיש און מאָראַליש. דער אמתער קינסטלער האָט אויך ניט קיין מורא פאַר אויסגעדראָשנקייט, ווייל אַ דאַנק זיין ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע אייגנאַרט איז ער קיין מאָל נישט באַנאַל. דער אמתער קינסטלער, לערנט תמיד פון אַלץ און אַלעמען, און וואָס ער שענקט זיין אייגענעם דור, גיט ער



אויך במתנה צו אַלע ווייטערדיקע דורות.

אַליין אַ פּאָעט און גלייכצייטיק אַ גרויסער געניסער פון דיכטונג בכלל, האָט ביאַליק געהאַלטן, אַז פּאָעזיע איז די סאַמע העכסטע פאָרם אויסצודריקן אי מענטשלעכע געפילן, אי מענטשלעכע געדאַנקען, — ווייל דאָרט ווו דער געווינטלעכער אויסדרוק בלייבט אָן כוח, קומט צוהילף די דיכטונג מיט איר וויזיאָנערישקייט. „כל זמן די נשמה באַווירקט דעם מענטש און לעבט אין אים; כל זמן די נשמה בענקט נאָך ליכט און איז דאָרשטיק נאָך שיינקייט, דאַרף דער מענטש האָבן דעם פאַנטאַאַן פון פּאָעזיע. — אָבער אין שאַפערישקייט דאַרף מען קיין מאָל ניט טראַכטן וועגן קוואַנטיטעט; דאָס תנ"ך־ספר „עובדיה" באַשטייט פון בלויז איין קאַפּיטל — פון דעסטוועגן פאַרנעמט עס אַן אָרט אין אונדזער ספר הספרים."

ביאַליק האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער כאַראַקטעריזירט די דראַמאַטישע קונסט: איר כוח ליגט אין דעם, וואָס זי טוט מיט אַ מאָל צוויי היפּוכדיקע זאַכן — זי פאַרוואַנדלט ווירקלעכקייט אין וויזיע, און וויזיע אין ווירקלעכקייט.

קענענדיק די נטיה פונעם מענטש בכלל און פון קינסטלער בפרט צו זיין פריי אין שמועס בין אָדם לחברו, האָט ביאַליק געוואָרנט קעגן משפּטן ווען עס איז לויט זיינע סתם רייד, מיינונגען און אידעען. ער האָט גערופן צו משפּטן דעם יחיד לויט זיינע קאָנקרעטע מעשים און לויט זיינע פאַרענדיקטע שאַפונגען. ביאַליק איז בכלל געווען קעגן מינימיזירן מענטשלעכע פּאָזיטיווע מעשים — אפילו די סאַמע פּשוטסטע. ער האָט געהאַלטן אַז אפילו הינטער די איינפאַכסטע אויפטוען שטייט אַ גרויסער כוח, וואָס איז מצרף אַ סך קליינע מעשים און שאַפט פון זיי אין באַהעפט אַ ריזיקע דערגרייכונג. נאָך מער: אַז איינער איז תמיד פאַרנומען, איז דאָס אַ גוטער סימן, באמת לשבחו, ווייל בלויז אַ לעבן פון דערקענטעניש, ווילן און וויסן, איז אַן אמתדיק מענטשלעך לעבן — אַ לעבן, וואָס אַנטהאַלט אין זיך קולטור און געשיכטע אין צוזאַמענשמעלץ.

ביאַליק איז געווען נאָכגיביק בנוגע רעקאָמענדירן יונגע שרייבערס און געבן הסכמות צו נייע טאַלאַנטן. זלמן שניאור האָט אים דערפאַר געגעבן דעם צונאָמען „שר המסכים". ביאַליק האָט גוט געקענט זיין אייגענע הסכמה־שוואַכקייט, און דערפאַר זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז מחברים זאָלן אַרויסגעבן זייערע ספרים מיט הקדמות געשריבן דורך אַנדערע. אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט ער אונטער, אַז „הקדמות און רעקאָמענדאַציעס פאַרמינערן דאָס געשטאַלט, אי פון מחבר, אי פון זיינע ווערק."

## גלות און ארץ ישראל

ביאַליק איז געווען אַ נעגירער פון דעם גלות־יידנטום. אין זיין „שחיטה־שטאָט" הילכט דער רוף פון אויפשטאַנד קעגן רבונו של עולם — אָבער דער דיכטער האָט זיך גופא אידענטיפיצירט מיט דער שטילער יידישער עדה, מיט דער „שה פזורה ישראל", און געוואָלט — „אָנשטאָט אַ חיה צווישן חיות, אויסקלייבן גיכער אומצוקומען מיט די לעמער." ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די חלוצים, און זיין „למתנדבים בעם". — „תחזקנה" איז געוואָרן דער הימען פון דער נייער אַרבעטערשאַפט אין אַלטן היימלאַנד. ביאַליק האָט געהאַלטן, אַז דער אמתער סאָציאַליזם, אין זיין העכסטער גאולה־פאָרם, איז דער אויפטו פון יידישן גייסט. אָבער אין גלות האָבן יידן אָנגעהאַנגען אַ סך גרויסע האָפענונגען אויף פּאָליטישן איבערבייט און אויף רעוואָלוציעס — נאָר די רעזולטאַטן זיינען שטענדיק געווען נול דער סך־הכל תמיד זעראָ.

ריידנדיק וועגן זיין לערער אחד העם האָט ביאַליק אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם גלות: אַז איינעמס פינגער ווערט געדריקט צווישן דער טיר און דעם בייסטידל, איז דאָס גאַנצע ווייטאָג־געפיל פון דעם מענטש קאָנצענטרירט אינעם באַשטימטן פינגער. אַזוי איז אויך דער ווייטאָג פון אַ דערנידעריקטער אומה אין גלות. קיין גרעסערער ווייטאָג איז ניט פאַראַנען. די זאָרג פאַר דער צוקונפט פון גלות־יידנטום מוז דערפאַר קומען פריער פון אַלץ.

ביאַליק האָט בעת זיין וויזיט אין די פאַראייניקטע שטאַטן דערקענט פון דער נאָענט די יונגע אַמעריקאַנער נאַציע. ער

האָט באַוווּנדערט — אי איר יונגקייט, אי איר זעלישע רואיקייט, וואָס קומט פון ניט זיין באַזאָרגט. אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז אויב די קינדער פון אַזאַ אַלט פאָלק ווי די יידן קרומען נאָך די אַמעריקאַנער יוגנטלעכע רואיקייט, מוז מען האָבן גרויסע ספקות צי זיי וועלן מצליח זיין. ביאַליק האָט דערביי אויסגעפירט, אַז אַזאַ אימיטאַציע שאַפט דעם רושם פון אַ פרעמד ליד געלייענט דורך אַ דעקלאַמאַטאָר אַ קאַליקע.

אין אַ רעדע צום אַמעריקאַנעם יידנטום האָט ביאַליק באַטאָנט, אַז דער עודף פון יידישן גייסטיקן שאַפן אין גלות בלייבט ניט ביי יידן, נאָר ער באַרייכערט די אַנדערע פעלקער. בכלל האָט ביאַליק פאַרגליכן די יידן, וואָס באַרייכערן די אַלגעמיינע קולטור און ציוויליזאַציעס, צו האָרעפּאַשניקעס, וואָס אַרבעטן אין אַ פאַבריק, וואָס געהערט ניט צו זיי. ניט זיי געניסן פון דעם פּראָפיט, נייערט דער באַלעבאָס, וואָס אין זיין קעשענע פאַלט אַריין דער גאַנצער ריווח. ביאַליק האָט געוואָרנט קעגן פאַרשווענדן יידישע כוחות און קעגן צעשטערן אין גלות יידישע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאַרמעגן, ווייל בלויז דער וואָס פאַרלירט זיין בטחון אין דער צוקונפט, צעטרענצלט זיין פאַרמעגן. כלים דאַרף מען צייטנווייז פאַרריכטן; מען דאַרף זיי אָפּט פוצן און רייניקן — אָבער מען טאָר זיי ניט צעברעכן. דאָס האָט טאַקע געלערנט די גלות־דערפאַרונג בנוגע אָנהאַלטן יידישע נאַציאָנאַלע פאַרמעגן לעבנדיק אין דער פרעמד. טאַקע ווייל די גלות־יידן האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע נאַציאָנאַלע ערד, האָבן זיי ניט געקענט בויען קיין אייגענע נאַציאָנאַלע בנינים. האָבן זיי געבויט פון דער צייט־סובסטאַנץ. זיי האָבן גענומען אַ באַזונדערן טאָג אין יאָר, אים געקנאָטן און געפורעמט אין אַ געביי. אַזוי אַרום איז איטלעכער יידישער יום־טוב אַ גאַנצער נאַציאָנאַלער בנין פאַר זיך אַליין.

דאָס מיינט ניט, אַז ביאַליק האָט געצילט גייסטיק אָפּצוזונדערן די יידן פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט און פון דער וועלט־קולטור. ריידנדיק אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט „פריינד פונעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים" האָט ביאַליק זיך באַנוצט מיט אַ מאמר אין „אָבות": „ווער איז אַ חכם? איטלעכער וואָס לערנט פון יעדן מענטש" — אָבער ער טאָר ניט דורך דעם קומען צו ביטול בנוגע זיין אייגן רוחניות־דיק האָב־און־גוטס.

נעגירנדיק דעם גלות האָט ביאַליק געהאַלטן, אַז מען טאָר ניט צו שטאַרק קריטיקירן די גלות־יידן גופא. אַ סך נעגאַטיווע אייגנשאַפטן און דערשיינונגען זיינען אַ פועל יוצא פון אָרעמקייט אָדער פון אַלערליי שוועריקייטן דורך לעבן צווישן פרעמדע. „די יידן זיינען בני קדושים און לסוף וועלן זיי אַלע תשובה טאָן."

וואָס איז שייך די שוועריקייטן ביים ווידער־אויפבוי פון ארץ ישראל, זיינען זיי ביי ביאַליקן געווען אַ מעלה: מ'דאַרף דאַנקען גאָט וואָס די יידן זיינען צוריקגעקומען צו אַ מדבר־דיקער, וויסטערדיקער טעריטאָריע — און ניט צו אַ גרייט לאַנד, ווייל אַנדערש וואָלטן זיי האָבן אויסגעביטן איין גלות אויף אַן אַנדערן. בלויז דורך נסיונות און פיינען פון פיאָנערישקייט, קען אַ פאָלק קריגן די רעכט אויפן אייגענעם לאַנד.

„קיין שום כוח וועט ניט צוריקשטויסן די יידן פון דעם דאָזיקן לאַנד, און קיין שום כוח קען זיי ניט צווינגען אָפּצוטרעטן. — — — איך בין פאַרליבט אין תל־אביב... ווייל פון די גרונטפעסטן ביז די געזימסן איז זי געבויט דורך אונדזערע אייגענע הענט . . . מיר דאַרפן זיך ניט פילן פאַרפליכטעט צו וועמען־עס־איז פאַר אירע מעלות, און מיר דאַרפן ניט פאַר וועמען־עס־איז זיך פאַרענטפערן פאַר אירע חסרונות. צי איז ניט דאָס דער ציל פון אונדזער גאולה . . . צו זיין די באַלעבאַטים איבער אונדזער גוף און נשמה, די באַלעבאַטים פון אונדזער גייסט און שאַפערישקייט. — — — דאָ, אין ארץ ישראל, וווּ דאָס לעבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָעזיע, קען די פּאָעזיע פאַרוואַנדלט ווערן אין לעבן."

## וועגן העברעיש און יידיש

ביאַליק האָט אָפט גערעדט און געשריבן וועגן שפּראַך־ענינים בכלל און וועגן דער שפּראַכן־פראַגע ביי יידן. ער איז, נאַטירלעך, געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין דעם אויפלעבן פון העברעיש ווי אַ רעד־לשון, און אין אויסברייטערן זי דורך באַרייכערן איר וואָרט־אוצר— אָבער אין איר שפּראַכלעכן גייסט, און נישט דורך מעכאַנישער ווערטער־פאַבריקאַציע.



„העברעיש איז אין אונדזער פלייש און בלוט און איטלעכע באַוועגעניש מיט איר באַווירקט אונדזער נשמה — — — אַלץ קען מען אויסבייטן אויף עפּעס אַנדערש, אָבער ניט קיין נאַציאָנאַלן לשון — — — שפּראַך איז גייסט אין קריסטאַליזירטער פאָרם און אין סובסטאַנץ— — — שפּראַך איז דער שליסל צו דעם האַרץ פון אַ פאָלק. — — — מיר זאַפּן־איין אין זיך ניט בלויז די באַזונדערע ווערטער, נייערט אויך אַלע געפילן, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַלערליי באַזונדערע דורות. — — — אָפט איז אין אַן איינציק וואָרט באַהאַלטן דער לעבנס־תמצית פון באַשטימטן וואָרט און די אומשטערבלעכקייט פון אַ גאַנצער פילאָסאָפישער שיטה. — — — אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט ניט קיין פּאַסיק אייגן לשון, קען ניט אויסדריקן ווי געהעריק די אייגענע אידעען און די אייגענע געפילן. — — — דאָס מויל און דאָס אויער זיינען ווי אַ בויגן און אַ פידל, און אַז דאָס אויער איז פאַרשלאָסן, איז דאָס מויל פאַרשטומט."

די אַקאָרשט־געבראַכטע באַמערקונגען זיינען אַן אָפּקלייב פון ביאַליקס בריוו, רעדעס, שריפטן און שמועסן.

ווי אַ געבוירענער, דערצויגענער און רייף־געוואָרענער אין דער יידיש־ריידנדיקער סביבה פון אוקראַאינישן און מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, ווי איינער וואָס האָט צייטנווייז אַליין געשאַפן אויף יידיש און ווי אַ שאַפערישער מענטש בכלל, האָט ביאַליק נישט געקענט אָננעמען דעם עקסטרעם־העברעיסטישן איינשטעל קעגן יידיש, פונקט ווי ער האָט אויפגערעגט אָפּגעוואָרפן דעם עקסטרעם־יידישיסטישן איינשטעל קעגן העברעיש. ער האָט געהאַט גרויסע ספקות בנוגע דער צוקונפט פון מאַמע־לשון, און אָפּגעשאַצט די היסטאָרישע ראָלע פון יידיש ווי אַ באַגלייט־און הילפס־לשון פון לשון־קודש. ער האָט געוואָלט זען די קולטור־עשירות פון יידיש, וואָס האָט אויף איר שטייגער אויך באַרייכערט עברית, איינגעגלידערט אין דער העברעישער ליטעראַטור דורך איבערזעצונג.

זיין רעדע אין קאָוונע וועגן דעם טראַגישן גורל, וואָס ער זעט פאַר יידיש, האָט אַרויסגערופן קעגן אים דעם צאָרן פון אַ סך יידישע שרייבערס. אָבער ניט ווייניקער איז געווען דער צאָרן אויף אים מצד די העברעישע עקסטרעמיסטן, די „שקצים"—ווי ער האָט גערופן די שפּראַך־פאַנאַטיקערס פון „גדוד מגיני השפה"— פאַר אָפּפרעגן זיין רעכט עפנטלעך צו ריידן אויף יידיש. ווי ס'דערציילט אין אַ קאַפּיטל זכרונות דער העברעישער ליגנוויסט יצחק אבנרי („מעריב, י' טבת, תשל"ג) האָט ביאַליק בעת אַן אויפטריט אויף אַן „עונג שבת" אין תל־אביבער „אוהל שם", גערעדט מיט ליב און ליבשאַפט וועגן יידיש, פאַראויסגעזאָגט מאַמע־לשון אַ באַשטימטע צוקונפט אין יידישן היימלאַנד — אָבער ער האָט ניט געגלייבט, אַז אין ארץ ישראל האָט יידיש אַ געזיכערטן עתיד, פונקט ווי ער האָט ניט געזען קיין צוקונפט פאַר העברעיש צווישן די יידן אין חוץ־לארץ. אין היסטאָרישן זינען, האָט ער געהאַלטן, זיינען „לשון־קודש און יידיש געווען אַ זיווג מן השמים."

(אויספירלעכער זען ביאַליקס „די שפּראַך־פראַגע ביי יידן", צוויי רעדעס אַרויסגעגעבן פון מרכז „תרבות" אין ליטע, קאָוונע, תרצ"ג־1931. פראַגמענט געדרוקט אין בוך „דער יידישער געדאַנק אין דער נייער צייט", געזאַמלט און רעדאַקטירט פון אברהם מענעס, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957, ז"ז 270־275).

וואָס איז שייך יידישער נאַציאָנאַלער קולטור אין אַלגעמיין, האָט ביאַליק געהאַלטן, אַז אירע גייסטיקע אייביקע ווערטן זיינען נאָר יענע, וואָס זיינען געשריבן אינעם נאַציאָנאַלן אלף־בית. זיינע פאַרמולירונגען וועגן יידישע רוחניות בכלל זיינען אין הסכם מיטן מחשבהדיקן איינשטעל פון דער קבלה: „ג' דרגין הינן מתקשרין דא בדא: קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל" (זוהר ויקרא, פ' אחרי, ע"ג) — דהיינו: גאָט, די תורה און דאָס יידישע פאָלק זיינען מדרגות געקניפּט און געבונדן אין אַן אייביקער אחדות.

## תנ״ך, הלכה און אגדה

ס׳איז אַן אלף־בית אמת: אין תנ״ך ליגן די סודות און יסודות פון אַלץ, וואָס מיר פאַרשטייען אונטער די באַגריפן יהדות, יידישקייט, יידישע נאַציאָנאַלע קולטור וכדומה. פאַר ביאַליקן איז נאַטירלעך געווען דער תנ״ך דער מקור פון אינספּיראַציע פון דער השראת שכינה, פאַר אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן אין ליד און פּראָזע: „איך האַלט תמיד ביי מיר דעם תנ״ך. אין דער אמתן קען איך קיין מאָל ניט איינטינקען מיין פעדער אין טינט איידער איך האָב ניט פריער אַריינגעקוקט אין דעם ספר הספרים״ (מ. עובדיהו. „מפי ביאַליק״). אָבער ביאַליק האָט פאַרמאָגט „זרועות חובקות עולם״ — אָרעמס וואָס נעמען אַרום די גאַנצע וועלט פון יידישער רוחניות, און ממילא האָט ער גייסטיק אַרומגענומען די גאַנצע יצירה פון פאָלק ישראל: הלכה און אגדה. — זיין „ספר האגדה״ געשאַפן אין איינעם מיט י. ח. ראַווניצקי, אַ טייל פון דעם אויך אויף יידיש; זיין פירוש צו סדר זרעים פון משניות, זיין פאָרשן די מיטלעלטערלעכע פיוטים־דיכטונג; זיינע עסייען, בריוו און רעדעס, זאָגן עדות אויף דעם. דאָס ווערט אויך באַקרעפטיקט דורך זיינע שטרעבונגען און רופן צו „כינוס״ — איינצוזאַמלען די גאַנצע יידישע נאַציאָנאַלע יצירה זינט די עלטסטע צייטן, פאַרן גענוס בכלל און לטובת דעם גייסטיקן באַרייכערן די יידן פון דער היינטיקער צייט און פון אַלע קומענדיקע דורות.

ביים אויפקלערן די אונטערשיידן צווישן הלכה און אגדה — און אויך דאָס קרובהשע צווישן זיי — האָט ביאַליק אָנגעוויזן, אַז די אגדה, ווי אַ קלאַסישע יצירה פון יידישן פאָלק, איז געגליכן צו ברויט. אין דער חומרדיקער מאַטעריעלער וועלט קומט ברויט פריער פון ווייַן, אָבער אין די ספירות און ספערעס פון דער גייסטיקער וועלט, געשעט אָפט דאָס פאַרקערטע. הלכה איז דער ענדגילטיקער תמצית פון אגדה, דאָס געוויש פונעם האַרץ־גלוסטעניש אויפן שטורעמדיקן וועג צום ציל. די דערגרייכטע רו, וואָס קומט נאָך דעם — דאָס איז די הלכה.

זי, די הלכה, לייקנט ניט אָפּ עמאָציע, נאָר באַצווינגט זי. דורך דער אגדה דרינגט מען אַריין אין די טיפענישן פון יידישן פאָלקישן לעבן, און אַ דאַנק איר באַקענט מען זיך מיט די פאָלקישע אייגנאַרטיקייטן ווי זיי זיינען איינגעפלאַנצט אין האַרץ פון דער אומה — פון אירע קלענסטע ביז אירע גרעסטע. לויט איר מהות איז די אגדה ניט קיין צייטווייליקע ליטעראַרישע דערשיינונג, נייערט אַ יצירה, וואָס האָט איר צייט־ווערט און אויך איר אייביקן ווערט. אַ סך דורות און פערזענלעכקייטן האָבן באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק געשעפּט פון איר זייערע שאַפונגס־כוחות און זייערע גייסטיקע עשירות (משנה לעם, לכינוסה של האגדה, הלכה ואגדה. ביאַליקס קלאַסישע עסיי „הלכה ואגדה״, אין דער יידישער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ, איז געדרוקט געווען אין ראש־השנה נומער „אידישער קעמפער״ תשי״ד. אינעם „קעמפער״ פון 18טן מאַי, 1945, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן שוואַרצס יידיש־נוסח פון ביאַליקס „אונדזער קולטור־ירושה״, אַ רעפעראַט וואָס ביאַליק האָט געהאַלטן אין נהלל קורץ פאַר זיין פטירה — אויף אַ סעמינאַר פון שליחים צו די „החלוץ״־אָרגאַניזאַציעס אין חוץ לארץ).

אין דער אָפּהאַנדלונג „הלכה און אגדה״ באַטאָנט ביאַליק:

„די ווערטער הלכה און אגדה זיינען ספּעציעלע תלמודישע טערמינען פאַר געוויסע באַגריפן, אָבער לויט זייער אינערלעכן מהות לאָזט זיך זייער ברייטער זיין אויסשפּרייטן און אויסברייטערן אויך אויף אַנדערע דערשיינונגען פון זייער מין, סיי אויף פאַר־תלמודישע תקופות און סיי אויף די נאָך־תלמודישע תקופות. דאָס זיינען צוויי פאַרענדיקטע פאָרמען, צוויי פאַרשיידענע סטילן, וואָס באַגלייטן איינס דאָס אַנדערע אין לעבן און אין ליטעראַטור — יעדער דור מיט זיין אגדה, יעדע אגדה מיט איר הלכה. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דער און דער הלכה אָדער וועגן יענער אגדה. דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם אינערלעכן מהות פון הלכה, הלכה ווי אַ גרויסער כלל, ווי אַ זיבעלעכע פאַרענדיקטע פאָרם פון אַ קאָנקרעט לעבן — אַ לעבן וואָס שוועבט ניט אין דער לופטן, און וואָס שפּאַרט זיך ניט אָן אויף געאַנטע געפילן און ווערטער, נייערט אַ לעבן וואָס האָט אַ גוף און שיינע פאָרמען פון אַ גוף. אַזאַ הלכה, זאָג איך, איז נישט מער ווי דער ביטיקער המשך און דער סוף פסוק פון דער אגדה.״



ביאַליק מאַכט דעם אויספיר:

„אָט קומט אויף אַ דור און וואַקסט אין אַ לופט פון גאָלע פּראַזן און לידלעך און פוסטע ווערטער. עס ווערט באַשאַפן אַ יידישקייט, וואָס איז נישט קיין חוב. מען שרייט אין נאָמען פון נאַציאָנאַליזם, אויפלעבונג, ליטעראַטור, שאַפונג, יידישער דערציונג, יידישן געדאַנק, יידישער אַרבעט — און די אַלע גוטע זאַכן העגנען אויף אַ האָר פון עפּעס אַ ליבהאָבעריי: ליב האָבן ארץ ישראל, ליב האָבן ליטעראַטור — וואָס איז דער פּרייז פון אַזאַ מין לופט־ליבהאָבעריי?

„ליבשאַפט — אָבער ווו איז די פליכט? און פון וואַנען וועט זי קומען? און פון וואַנען וועט זי שעפּן יניקה? סיידן פון דער אגדה. אָבער זי איז ניט מער ווי רשות, יאָ און ניין נאָכגיביק.

„אַ יידישקייט וואָס איז אין גאַנצן אגדה, איז געגליכן צו אייזן, וואָס איז צעגליט אין פייער און ניט אָפּגעטונקט געוואָרן אין קאַלט וואַסער. שטרעבונג פון האַרץ, גוטער ווילן, גייסטיקע דערוואַכונג, אינערלעכע ליבע — די אַלע זאַכן זיינען שיין און נוצלעך, ווען זיי שליסן זיך מיט מעשים, מעשים האַרט ווי אייזן, ווי גרויזאַמע פליכט.

„איר ווילט בויען — 'שליסט אַן אָפּמאַך און שרייבט אונטער אויף דעם געחתמעטן אייערע האַרן, אייערע לויים און אייערע כהנים... און שטעלט איבער אייך מצוות'... (נחמיה י׳, א׳). אַזוי האָבן אייערע אָבות אָנגעהויבן בויען.

„די מעכטיקע זעונגען פון ישעיה דעם צווייטן האָבן אויפגעוועקט הערצער. אָבער ווען עס איז געקומען די צייט פון בויען, זיינען די צוויי נביאים צווישן די בויער — חגי און זכריה — געווען די לעצטע צו נבואה און די ערשטע צו הלכה, און די וואָס זיינען געקומען נאָך זיי — עזרא און זיינע העלפערס — זיינען שוין בלויז געווען בעלי הלכה.

„קומט און שטעלט איבער אונדז מצוות!

„זאָלן אונדז געגעבן ווערן פורעמס אַריינצוגיסן אין זיי אונדזער פליסנדיקן שוואַכן רצון און אים אויסשמעלצן אין פעסטע, דויערנדיקע פאָרמען. מיר גאַרן נאָך די מעשים גופא. לערנט אונדז, אין לעבן, די געוווינהייט פון טאָן מער ווי ריידן, און אין דער ליטעראַטור — הלכה מער ווי אַגדה.

„מיר בייגן אונדזער באַקן: ווו איז דער אייזערנער יאָך? פאַרוואָס קומט ניט די שטאַרקע האַנט און דער מעכטיקער אָרעם?״

### די נייטיקייט פון „כינוס״

שטיצנדיק זיך אויף אונדזער פאָלקישער קולטור־טראַדיציע, אויף אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער זעלבסטשוץ־מסורה, האָט ביאַליק געפאָדערט דורכצופירן אַ נייעם „כינוס״, אַ פרישע אויפזאַמלונג פון אונדזער רוחניותדיק פאַרמעגן. אין זיין רעפעראַט אויפן חלוצים־סעמינאַר אין נהלל האָט ביאַליק באַקרעפטיקט זיין „כינוס״־פאָדערונג מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

„נאָך אַ לאַנגער תקופה פון אַ מוראדיקער צעשפּרייטונג, אפשר די גרעסטע פון אַלע צייטן, נאָך אַ לאַנגער תקופה פון הונדערטער יאָרן פון קולטורעלער צעטיילונג איבער דער גאַנצער וועלט; נאָך דער פילשפּראַכיקייט וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער פריערדיקער געשיכטע פון יידישן פאָלק: נאָך אַ תקופה פון מעכטיקע שאַפונגס־כוחות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט באַוויזן אין אַלע שפּראַכן און אין אַלע לענדער אין פאַרשיידענע פאָרמען און פאַרשיידענע געביטן — זאָג איך: אַז דער כינוס שטעלט זיך ניט אַנטקעגן נייער שאַפונג, נאָר פאַרקערט, ער ראַמט־אָפּ דעם וועג פאַר

נייער שאַפונג. בוכהאַלטעריע איז אַ שומר, אָן חשבון קען מען ניט אויפהיטן. אַ מענטש וואָס ווייסט ניט זיין פאַרמעגן, קען דאָס פאַרמעגן ניט עקספּלואַטירן. פאַרמעגן האָט קיין ווערט ניט אויב עס ברענגט ניט קיין פּראָפיטן. אַ קבצן — איז ניט יענער, וואָס האָט ניט קיין געלט, נאָר דער וואָס האָט אַ סך און פאַרדינט ניט דורך זיין געלט. אַ מענטש קען האָבן ווייניק און פאַרדינען אַ סך. אַ פאָלק ווערט ניט געמשפּט לויט זיינע פילע גיטער, נאָר לויט דעם פאַרדינסט וואָס עס קריגט פון זיי אַרויס. אַ שפּראַך איז ניט רייך לויט איר צאָל ווערטער, נאָר לויט איר שפּראַכלעכן מעכאַניזם, וואָס דערמעגלעכט צו עקספּלואַטירן גרויסע דערגרייכונגען לשם גייסטיקע פאַרדינסטן. פאַראַן אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט אַ ביליאָן און פאַרלירט אַ מיליאָן, יאָר איין און יאָר אויס. איך זאָג: מיר טאָרן זיך ניט האַלטן פאַר אַ פאָלק מיט אַ גרויס פאַרמעגן. מיר אַרבעטן אין אַלע שפּראַכן, צווישן אַלע פעלקער. מיר שרייבן ביכער, קינסטלער אין יעדן געביט און וויסנשאַפט. כל זמן דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז ניט צונויפגענומען, ניט עקספּלואַטירט, כל זמן ס'ווערט ניט אויסגענוצט צו פאַרשטאַרקן אונדזער פאָלק אָפּצוהיטן זיין אייניקייט — איז דאָס דאָזיקע פאַרמעגן ניט אונדזערס. צעמענטירן דאָס פאַרמעגן — מיינט אַ גרויס צונויפזאַמלונג פון די וויטסטע ביז די נאָענטסטע צייטן, פון אַלע שפּראַכן, פון אַלע דורות. דאָס איז אָרגאַניזירן דאָס פאַרמעגן, עס אָפּשאַצן פון דאָס ניי, מיט אַ נייעם צוגאַנג דורך די כלים און מיטלען און די נייע ידיעות וואָס מיר האָבן דערוואָרבן דורך דער צייט. דער גאַנצער מאַטעריאַל דאַרף אַריינגעוואָרפן ווערן אין אַ נייעם שמעלצטעפל, כדי צו מאַכן דערפון אַ נייעם גוס. און דאָס מוז געטאָן ווערן דאָ, אין ארץ ישראל.״

* * * * *

פונקט ווי אין ביאַליקס שירה האָבן זיך דערגאַנצט פּאָעזיע און מחשבה, אַזוי זיינען זיינע אידעען געווען באַפליגלט מיט דיכטערישער וויזיע. זיין פלי איז געווען איבער ריזיקע מרחקים — אין דער ברייט און אין די הייכן. זיין שאַרפער געדאַנק האָט געקענט אַריינדרינגען אין די סאַמע תהומען, אין די טיפסטע טיפענישן פון דער פּראָבלעמאַטיק — ייד־וועלט און מענטשהייט.

באַהאַנדלענדיק הלכה און אגדה אָדער די שפּראַכן־פּראַגע, דעם אויפבוי פון יידישן היימלאַנד און דאָס יידישע לעבן אין די תפוצות, די פאָדערונגען פון דער צייט און איבערצייטלעכע התחייבותן; אונדזער אַלטע ליטעראַטור צי דאָס נייע וואָרט־שאַפן — איז ביאַליק קיין מאָל ניט געבליבן אין גאַנצן קאָנצענטרירט אין די גרענעצן פון דער באַשטימטער טעמע. זיינע באַשטימטע אָפּהאַנדלונגען, בריוו און רעדעס, זיינען אַ מאָזאַיק פון אַפאָריזמען, פעדערשפּריצן, בליץ־קאָמענטאַרן, שאַרפע כאַראַקטעריסטיקעס פון יחידים, געשעענישן און באַוועגונגען. ס'וואָלט געווען אַ וואָגיקער אַנטאָלאָגישער אויפטו, אַ וויכטיקע „כינוס״־דערגרייכונג, ווען מען זאָל אויס'סדרן אַ ביאַליקשע אידעען־זאַמלונג לויט צענטראַלער טעמאַטיק און לויט סוב־טעמאַטיק.

צו דער געלעגנהייט פון ביאַליקס הונדערטסטן געבוירנסיאָר, זיינען מיר אין איינעם מיט די לייענערס אַריבערגעגאַנגען די שוועל פון ביאַליקס אידעען־וועלט, און מיר זיינען צוגעקומען צו די טויערן פון אירע היכלות פון מחשבה, וויזיע און היסטאָריאָסאָפיע. ביי די שערים פון די היכלות, ווו ס'געפינען זיך די אוצרות, וואָס ביאַליק האָט איבערגעלאָזט בירושה לנצח נצחים. — ביי די דאָזיקע טויערן געזעגענען מיר זיך מיט די לייענערס. „ואידך זיל גמור.״ זאָל איטלעכער באַזונדער זיך לאָזן איבער ביאַליקס אידעען־וועלט און לערנען פאַר זיך אַליין, אויפן אייגענעם שטייגער.



איוואַן בונין

# צוויי לידער

פון רוסיש: מאיר זימל טקאַטש

## אַ ליבע-ליד

איך — אַ פּראָסטע מויד אין אַן אַרבוזן־גאָרטן,
ער — אַ פישכאַפּער, אַ פריילעכער, אַ ברען.
אין לימאַן־גוס זינקט אַ ווייסער זעגל דאָרטן,
ימים, טייכן האָט ער שוין אַ סך געזען.

כ'הער מען זאָגט, אַז אויפן באָספּאָר זייבען פרויען
זייער שיין... און איך בין שוואַרץ, און הויט און ביין.
ס'זינקט דער ווייסער זעגל אינעם ים דעם בלויען —
אפשר וועט ער שוין צוריק ניט קומען מיין!

איך וועל וואַרטן, וואַרטן — שיינע טעג און נאַסע...
אויב ער קומט ניט, זאָג איך פון באַשטאַן זיך אָפּ.
כ'גיי אַרויס צום ים און וואַרף דעם רינג אין וואַסער
און כ'דערוואַרג זיך מיט מיין שוואַרצן לאַנגן צאָפּ.

## דאָס וואָרט

עס שטומען סאַרקאָפאַגן, מומיעס, ביינער —
געשענקט איז לעבן בלויז דעם וואָרט:
עס רעדט די שריפט בלויז אויף די אָנדענק־שטיינער
פון אַלטן עברס הייליק אָרט.

ניטאָ קיין אַנדער אוצר ווי דאָס ריידן!
ווי ווייט איר קענט, זייט אויף דער וואַך
און היט, אין טאָג פון צאָרן און פון ליידן,
דעם גאָב אומשטערבלעכן — די שפּראַך!

☆ ☆ ☆

זלמן שלאָסער

# דער וויי־געשריי פון אונדזער דור

(די חורבן־לידער פון ה. לייוויק, יעקב גלאַטשטיין און אהרן צייטלין)

דרייסיק יאָר נאָכן גרויסן חורבן, נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד, און דאָס געוויין פון אונדזער דור האָט זיך נאָך ניט איינגעשטילט. ביי דער מינדסטער דערמאָנונג פון אַזעלכע אומשולדיקע ווערטער ווי בערגען־בעלזען, אוישוויץ, דאַכאַו, נעמט אונדז אַרום אַ פּחד און די טרערן בעמען שטיקן. מען בלייבט אָן אַ טדייסט און אָן אַן ענטפער פאַרן וויסטן גורל פון אַן אויסגעהרגעט און פאַרברענט פאָלק. צעבראָכן און טרייסטלאָז גייט דער דור אַוועק איבערלאָזנדיק אַ רייכע חורבן־ליטעראַטור פון אומקום און קינות.

טרערן טריקענען אויס און טרויער פאַרגייט. אַ נייער דור איז אויפגעוואַקסן זינט יענער צייט. וויפל פון אונדזער גרויליקן פּיין קאָן דער נייער דור באַנעמען און ווי שטאַרק און ווי לאַנג וועט ער דאָס געדענקען?

אַ רייכע ירושה איז געבליבן. זיינען דאָ יורשים?

צווישן לאָס אַנגעלעס און תל אביב, צווישן מעקסיקאָ און בוענאָס איירעס, מאָנטרעאַל און ניו־יאָרק לעבט אַ גייסטיק־רייך און ענערגיש פאָלק. עס מוזן זיין יורשים, יידישע יורשים — צו שעפּן גבורה און קדושה, גלויבן און שטאָלץ פון דער וואַרשעווער געטאָ; פון אַ מרדכי אַנילעוויטש, אַבראַשאַ בלום, פון אַ יאַנוש קאָרטשאַק און אַ הלל צייטלין, און פון די טויזנטער אַנאָנימע העלדן פון פאָלקישן יחוס. עס מוזן זיין געטרייע יורשים, וואָס זאָלן קאָנען און וועלן טראָגן אין האַרץ יענע אויסערלעך רעזיגנירטע, טראָגיקע העלדישקייט, די פּחדפולע מוטיקייט און דעם טיפן גלויבן פון יענע זעקס טויזנט קדושים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרומגערינגלט פון זייערע דייטשישע מערדערס ביי זייער אייגענעם אויסגראָב און האָבן אין לעצטן אָטעם אויסגעשריגן דעם שמע ישראל, דעם אחד.

כמעט אַלע יידישע פּאָעטן האָבן זייער ביטערן געוויין פון חורבן אַריינגעזונגען אין זייערע לידער. פון דער גרויסער צאָל יידישע דיכטער, וואָס זיינען „אין טרעבלינקע ניט געוועזן" און האָבן אויפגענומען דעם וויי־געשריי, טיילן מיר דאָ אויס דריי גרויסע יידישע דיכטערס, וואָס האָבן מער פון אַנדערע דאָ אין אַמעריקע קינסטלעריש פאַראייביקט אין וואָרט דעם גרויסן חורבן: אַהרן צייטלין אין זיינע צוויי בענד „לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן"; ה. לייוויק אין זיין באַנד „אין טרעבלינקע בין איך ניט געוועזן". און יעקב גלאַטשטיין אין זיין זאַמלונג לידער „כ'טו דערמאָנען". דאָס זיינען ביכער פון אַ הויכן קינסטלערישן און נאַציאָנאַלן ווערט, אַ ווירדיקער זכר לחורבן.

ווייט אַוועק פון גיהנום־לאַנד, אין זייערע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, יחידישע מעדיטאַציעס און אינדיווידועלן גייסטיקן געראַנגל צו געפינען אַ זין, אַ באַשייד, אַ טרייסט פאַרן מוראדיקן גורל וואָס איז באַפאַלן בוכשטעבלעך יעדן ייד אין דעם היטלער גיהנום האָבן די דריי פּאָעטן פאַרשטאַנען צו באַהעפטן זייער יחידישן געראַנגל מיט דער יידישער אייביקייט, מיט אמונה און נצח ישראל. לייוויק, גלאַטשטיין און — אים צו לאַנגע יאָר — אַהרן צייטלין, האָבן אויסגעוויטיקט דעם חורבן אויף דעם סאַמע אינטימסטן, פּערזענלעכן אופן. עס וויינט און קלאָגט אַרויס פון זיי דער טיפער צער און טרויער פון זייערע נאָענטסטע, וואָס זיינען „אין טרעבלינקע יאָ געוועזן".

די אַזוי אומגלייבלעך שוידערלעכע ידיעות פון אומקום, וואָס האָבן לכתחילה דערגרייכט צו אונדז דאָ אין אַמעריקע, האָבן אונדז אַלע אַריינגעוואָרפן אין אַ פינצטערן קאָשמאַר. אהרן צייטלין, וואָס האָט שוין דאַן געלעבט דאָ אין לאַנד, האָט גלייך דערפילט טיף, טיף אָט די שטימונג אין די עטלעכע שורות:



„איך וווין ביי יענעם, אויף דער
עלפטער גאַס.
נאָר דאָס איז נישט מיין אמתער אַדרעס.
איך וווין צווישן קאָשמאַר און משוגעת."

ה. לייוויק, וועלכער האָט כמעט אַלע זיינע יאָרן זיך געראַנגלט מיט דעם פּראָבלעם פון ליידן, פון קרבן־גרייטקייט און אויסלייזונג האָט דאַן דערפילט, אַז ער דאַרף דאָס וואָרט און די צונג „וואַרפן אין פלאַם, ווו עס ברענען קרבנס גלידער," ווייל „וואָס דער קרבן האָט ביים לעצטן וואָרג געזען / קען קיינער היינט פאַר קיינעם נישט דערציילן." געטריבן פון יאוש און אוממאַכט זוכט דער דיכטער טרייסט און באַהעלטעניש „אין די פאַלדן פון בטחון" און איז גרייט פאַר זיין גורל:

„צו ווערן איינער פון גאָטס עדה —
באַדאַרף איך ווידער פון דאָס ניי
זיך לאָזן גיין צו דער עקידה."

הייס ווי זיין דיכטער'שער באַגער איז געווען פאַר קרבן־גרייטקייט און שטאַרק ווי זיין ווונטש פאַר דער זכיה צו טיילן דעם גורל פון די פאַרפייניקטע, איז אים, לייוויקן, פּונקט ווי אַהרן צייטלינען, ניט געגעבן געוואָרן אָט די געגאַרטע זכיה. בלויז איינער איז דאָס זוכה געווען, אַרטור זיגלבוים, וועלכער האָט אין לאָנדאָן זיך אַליין געבראַכט פאַר אַ קרבן, האָפנדיק אַז דאָס וועט פאַרטרייבן די שטילקייט און גלייכגילטיקייט פון דער וועלט און ברענגען רעטונג צו די יידן אינעם נאַצי־גיהנום. אַהרן צייטלין איז זיך מודה:

„כ'האָב נישט געהאַט די זכיה מיט מיין
פאָלק צוזאַמען
צו גיין דעם וועג פון פלאַמען,
און ס'פייניקט ווי אַ זינד נישט צו
פאַרגעבן
די שולד פון בלייבן לעבן."

ער האָט אַ טרויעריקן געוויסן פאַר די לידער און גראַמען וואָס ער מאַכט און פון וועלכע ס'טראָגט זיך אַ יידס געשריי „און בלוט איז זיין טרער." ער פילט אַז זיין שולד פון „בלייבן לעבן" וועט אים פאַרסמען ביז ער וועט נישט פאָלגן איינס פון די דריי געשטאַלטן, וואָס זיינען גרייט אים צו באַהאַלטן: דאָס געשטאַלט פון קדושה, פון שגעון און פון זעלבסטמאָרד.

„נאָר זעלבסטמאָרד איז צו שטאַרק פאַר
מיר, דעם שוואַכן,
מיין קליינקייט קאָן זיך קדושה נישט
פאַרגינען,
און כ'קאָן אפילו נישט אַראָפּ פון זינען."

נאָר וואָס פאַר אַ באַטייט האָט אַ קרבן יחיד געקענט האָבן אין אַ וועלט צעטיילט אויף מערדער און קרבן? און ווער אין זיין קלאָרן פאַרשטאַנד האָט דאָס געקענט באַנעמען. קלאָגט און וויינט יעקב גלאַטשטיין:

„אונדזער אומגליק וואַקסט מיט יעדער
שעה
און מען גלייבט אונדז אַלץ נישט, אַז
מיר זיינען נישטאָ."

און אהרן צייטלין באַוויינט זיינע ליבסטע און טייערסטע, די שאָטנס וואָס זיינען שטענדיק מיט אים: זיין גרויסן טאַטן, וואָס איז געווען אַ שם־דבר אין אַמאָליקן פּוילן, אַ דורותדיקער זייל אין פאָלק ישראל:

„יענע תהלימדיקע גרויסקייט פון אַ ייד
וואָס דורות־לאַנגע האָבן זי געשמידט
ביז געוואָרן איז זי הלל זון פון
אהרן אליעזר."

זיין צניעותדיקע פרוי — „יענע שיינקייט פון ישראלס טעכטער / וואָס דורות האָבן זי געשמידט אויף פּוילנס ערד / ביז געוואָרן איז זי טאָליע, טאָכטער פון הירש־בער." און זיין בן־יחידל, וואָס ביים געזעגענען זיך „האָסטו אויפן וועג מיר מיטגעגעבן / אַ בליק וואָס הערט נישט אויף אין מיר." אָט די צאַרטע ליריק, אָט די אייביקע בענקשאַפט נאָך די טייערסטע און ליבסטע, אָט דער שולד־געפיל פון ניט האָבן געווען מיט זיי אין זייערע יסורימדיקסטע, הייליקסטע שעהען פון אומקום וויינט אַרויס פון גרויסן יידישן דיכטער אהרן צייטלין אין זיין ליד „גיב מיך פון ערגעץ ביים נאָמען אַ רוף":

„שיק מיר דיין קול — און איך טראָג
זיך צו דיר
ווי פייגל, וואָס טראָגן זיך האַרבסט־
צייט קיין דרום."

אָט דער אינטימער וויי־געזאַנג, דאָס ריין פּערזענלעכע, וואָס איז אינדיווידועל געשאַפן און געפורעמט איז אין דעם פאַל אינטים און אמת אויך פאַר טויזנטער אַנדערע יחידים פון יענעם גיהנום, אַזוי אַז

סטן זון, וואָס גייט אין דער אַרמיי. דאָס ליד: „דניאל, דער קריג איז געקומען";

„מיינע פיס קלאַפּן אויס אויף די ברוקן
מיין ברכה צו דיר — מיין געבאָט:
אויף דיין יונגן גלייכן רוקן
לאָד־אָן אונדזער שווערן גאָט."

יאָ, דער יידישער גאָט, ווייסט לייוויק, איז אַ שווערער גאָט, ער פאַרלאַנגט אַזוי פיל מעשים, מצוות פון יעדן ייד. דער עול איז אַ שווערער אפילו אויף אַ יונגן גלייכן רוקן. אַזוי פיל געבאָטן אָפּצוהיטן, אַזוי פיל שטרויכלונגען אין וועג, וואָס פאַרפירן דעם מענטשן צום אומקום. דו קענסט אָבער דעם שווערן גאָט „לייכטער" ניט מאַכן. טראָג דעם עול, די פּיין פון דיין דור —

„לאָד־אָן אונדזער פּיין פון דורות
און אויך פון דיין אייגענעם דור,
וואָס טרינקט זיך אין טיקולס מוראס —
אין היטלעס בלוטיקער וואַר."

דאָס זיינען אומפאַרגעסלעכע ווערטער, וואָס לייוויק, דער גרויסער פּאָעט פון אונדזער טראַגישער צייט גיט איבער צו זיין זון. דאָ הערט לייוויק אויף זיין פּערזענלעכן געראַנגל מיט גאָט. דאָ ווערט ביי אים גאָט אַ סימבאָל פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, פון אונדזער שווערן גורל אין אַ וועלט פול מיט רשעות. ביי לייוויקן ווי ביי צייטלינען, איז גאָט, געטלעכקייט, אַ טייל פון זייער פּערזענלעכקייט און מענטאַליטעט. אָן גאָט האָט דאָס לעבן ביי זיי ניט קיין זין. ס'איז ניט פול, ניט גאַנץ. זייער געראַנגל מיט גאָט שטאַמט טאַקע פון זייער מענטאַליטעט און ווילן צו גלויבן. מעגן אַלע וועלט־יסודות זיך וואַקלען אָדער אפילו איינפאַלן, אויב נאָר דער מילדסטער סימן פון לעבן וועט פון די חורבות זיך דאָך אַרויסשאַרן וועט געטלעכקייט פון דאָרט במילא אַרויסשיינען.

זייער לעסטערונג איז דעריבער מתוך אמונה. וואָרום „אָן גלויבן, גלויבן באמונה שלמה, קענען זיי ניט לעבן. דעריבער איז יאַנוש קאָרטשאַקס עקשנות און טריאומף צו מאַרשירן צוזאַמען מיט די קינדער פון זיין יתומים־הויז צו די טויט־וואַגאָנען מיט געזאַנג ווי צו אַן אויספלוג, אַן אייביקער סימבאָל פון נצח ישראל.

די לענגערע פּאָעמע און פּראָזע און דאָס ליד „יאַנוש קאָרטשאַק", וואָס אהרן צייטלין האָט וועגן דעם געשריבן, גליט מיט גלויבן, מיט געטלעכע גרויסקייט פון ייד און נצחון פון אייביקן גייסט טראָץ דעם אומפאַרמיידלעכן טויט. דער טראַדיציאָנעלער יידישער געדאַנק, ווי ער קייקלט זיך דורך דורות יידיש לעבן, טויכט אָפּט אויף ביי ביידע דיכטערס אויף אַן ענלעכן אופן. נאָר ביי גלאַטשטיינען — אין גאַנצן אַנדערש. ס'איז אַן אַנדער מענטאַליטעט.

צום ביישפּיל: דער געדאַנק פון אַ „שווערן" גאָט באַווייזט זיך אָפּט ביי גלאַטשטיינען אויך, ספּעציעל אין זיין ליד „דער רייטער". דאָ זעט מען גלאַטשטיינען אין זיין טיפקייט און שפּילעוודיקייט, פול מיט יידישן חן:

„גאָט, אַ פּליט פון דער גוישער וועלט,
רייט אויף מיר ווי אויף אַ מיד פערד
פאַר אומזיסט.
גאָט רייט אויף מיר שווער..."

אַן אומזיסטער, שווערער פּאַסאַזשיר האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין רוקן און ער טרייבט אים אַלץ ווייטער און ווייטער און דווקא דורך זיין לובלין, דער אומגעקומענער שטאָט מיט יידן. דער רייטער דערוואַרט פון אים אויך לויב — דו ביסט, דו ביסט, דו ביסט. דער אומזיסטער רייטער ווערט אים אַלץ שווערער און שווערער. קומען אַלערליי קשיות אין קאָפּ: וווהין, פאַר וואָס, פאַר ווען? דער רייטער זאָגט אים צו שכר פאַר זיין טירחה און הייסט אים דערווייל ניט צו זיין קיין אידיאָט מיט זיינע נאַרישע פראַגן. אויפן לאַנגן וועג באַגעגענען זיי אַ געצלמטן קריסט מיט אַ מעסער אין האַנט און שרייט אויך ווי ער, דער ייד: „דו ביסט, דו ביסט דו ביסט." ווערט דער ייד מיטן רייטער דערשראָקן און אַנטלויפט שנעל ווי ער קען:

„ער נעמט מיך מיט אַ ווילדער רציחה
יאָגן.
ס'איז מיין גאָט,
לאָז מיך אים טראָגן.
כ'אַנטלויף מיט מיין רייטער,
אַז דער וועג אַזש ברענט,
איך ראַטעווע גאָט פון גוישע הענט."

דאָ זעען מיר גלאַטשטיינען, דעם גרויסן פּאָעט אין דעם קלוגן ייד, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען, אַז דער פּרווו פון אונדזער „שווערן" גאָט האָט געהאַט ווייניק מזל, אַז ער קען זיך פון דעם שווערן גאָט ניט באַפרייען, ווייל ביידע טיילן דעם זעלבן גורל: „אָן יידן וועט ניט זיין קיין יידישער גאָט." דער מערדער פון יידן ווערט אויך דער מערדער פון יידישן גאָט. אָט דער ציטערדיקער פּחד פאַר אַזאַ אימהדיקן סוף האָט גלאַטשטיינען אַרומגעכאַפּט נאָר ערב חורבן. ווען ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר און אויסגעשריגן: „אַ גוטע נאַכט, וועלט, גרויסע, שטינקענדיקע וועלט", און נאָך דעם זיך איינגעשלאָסן אין זיין יידישקייט:



„חרם, וועלט, אויף דיינע טריפהנע
קולטורן,
כאָטש אַלץ איז פאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן.
כ'וואַרגער זיך אין דייך מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט יידיש לעבן.
כ'קוש דיך, פאַרוואָלקנט יידיש לעבן.
ס'וויינט אין מיר די פרייד פון קומען."

גלאַטשטיינס מענטאַליטעט, ווי מיר זען, איז דורכויס אַנדערש ווי לייוויקס אָדער צייטלינס. זיין „ליבע־שפּיל" מיט גאָט איז מער „שקאָציש", מער יוגנטלעך און ניט אַזוי ווי ביי עלטערע לייט. זיין פּערזענלעכער גאָט־געראַנגל איז דעריבער אַנדערש און אייגנאַרטיק. זיין טעמפּעראַמענט, הויך ווי ער איז, דערגרייכט ניט צו זייער גליענדיקן גלויבן פון אמונה שלמה. זיין גאָט איז ניט אין די מיסטישע הייכן נאָר דאָרט ווו מען לאָזט אים אַריין, ווי ביים קאָצקער רבין. דאָך זיינען זיינע חורבן־לידער פול מיט האַרץ און נשמה און זיינען אָפּט באַשטראַלט מיט דער חכמה פון לעבן, וואָס לאָזט אים פליען צו די העכסטע הייכן אָדער געהערן צו די טיפסטע אָפּגרונטן, נאָר שטענדיק מיט אַ קאָמפּאַס אין האַנט, כדי ניט צו „בלאָנדזשען":

„שווער צו שפּינען פון פּחד גלויבן?
קיינער באַפעלט דיר ניט גאָט צו גלויבן,
דרימל נישט, שלאָף נישט,
וואַכמייסטער פון אונדזער נאַכט."

אין זיין טיפן צער און צאָרן, אין זיין אינטעלעקטועלער אומרואיקייט און הייליקע ליבשאַפט פאַר די פאַרפייניקטע קדושים וויל ער מיט דער גאַנצער נשמה זיינער זיך „איינגלויבערן" אין דעם שטויבעלע וואונדער פון דעם געטלעכן וועלט־באַשאַף, ווי ער שילדערט דאָס אין זיין אומפאַרגלייכלעך איינפאַך און פּאָעטיש בילדלעך ליד: „כ'וועל זיך איינגלויבערן":

„כ'וועל זיך איינגלקיבערן אין דעם
שטויבעלע וואונדער,
וואָס פלעגט דעם אויסזיכט אויף צוריק,
אַזוי ווייט ווי דער טונקעלער בליק
קען צוריק חלומען, צוריקזען."

ער וועט זיך איינעקשנען, זיך איינפלאַנצן אין אַן אייגענער, אינטימער נאַכט, וואָס ער האָט אין גאַנצן אויסגעטראַכט און אַרומגעוואונדערט פון אַלע זייטן. ער וועט געפינען אַן אָרט ווי אַ פליג די גרויס און דאָרט מיט געוואַלד אַוועקשטעלן אויף אַלע צייטן אַ וויג, אַ קינד, אַריינזינגען אין דעם אַ קול פון אַ דרימלענדיקן טאַטן. אַרום דעם וויג וועט ער אַרומבויען אַ יידישע שטאָט מיט אַ שול, מיט אַ לאַ יבומדיקן גאָט, וואָס וואַכט איבערן יידישן פּחד, א בערן בית־עולם, וואָס איז לעבעדיק אַ גאַנצע נאַכט מיט פאַרדאַגהדיקע מתים. מיט די לעצטע טעג וועט ער זיך איינקלאַמערן און אויף להכעיס זיי ציילן אין דיר, פאַרגליווערטער עבר —

„וואָס האָסט מיך אויסגעלאַכט,
וואָס האָסט אויסגעטראַכט
מיין לעבעדיקע, ריידעוודיקע
יידישע וועלט זיך איינגעשטיליקט
און אין מיידאַנעק־וועלדל
מיט עטלעכע שאָס פאַרטיליקט."

אין אַ פאַרשידנאַרטיק רייכער מאָדולאַציע, אין אַ פּולסירנדיק יידיש לשון און מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער ווירטואָזיטעט וויינט ער אַרויס זיינע עלעגיעס, זיינע איכהס און זיינע הללויהס פאַר זיין דור, פאַר זיין פאַרברענטער יידישער וועלט. ער פאַרלירט אָבער קיין מאָל נישט דעם מ ע נ ט ש אַזוי ווי ער איז מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן און פּאָטענציעלע גרויסקייט —

„מיר זיינען געווען קליינע, פאַרשעמטע
טאַטעלעך,
פאַרקרענקטע מאַמעלעך,
צו דער ערד געבויגענע זיידעלעך
און געשטאָרבענע קינדער."

מיר האָבן גאָרנישט געזאָגט,
מיר זיינען געווען אָן לשון.
פּלוצים האָבן מיר געקראָגן
אַ מוראדיקע און מעכטיקע שטים."

זיי, די האַלב־טויטע יידן, זיינען אַרויס אין אויפשטאַנד, אין קאַמף, זיך פאַר־מאָסטן מיטן טייוול, מיט דער מעכטיקער דייטשישער אַרמיי—

מיר האָבן גאָרנישט געוואונען.
דער וואַלד האָט אויסגעברענט,
מיר האָבן געזען זייער בלוט
און מיר זיינען צופרידן.
מיר זיינען שיינע, שטראַלנדיקע יידן."

דער דיכטער דערפילט זייער געבעט צו טראָגן זייער טויט אין האַרצן—
מיר, וואָס זיינען נישט געקומען צו קבר ישראל,
לאָמיר זיין אין דיר באַגראָבן.
זאָל דיין האַרץ ווערן אונדזער ברידער־קבר,
און דיינע אויגן שפּיגלען פון אונדזערע יסורים."

מיט גרויס פיעטעט און יראת־הכבוד פאַר זיין גאָט, וואָס איז געוואָרן אַזוי ווי זיין פאָלק, האָט זיך יעקב גלאַטשטיין דער־הייבן מיט זיינע ציטערדיקע חורבן־לידער, געשריבן אין אַ קלאָרן, קרעפטיקן פאָלקס־יידיש און טייל אפילו אין תנכישן נוסח, צו די העכסטע הייכן פון אונדזער פּאָעזיע. זיינע לידער פאַרכאַפּן אונדז מיט זייער שטאַרקן ריטם, זייער פּאָעטישער בילד־לעכקייט. זיי זיינען געשריבן מיט אַ די־רעקטקייט, געצילט גלייך אין האַרצן אַריין:
„שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען צום שאָטן פון זאַכן,
צו די יידישע שטעט, וואָס גאָט, איר באַשערטער,
האָט אין זיין שוועבלדיקן צאָרן פאַרוויסט.
צו מיין געשאָכטענער טויב, צו דער כנסת ישראל,
צו מיין פאַרפייניקטער יידישער וועלט."

דער חורבן, ווייסן מיר, איז געווען טאָטאַל. דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע איז מער נישטאָ. יעדער פאַרמעסט דאָס צוריקצושטעלן איז טאָטאַל דורכגעפאַלן. אַלץ צוזאַמען האָט גורם געווען אַ גרינטלעכע ענדערונג אין אונ־דזער געמיט, אונדזער טראַכטן און אין אונדזערע מיינונגען וועגן וועלט און לעבן.

פּאָעטן אין אַלגעמיין שרייבן ניט קיין סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָגראַמען אָדער נאַציאָנאַל־פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונגען. זיי דריקן אָבער יאָ אויס די שטימונגען און דעם געמיט פון זייער דור אין זייערע פּאָעטישע שאַפונגען.

לייוויק, גלאַטשטיין און — יבדל לחיים — אהרן צייטלין, האָבן אין זייערע חורבן־לידער שטאַרקער און טיפער פון אַנדערע באַנומען אָט די שטימונגען און דעם גע־מיט. פון זייערע חורבן־לידער הערט מען דאָס געוויין פון אונדזער דור. זייערע ווערק וועלן אויף אייביק בלייבן אַ זכר פון אונדזער שרעקלעכסטן חורבן.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:
**M. GOLDFARB**
3855 Edgehill Drive ~ Los Angeles, Calif. 90008
Phone: 293-2950
פאַרוואַלטונג „חשבון"



רבקה און דוד לוצקי / תל אביב

# מיט וואָס נאָך זאָלן מיר דיך בענטשן?

(צום 80סטן געבוירנטאָג פון בען סאַפּקין)

מיט וואָס נאָך דיך בענטשן, טייערער בען,
צו דיין איצטיקן יובילײ —
ווען געגאַנגען ביסטו מיט שטאָלץ דיין וועג
ווי דער גריכישער אָדיסיי.

געבענטשט פון גאָט ביסטו געווען:
מיט שכל עקשנות און גאַנץ האַרץ דיין —
צו ווענדן דיין ליבשאַפט, וועגן און טאַט
צו דיין פאָלק ישראל אין זיין פּיין.

געטאָן עס האָסטו פּשוט, מיט מסירות
ווי יענער בעל־שם־טובס דאָרפס־מענטש,
וועלכער האָט הימלען מיט זיין פייף געעפנט
כדי צו באַקומען גאָטס געבענטש.

אַ פּיאָנער, אין שענסטן זין, ביסטו געווען
פאַרן האָרעפּאַשנעם אַרבעטער־ייד,
כדי בויען אַ היים פאַר אים און קינדס־קינדער
און דו — נישט ווערנדיק מיד.

אַ פריינד, אַ ברודער, אַ מענטש
ביסטו געווען פאַר יעדן איינעם,
דעריבער בענטשן דיך חברים מיט ליבשאַפט:
אַ טיפן עלטער, אַ שיינעם.

זאָל דיר גאָט געבן יאָרן אַ סך
מיט דיין ליבער מאַניטשקע, די געטרייע —
זעץ־פאָר, ביז 120, דיין וועג האָסט געגאַנגען
מיט שטאָלץ און מוט, אויפסנייע.

פון לאַנד ישראל שיקט אַ פריינד די ברכה:
פאַר אַ המשך־וועג וועלכן זאָלסט נאָך גיין —
און מיר וועלן גאָט בעטן, אַז אונדזער תפילה
זאָל אָנגענומען ווערן — אָמן!

אברהם גאָלאָמב

# אַ טעות וואָס מען מוז פאַרריכטן

עס איז אַ גרויסער פּאַרדרוס, ווען אַן ערנסטער יידישער דענקער און שרייבער שרייבט אָן אַ פאַלשן געדאַנק. אַזאַ מין פּאַרדרוס האָב איך געהאַט ביים לייענען דאָס אַרטיקל פון פריינד יעקב שמואל טויבעס אין פריערדיקן נומער „חשבון" וועגן אַ פאַרגלייך פון פרצן און שלום עליכמען. פאַראַן זאַכן וואָס מען קען ניט פאַרגלייכן און מען טאָר ניט פאַרגלייכן. כ'דערמאָן זיך עפּעס וואָס עס איז געשען אין ווילנער לערער־סעמינאַר מיט אַ סך יאָרן צוריק. ווען משה קולבאַק איז אין אַ שלימזלדיקער שעה אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, האָט זיינע לעקציעס פון דער יידישער ליטעראַטור איבערגענומען דער יידיש־העברעישער שרייבער פאַלק האַלפּערין ע"ה. בעת זיין ערשטער לעקציע דערהער איך אין לערער־צימער פון זיין קלאַס אַ גוואַלדיקן טומל אַ געשריי און קלאַפּעריי מיט די טישן. אַ דערשראָקענער אַריינגעלאָפן, דערזע איך, אַז דער גאַנצער קלאַס שטייט און פּראָטעסטירט מיט אויפרעגונג — „ער האָט געזאָגט אַז פרץ איז ניט קיין שרייבער!!!"

קוים באַרויִקט די אויפגערעגטע געמיטער פון די יונגע תלמידים. איך האָב דעמאָלט געפּרובירט דערקלערן: צוויי ווייטע וועלטן — שלום עליכם האָט באַשריבן יידן, לעבעדיקע פון זיין צייט; פרץ האָט געפורעמט אידעען, ניט קיין לעבעדיקע יידן. שלום עליכם האָט גענומען אַ פאָלק מיט לעבעדיקע יידן און זיי ווי אַ סקולפּטאָר אויסגעפורעמט אין ווערטער, ווי זיי לעבן. פרץ האָט זיך פאַרטיפט אין די אידעען פון יידישקייט. די לעבעדיקע יידן האָבן ביי אים קיין אָרט ניט פאַרנומען. שלום עליכם — די יידן פון זיין צייט. פרץ — די אידעען פון אייביקער יידישקייט אין שפּיגל פון זיין צייט. טאָר מען די צוויי ניט פאַרגלייכן גאָר.

דאָס איז איינס. און צווייטנס — אָך און וויי איז די מערכה פון שלום עליכם אין דער היינטיקער וועלט, אין אַמעריקע איבערהויפּט. שלום עליכם איז דער טראַגישסטער יידישער שרייבער, וואָס האָט געקאָנט און געלערנט אַ פאָלק ביי יידן לאַכן פון צרות. קיין קונץ ניט צו וויינען פון צרות. יידן דאַרפן קענען לאַכן פון צרות. האָט עס שלום עליכם געלערנט מיט יידן די תורה, די שווערסטע תורה — לאַכט, יידן, פון אייערע צרות! לאַכן איז געזונט!.. האָט אַמעריקע גענומען דאָס לאַכן, ניט דעם אינעווייניקסטן וויטאָג, האָט מען וווּלגאַריזירט דעם גאַנצן שלום עליכם.

בעת דער מלחמה האָט מיר די פרוי רעגינע ווינרייך (די פרוי פון ד"ר מאַקס ווינרייך ע"ה) צוגעשיקט אַ קליין רוסיש ביכל קעשענע פאָרמאַט: „דאָס פאַרכישופטע שניידערל", פון שלום עליכם, (אין אַ פּראַקטיקער איבערזעצונג פון אייגנעם שאַמבעדאַל), וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אָפּגעדרוקט אין צוויי הונדערט טויזנט קאָפּיעס און געשיקט אויף די פראָנטן, די זעלנער זאָלן האָבן צו לאַכן אַ ביסל, פאַרלאַכן די אייגענע צרות...

האָט עס אַמעריקע געמאַכט אַנדערש. דער גאָט פון די אַמעריקאַנער יידן איז פאַרוויילונג, פאַרברענגען אַן אָוונט, אָנלאַכן זיך אַ ביסל. האָט מען גענומען דאָס טראַגישסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור — „טוביה דער מילכיקער" — און מען האָט געמאַכט דערפון אַ „פידלער אויפן דאַך." דער מחבר פון אָט דער קאַריקאַטור איז זיך מודה, אַז ער האָט דעם אָריגינאַל פון טוביה ניט געלייענט. צו מאַכן פון דעם וויכטיקסטן ווערק אין דער יידישער שאַפונג אַ מאַכערייקע־לאַכערייקע דאַרף מען גאָר ניט לייענען דאָס ווערק. צו קיצלען די פּיאַטעס, „לאַכט עולם", צו מאַכן דעם עולם לאַכן מעג מען פאַרדרייען, פאַרקרימען, אַבי מען זאָל לאַכן.

האָט אונדז אַמאָל דער פאַרשטאָרבענער יידישער אַרטיסט, דער פריינד אליהו טענענהאָלץ ע"ה, געוויזן אין קולטור־קלוב אַ שטומען פילם, וואָס איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן מיט אַ יאָר פופציק



צוריק. איז דער עיקר געווען דאָרטן דער טאַנץ פון כוועדקאַ גאַלאַגאַן, און גערופן האָט זיך די פּיעסע: „צעבראָכן די באַריערן" — די באַריערן פון ייד און גוי, פון געמישטע חתונות, זיינען צעבראָכן. מזל־טוב אייך יידן: הוה, טוביהס טאָכטער, האָט חתונה געהאַט מיט כוועדקאַ גאַלאַגאַן... אַזוי האָט דער רעזשיסאָר פאַרשטאַנען די טראַגישסטע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק.

איך האָב ניט איין הונדערט מאָל געלייענט פאַר תלמידים טוביהן. מיר פלעגן עס לערנען איך משך פון אַ גאַנץ יאָר (דאָס אַכטע לערניאָר—טוביה; דאָס נייַנטע — געקליבענע הערציילונגען פון פרץ). אין ארץ ישראל אין אַן אַגריקולטור שול פלעגן קומען תלמידים נאָך אַרבעט און לערנען, אַכט אַ זייגער אין אָוונט, צו לערנען אין אַ פרייען קרייז טוביה (אין העברעיש, פאַרשטייט זיך...) און דער סיום איז געווען גאָר אַ געהויבענער יום־טוב. און אַלע מאָל ווען איך פלעג אין דער הייך לייענען דאָס קאַפּיטל ח ו ה, פלעגט מיר אין צוויי ערטער אַריבערגיין אַ ציטער איבער רוקנביין. דאָס איז מיר געווען דער סימן צי איך האָב גוט אָדער ניט גוט געלייענט. בין איך איין מאָל געגאַנגען זען אַ „פּיעסע" „טוביהס טעכטער", זיינען מיר אַנטלאָפן אין מיטן — אַ מין חילול הקודש: פאַר דעם אָפּגאָט פון לאַכן האָט מען געהרגעט די טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק.

איך דערמאָן זיך ווי קולבאַק האָט כאַראַקטעריזירט שלום אַשס שאַפן: „ער גיט אַ גוטע באַשרייבונג פון דער שאָלעכץ פון יידישקייט." יאָ, פאַראַן אין אַ ווערק די שאָלעכץ וואָס איז גרינג צו זען, אָבער די שאָלאַכץ איז ניט די פּרוכט. די פּרוכט איז אינעווייניק, אין דער שאָלעכץ. וועגן רבי מאיר דערציילט די גמרא: ער האָט געלערנט תורה ביי דעם העלעניזירטן „אחר", האָט ער די שאָלעכץ אַוועקגעוואָרפן און דעם תוך געגעסן. („תוכו אכל, קליפתו זרק"). מיט שלום עליכמען איז מען זיך באַגאַנגען פּונקט פאַרקערט: די הומאָריסטישע שאָלעכץ האָט מען גענומען, דעם טראַגישן אינהאַלט האָט מען אַוועקגעוואָרפן.

שלום עליכם האָט אין זיינע ווערק געזאָגט קדיש נאָך דער פעסטער, אָרגאַנישער יידישקייט פון יידישן שטעטל, נאָך דער שענסטער און שטאָרקסטער. נאָך דער איינציקער יידישקייט פון קאַסרילעווקע מיט אירע הויפּט־טיפּן — טוביה, מנחם מענדל, מאָטל און דעם קאַסרילעווקער רב ר' יוזפל. האָט אַמעריקע זיי אַלעמען וווּלגאַריזירט. איז פון „טוביה" געוואָרן אַ „פידלער אויפן דאַך". צו וואָס — מען זאָל לאַכן. גענומען מאַרק שאַגאַלס אַן אידעע — כדאַי זי צו באַשרייבן: אַ קליין בילד שאַגאַלס (דעם אָריגינאַל ניט געזען) — אַ ווינטער־נאַכט, אַ פאַרשנייטע וועלט, אַ פּאָר פאַרהאַקטע טויערן, אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער און אַ ייד מיטן זעקל און פידל איבער די דעכער, אין דער לופטן. ניטאָ פאַר אים קיין אָרט אויף דער ערד. דאָס איז שאַגאַלס סימבאָל פון גלות. האָט ער, דער לאַך־מייסטער" גענומען, צוגעבונדן צו טוביהן, און אַמעריקע האָט עס אָנגענומען, אַוועקגעזעצט דעם כלי־זמר אויפן דאַך. צו וואָס? — נו קלאָר, מען זאָל לאַכן. דעם אָפּגאָט פון לאַכן מקריב געווען אי טוביהן אי שאַגאַלן.

... ניין. ניטאָ וואָס מקנא צו זיין שלום עליכמס גליקן אין אַמעריקע. נעם איך, למשל, מנחם־מענדלען. געוואָרן גאָר אַ סימבאָל פון יעדן שלימזל. אין דער אמתן אָבער איז מנחם־מענדל ניט סתם אַ שלימזל, נאָר דער ערשטער פּיאָנער פון יידישן אורבאַניזם. דער ערשטער וואָס פּרובירט זיך אַרויסרייסן פון שטעטל אין אורבאַניזם, און פּיאָנערן ברעכן אָפּט דעם קאַרק. מנחם־מענדלס אייניקלעך לערנען אָבער היינט פילאָסאָפיע אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. מענדעלע מוכר ספרים האָט, במחילה מכבודו, אַרויסגעשטעלט זיין בנימין השלישי צו שפּאָט און געלעכטער, אָבער בנימינס אייניקלעך פירן היינט די מדינה אין ישראל... יידן לאַכן. מען דאַרף אָבער אונטער דער שאָלעכץ פון געלעכטער דערפילן און פאַרזוכן דעם קערן, די פּרוכט גופא. האָבן אויך יידן וווּלגאַריזירט שלום עליכמען. אַ קנאַפּער גליק, ניטאָ וואָס מקנא צו זיין.

* * *

ווידער הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין דעם גאַנצן פערטן פראַגמענט, אַז מיטן

אויפקום פון מאַנאַטעיזם מיט דעם גלויבן
אין אַ מאָראַלישער גאָטהייט (וואָס מיינט
עס?) איז מער ניטאָ קיין לעבן אָן אַ
תכלית... פאַרשטיי איך ניט די שייכות
צווישן מאָנאָטעיזם, מאָראַל און „קונסט
לשם קונסט". ווידער (פראַגמענט פינף)
ניט טענדענץ דאַרף מען זוכן, נאָר די
אידעע. צוויי באַזונדערע זאַכן. און נאָך—
צי איז די יידישע מאָדערנע ליטעראַ־
מיר טאַקע „דער דירעקטער יורש פון
השכלה?" לא מיט אַ גרויסן אלף. דער
יורש פון דער השכלה ביי יידן איז פשוטע
אויסיידישונג מיט שמד און אָן שמד. די
יידישע ליטעראַטור, איבערהויפּט אין
יידיש, איז דער אַנטיטעזיס פון השכלה.
און איצט קומט דאָ סאַמע וויכטיק־
סטע: אין זיבעטן פראַגמענט פון אַרטיקל
איז פאַראַן אַ ביטול־אויסדרוק וועגן דער
„אַזויגערופענער וועלטלעכער יידישקייט".
אַ סברא, אַז דער מחבר פון רות האָט גאָר
ניט געטראַכט אַז זיין דערציילונג וועט
ווערן אַריינגענומען אין די „כתבי הקודש"
אין תנ"ך. אַ ריין וועלטלעכע מעשה.
אַזוי האָט זיכער אויך דער זאַמלער פון
די פאָלקישע ליבע־געזאַנגען, שיר השירים,
ניט געחלומט גאָר אַז זיינע זאַמלונגען
ווערן אָנערקענט פאַר קודש קדשים דורך
אַזאַ גדול ווי רבי עקיבא, און אַז חדר־
ייִנגלעך אין חדרים וועלן גאַנצע דורות
זינגען מיט אַ ניגון: „אַלע געזאַנגען זייי־
נען קודש און דאָס געזאַנג איז קודש
קדשים; אַלע געזאַנגען האָט געזונגען אַ
מלך, דאָס געזאַנג האָט געזונגען מלך בן
מלך." אַזוי האָט דער ווילנער בחורל,
הירשקע גליק, געשריבן אַ ריין וועלטלעך
געזאַנג: „זאָג ניט קיין מאָל"...
דאָס פאָלק האָט עס אָנגענומען און
אין גייסט פון תלמוד זאָג איך, אַז דאָס
וואָס דאָס יידישע פאָלק נעמט אָן, נעמט
אויך אָן דער יידישער גאָט. איז הירשקע
גליק געוואָרן אַ קדוש, און זיין ליד איז
אויך קודש.
בקיצור— וועלטלעכע קולטור איז ניט
קיין צווייטע, קיין נייע יידישקייט — עס
איז אַלץ וואָס עס שאַפט דאָס יידישע פאָלק
ביז עס ווערט פאַרהייליקט. דאָס וועלט־
לעכע וואָס דאָס פאָלק נעמט אָן, ווערט
פון וועלטלעך—הייליק. אַלץ וואָס איז
הייליק ביי יידן איז אַמאָל געווען וואָכע־
דיק. דאָס וואָכעדיקע אויב נאָר עס וועט
זיין אַ יידיש פאָלק, און עס וועט אָננעמען
וועט עס ווערן אַ נייע כתבי הקודש. מיט
וואָס איז דער שיר־הימען „התקוה" ניט
הייליקער ווי אַ סך פיוטים און פזמונות
פון מחזור? הייליק מאַכט דאָס פאָלק.
דאָס פאָלק באַשטימט וואָס עס איז הייליק
און וואָס נאָך ניט. אפילו ארץ ישראל
אַליין איז ניט באַשאַפן געוואָרן פון גאָט
ווי אַ הייליק לאַנד מיט הייליקער ערד.
ניין. די גמרא זאָגט עס, אַז די יידן האָבן
פאַרהייליקט דאָס לאַנד. איין מאָל, אין
די צייטן פון יהושוע (קדושה ראשונה—
רופט עס אָן די גמרא) און דאָס צווייטע
מאָל אין די צייטן פון עזרא (קדושה
שניה). דאַרף אַ פרומער ייד, וואָס איז
אַליין אויך אַ דיכטער, האָבן דרך־ארץ
פאַר יידישע שאַפונגען, הגם זיי זיינען
ניט פאַרהייליקט נאָר וואָכעדיק, וועלטלעך.
מלך ראַוויטש האָט אַמאָל געחלומט
וועגן אַ נייעם תנ"ך, איך פאַרגלייך אָפט
ש"ע „טוביה דער מילכיקער" מיט די
ספרים פון תנ"ך. קען איך אים פאַר־
גלייכן בלויז מיט איוב. אָבער איוב איז
עגאָיסטיש, ווען גאָט באַפרידיקט אים
איז ער שוין צופרידן און מער דאַרף ער
ניט. ווען אים איז שלעכט, הערט ער אויף
ווי צו גלייבן אין גאָט. זאָגט אים זיין
ווייב: „שילט גאָט און שטאַרב". (אַלע
שלעכטע געדאַנקען לייגט מען אַרויף אויף
די ווייבער, כלומרשט). טוביה איז שטאַר־
קער. אין די ערגסטע מאָמענטן טענהט
ער זיך אויס מיטן „אַך טי רבונו של עולם"
און גלייבט ווייטער. איוב האָט ניט
איבערגעלעבט קיין שמד פון אַ געליבטער
טאָכטער, טוביה — יאָ . . .
בקיצור— מיינער אַן עסיי וועגן וועלט־
לעכער יידישקייט (נאָך ניט געדרוקט)
האַלט גאַנצע 30 בויגן פּאַפּיר. וועל איך
דאָ זאָגן נאָך אַ מאָל: אַ פרומער ייד,
אַ שרייבער, אַ דיכטער, דאַרף גאָר אַנ־
דערש פאַרשטיין דעם מהות פון וועלט־
לעכקייט און ניט אַ שרייב טאָן: „דער
לאַגער פון דער אַזוי גערופענער וועלט־
לעכער יידישקייט", מיט איראָנישע
גענדזן־פיסלעך.
וואָלט ביי יידן פאַרצייטן, אין עזראס
צייטן (און נאָך אים) געווען צו וועלטלע־
כע, פאָלקישע שאַפונגען אַזאַ באַציונג



ווי עס איז היינט ביי די פרומע — אַזאַ
ביטול־באַציונג — וואָלט ביי יידן קיין
מאָל ניט געווען קיין תנ"ך. לכתחילה
איז דאָך דער גאַנצער תנ"ך ניט פאַר־
שריבן געוואָרן פון גאָטס מויל. דאָס איז
דאָך אַלץ געשריבן געוואָרן פון פאָלקס
זיכרון און פון פאָלקס געזאַנגען, וואָס
זיינען בשעתם געווען ריין וועלטלעך־
פאָלקיש. די הייליקייט איז געקומען
שפעטער. נאָך אין תלמוד ווערט דער
תנ"ך אָפט גערופן „מקרא"— לעקטור,
און לערנען מקרא איז די מצוה גאָר ניט
קיין גרויסע, ניט די מצוה און ניט די
שכר־מצוה. אַ סך וויכטיקער איז צו לער־
נען משנה, אָבער זינט די משנה איז פאַר־
שריבן, איז בעסער צו לערנען די גמרא,
וואָס איז אין פאָלק און איז נאָך ניט אין
ספרים. צו דער היינטיקער גדולה איז
דער תנ"ך דערהויבן געוואָרן ערשט אין
אונדזער דור. ווער האָט עס אין ישיבות
געלערנט תנ"ך? אַ בעל־תנ"ך איז גאָר
געווען חשוד אויף אפיקורסות.
מיר— יידישע שרייבערס — שרייבן
אַלע מיט אַ טיפן גלויבן, אַז ניט נאָר
איז אונדזער שפּראַך די שפּראַך פון
יידישן פאָלק, נאָר אַז אויך דער גייסט
פון אונדזער שרייבן איז דעם פאָלקס,
אָבער די שאַפונגען זיינען נאָך אין דער
מדריגה פון וואָכעדיקייט, וועלטלעכקייט.
שפעטער וועלן אפשר טיילן פון דעם
וואָס מיר שרייבן, זוכה זיין צו ווערן אָנ־
גענומען ביים פאָלק. און אויב דאָס פאָלק
וועט אָננעמען וועט אויך דער יידישער
גאָט מסכים זיין... דאָס ליגט די גרויסע
שולד פון די וועלטלעכע יידן, וואָס זיי
האָבן זיך ניט באַמיט צו פאַרשפרייטן אין
פאָלק די בעסערע שאַפונגען, וואָס זיינען
ווערט צו ווערן פאָלקישע, צו ווערן פאַר־
הייליקט ביים פאָלק.
איך בין זיך מחוה. אַ סך מאָל פאַלט
אָן אויף מיר אַ יאוש; עס לוינט זיך ניט
שרייבן, צו אַרבעטן און זיך מרבה הוצ־
אות זיין. זייער שווער איצט אַרויסצוגעבן
אַ יידיש בוך. אָבער די פאָסט האָט גענו־
מען ברענגען בריוו פון אומבאַקאַנטע יידן,
מסתמא פשוטע יידן מיט טשעקלעך און
מען בעט צושיקן דאָס נייעסטע בוך.. דאָס
האָט ביי מיר אין גאַנצן געביטן די שטי־
מונג: יאָ! עס לוינט זיך צו שרייבן, צו
מאַטערן זיך, צו זאָרגן און צו אַרבעטן.
דער גרעסטער אויפטו אין אויפהיטן
דעם תנ"ך איז געווען פון די „סופרים"
אין גלות בבל, וואָס זיי האָבן געזאַמלט
און פאַרשריבן אַלע וואָרט־שאַפונגען אין
פאָלק. פון זיי איז אַרויסגעקומען שפע־
טער דער גרעסטער פון זיי — ע ז ר א
הסופר.— ער האָט עס אַריינגעגעבן אין
פאָלק צוריק און עס איז שפעטער פון
פאָלק פאַרהייליקט געוואָרן ווי דער תנ"ך,
די „כתבי הקודש" פון יידישן פאָלק.
דעריבער פאַרגלייכט די גמרא עזרא
הסופר מיט משהן.
וואָכעדיקע וועלטלעכקייט איז די ער־
שטע מדריגה פון יעדער וואָרט־שאַפונג.

איך וועל, פאַרשטייט זיך, ניט געבן
דאָ די גאַנצע אַרבעט מיינע וועגן וועלט־
לעכער יידישקייט. איך וועל אָבער יאָ
וועלן אַרויסנעמען פון יענער אַרבעט איין
קורץ קאַפּיטעלע: „די פרינציפּן פון וועלט־
לעכער יידישקייט". אָט איז עס:

## פרינציפּן פון יידישקייט

1.— יידישקייט איז ניט קיין סתם רע־
ליגיע, ניט קיין סכום קרעדאָס צו גלייבן
אין זיי און אַ סכום מצוות צו טאָן וויל
אַזוי דאַרף עס גאָט. ניין! יידישקייט
איז אַ שטייגער־קולטור פון פאָלק, וואָס
איז פאַרהייליקט געוואָרן. אַלע מצוות
זיינען אויסגערעכנט געוואָרן ניט פאַר
גאָט, נאָר פאַר דעם גליק פון פאָלק —
אין תנ"ך— פאַרן פאָלק אין זיין לאַנד.
אין תלמוד— פאַרן פאָלק, אָן אַן אייגן
לאַנד. ניט ג אָ ט דאַרף, נאָר דאָס
פאָלק דאַרף עס. בכן איז יידישקייט ניט
קיין גאָט־רעליגיע נאָר אַ פאָלק־רעליגיע.

2.— אַלע רעליגיעס פון אייראָפּעישע
פעלקער זיינען אָנגענומען, ווען די פעל־
קער זיינען שוין געווען דערוואַקסן מיט
אייגענע קולטורן. דעריבער האָט די רע־
ליגיע ביי זיי ניט קיין שייכות צום פאָל־
קישן לעבן; צוויי שטראָמען ביי זיי —
קולטור באַזונדער און רעליגיע פאַר זיך.
ביי יידן איז דער קולטור־שטייגער גע־
וואָרן פאַרהייליקט ווי די רעליגיע. קולטור
און רעליגיע — איין שטראָם, איין גאַנג;
זיי זיינען דאָס זעלבע.

3.—דעריבער איז פון די חז"ל (חכמי התלמוד) אייגגעשטעלט — ניט קיין פיקסירטע מצוות, נאָר „הלכות"— דער גאַנג, דער שטייגער, דער שטראָם פון יידישקייט. דערפאַר האָבן זיי פאַרבאָטן צו פאַרשרייבן די הלכות. פאַרשרייבן איז ביי זיי דעמאָלט געווען, פיקסירן אויף דורות. קיין שטראָם טאָר מען ניט פאַרהאַלטן, טאָר מען ניט פיקסירן אין מאָל און אויף שטענדיק. ווער עס וויל הלכה באַגרייפן ווי אַ מצוה פאַר אַלע דורות, דער זינדיקט קעגן דעם יידישן גייסט.

4.—דער גייסט פון פאָלק און זיין גאָט.

איטלעך פאָלק האָט זיין גייסט, ווי עס פירט זיך, ווי עס באַנעמט גאָטס וועלט. דער גייסט פון יידישן פאָלק — דאָס איז דער יידישער גאָט. ביי קריסטן איז גאָט אַ פאַרזיכיקע עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיק פון פעלקער, צי אַ דרייאיקע אָדער אַן איינציקע, אָבער באַזונדער, פאַר זיך. ביי יידן איז דאָס גאָר אַ זיבד, „הגשמת הבורא", פאַרקערפּערן גאָט טאָר מען ניט! מיט יידישקייט שטאַרקט זיך גאָט — דער גייסט פן פאָלק, און מיט שוואַכער יידישקייט ווערט גאָט אָפּגעשוואַכט. לויט רייַנער יידישקייט איז גאָט ניט קיין באַזונדער עקזיסטענץ ערגעץ אין די הימלען. ער איז אין פאָלקישן אויפפיר, אין שטייגער; ער אַנטפּלעקט זיך אין די פירונגען פון יידישן פאָלק. מיט גאָט־גייסט שטאַרקט זיך די יידישקייט און מיט שטאַרקער יידישקייט, שטאַרקט זיך דער יידישער גאָט. אַזוי איז אויך פאַרקערט.

5.—יידישקייט קען מען ניט אויסלערנען; מען קען יידישקייט ניט פאָרמולירן אין ווערטער, אין דעפיניציעס, אין ביכער. יידישקייט איז אין אויפפיר, אין שטייגער, אין גאַנג פון לעבן און פון דענקען. יידישקייט איז ניט קיין באַזונדערער סכום וויסנס, אָפּגעטיילט פון „אַלגעמיינעם וויסן", וואָס האָט בלומרשט ניט קיין שייכות צו יידישקייט. פאַרקערט, נעמט יידישקייט אויף די גאַנצע וועלט־קולטור, די גאַנצע מענטשלעכע קולטור, אַלץ לויט דעם ספּעציפישן יידישן גייסט. אַלע ביימער האָבן גרינע בלעטער מיט די זעלביקע אויפגאַבעס, אָבער איטלעכער סאָרט האָט זיך זיינע פאָרמעס און זיין געשטאַלט. איטלעך פאָלק נעמט אויף די וועלט לויט זיין גייסט, לויט זיינע באַגריפן.

6.—יידישקייט שעפּט זיך ניט אויס מיט יידיש לשון, אָבער דער גורל פון פאָלק איז ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון יידישן לשון. פאַרצייטן האָבן אַלע שכנישע פעלקער גערעדט העברעיש. זיי זיינען אונטערגעגאַנגען; העברעיש איז געבליבן מיט יידן און איינגעהיט די יידישע נשמה פון יענער תנכישער תקופה. אין די תלמודישע צייטן האָבן ווידער אַ סך פעלקער גערעדט אַראַמיש. פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען, דאָס יידישע אַראַמיש איז געבליבן און איינגעהיט די נשמה פון יידישן פאָלק אין דער צווייטער (תלמודישער) תקופה. יידיש לשון האָט דאָס יידיש פאָלק געשאַפן, אויסגעפורעמט און אַנטוויקלט — אין יידיש פאָלק און אין יידיש לשון, קיינע שותפים ניט. אין דעם לשון ליגט דער גייסט פון יידישן פאָלק, פון זיין גאָט. שפּראַך פאַרלאָזן — דעם גייסט פאַרלאָרן. אָן גייסט, אָן נשמה קען קיין גוף ניט לעבן. דאָס איז דער גורל פון יידישן פאָלק און יידיש לשון.

7.—יידישקייט האַלט זיך אַן אייביקייט, אָבער תקופותווייז. יעדע תקופה נעמט איבער די יידישקייט פון דער פאַרענדיקטער תקופה און פאַרהייליקט זי, און זי הייבט אָן איר נייע יידישקייט פון איר נייער תקופה ווי אַ וואָכעדיקע, ווי אַ וועלטלעכע, נאָך ניט קיין פאַרהייליקטע. פאַר אונדזער היינטיקער נייער אורבאַנישער תקופה איז איצט די שטעטלשע יידישקייט צייט צו פאַרהייליקן — אינהאַלט און שפּראַך. דורך דער שטעטלשער ירשענען מיר די פריערדיקע תקופות. מען קען ניט ירשענען איצט דירעקט די תנ"ך־יידן, ווי מען קען ניט ירשענען קיין עלטערבאָבען סיידן דורך די עלטערן. די קולטור פון יעדער תקופה איז פון אָנהייב, פון איר בראשית געווען וואָכעדיק. וועלטלעך, פּשוט פאָלקיש און פאָלקסטימלעך. אַזוי דער תנ"ך ווי אויך דער תלמוד. צו די העכערע הייכן דערגייט די קולטור פון דער תקופה



ערשט שפּעטער, און מיט אַ צייט אַרום. איצט האַלטן מיר ביים איבערגאַנג פון דער שטעטל־תקופה צום אורבאַניזם און דער דור מוז פאַרהייליקן דעם „תלמוד השטעטל". אין דער זעלביקער צייט מוז אָבער די תקופה ווייטער שאַפן און פּראָדוצירן איר קולטור. אַ תקופה וואָס שאַפט ניט קיין נייע, קיין פרישע קולטור, איז אַ בוים וואָס שאַפט ניט מער קיין פרישע, גרינע בלעטער און נייע פּרוכטן. דער בוים שטייט נאָך אויף זיינע וואָרצלען, אָבער ער איז שוין טויט. אַ סך צווייגן פון יידישן בוים זיינען אַזוי אָפּגעשטאָרבן.

8.—דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיין געשיכטע ניט געשאַפן קיינע מאַטעריעלע גיטער אויסער ספרים. יעדע תקופה מיט אירע ספרים. דערפאַר קליידט אונדז דער נאָמען „עם הספר". די ספרים זיינען אונדזערע גיטער, אונדזער פאַרמעגן — די איינציקע ירושה פון תקופות קולטור. דער תנ"ך— די ירושה פון זיין תקופה; דער תלמוד — אַ י ר ו ש ה פון דער לענגסטער תקופה און איצט די יידישע ליטעראַטור איז די רייכע ירושה פון שטעטל. תקופות און שפּראַכן: די ערשטע תקופה מיט איין שפּראַך; די צווייטע תקופה מיט צוויי שפּראַכן און די דרישע תקופה מיט דריי שפּראַכן — העברעיש, אַראַמיש און יידיש. נאָר דורך אייגענע טאַטע־מאַמע קען מען ירשענען די אורעלטערן. דורך דער קולטור פון דער לעצטער, שטעטלשער תקופה קענען יידן ירשענען די קולטורן פון די פריערדיקע תקופות.

9.—קיינע תורות זיינען ניט דערלאַנגט פאַרטיקערהייט פון גאָטס האַנט צו משהן, ניט אויף דעם אָדער יענעם באַרג. אַלע יידישע תורות־קולטור זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דעם געטלעכן גייסט וואָס אין דעם פאָלק ישראל און סיני איז נאָך פון תלמוד אָן דער טיטול פון יעדער שעפערישן יידן, וואָס שאַפט תורה (קולטור); „סיני עוקר הרים"—די הייליקייט פון באַרג סיני איז נאָך אַנולירט פון תלמוד (נסתלקה קדושתו).

10.—הגם דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרהייליקט זיינע ספרים און לעבט מיט זיי אין פריידן און אין ליידן (אין ליידן מער ווי אין פריידן!) דאָך אָבער איז דער קיום פון יידישן פאָלק ניט אין די שוין פיקסירטע און פאַרהייליקטע ספרים, ניט מיט דעם אַלעם וואָס עס איז שוין „בכתב" פאַרשריבן, נייערט מיט דער יידישקייט וואָס אין לעבעדיקן שטייגער, מיט דעם וואָס די גמרא רופט אָן „דברים שבבעל פה" און עס איז נאָך לגמרי ניט פאַרשריבן...

* * * * *

די אַלע פּרינציפּן זיינען ניט קיין נייע, איצט אויסגעטראַכט, נייערט מען קען זיי אַלע שוין געפינען אין דער תלמודישער ליטעראַטור. מער ניט וואָס די חז"ל— די שעפערס פון תלמוד האָבן די אידעען ניט פאָרמולירט אין זאַצן. זיי האָבן בכלל זיך ניט פאַרנומען מיט פילאָסאָפישע טראַקטאַטן, נאָר מיט פורעמען אַן איינהייטלעכן שטייגער. קען מען דערפאַר די אידעען געפינען אָבער צעוואָרפן, אַרויסגעבראַכט, ניט סיסטעמאַטיש.

11.—איז בכן וועלטלעכע יידישקייט ניט עפּעס גאָר אַ נייעס, וואָס קומט אָפּצולייקענען גאָר די פריערדיקע. זי איז בלויז אַ סטאַדיע פון איבערגאַנג און אונדזער אויפגאַבע איז צו פאַרוואַנדלען דאָס וואָכעדיקע לעבן, דעם יידישן שטייגער פון דער חרובער תקופה, אין אַ נייע תורה, פון בעל־פה זאָל עס זיין בכתב.

זאב סאליס

# „היסטוריה חוזרת על עצמה" (?)

פרזה בנאלית זו רווחת גם בין אנשים בעלי השכלה, כהלכה למשה מסיני אצל שומרי־אמונה. יסלח להם צור העולמים, כי אינם יודעים מה הם סחים. הרבה נזק הם גורמים על ידי אימרה זו. על פי אימרה זו הם גורסים, כי עתידה היא אומתנו בגולה או ב„תפוצות" למות ד' מיתות בית־דין או מיתת נשיקה.

ארבע מיתות בית־דין כיצד? דוגמת המיתות המשונות החל מן הימים הראשונים לתפוצות היהודים בגלויות השונות ועד ימינו אלה, ימי השואה ההיטלרית. מיתת־נשיקה כיצד? דוגמת קבוצות היהודים שבמערב־אירופה שנטמעו ונבלעו בתוך האוכלוסיה שאינם מבני ברית.

האיך אינם חוששים להוציא מפיהם גזר־דין קשה כזה. המעט לנו מה שראינו בעינינו בזמננו צורות חדשות נוראות של רדיפות והשמדות, שלא שערון אבותינו? הרי השמדת ששת מליוני יהודים במשך זמן קצר — מתי היה כדבר הזה? החיאת לשון מתה למעלה מאלפיים שנה והעלתה לשפה מודרנית בעלת פוטנצים בלתי־משוערים להבעת מחשבת האדם — האין זאת יצירת תקדים? בנין מולדת לעם חסר־מולדת אלפיים שנה בארץ חרבה, מלאה ביצות ממאירות — ובאין עצים — והפראת אדמתה עד כדי שפע עצום המאפשר יצוא ניכר של עודף יבולה לחוץ לארץ — האין זה דבר ח ד ש שלא היה עוד לעולמים. ואיך אפשר להעלות על הדעת שההיסטוריה חוזרת — איך חוזרה בשלושת המקרים הנזכרים?

בל נשים לב אל דברי־הבל ומדוחים של כמה ממנהיגי עמנו בארץ ובחוץ־לארץ. אכן, יש תקוה טובה גם לקיבוצים היהודיים היושבים בתפוצות לתת חלקם בהתפתחות היהדות ובשגשוגה בכל מקום שהם.

מובן מאליו שזכות הבכורה היא לעמנו היושב בציון, אשר שם אין מעצור לגידולו ושם אפשר להם לפתח את כשרונותיהם בלא שתהא תרבות אחרת מתחרה עמה. אומנם יש למצוא גם צד שלילי בזה, כי במקום שאין התחרות אין התוצאות באות על סיפוקן המלא — והיצירות הן על פי רוב בינוניות.

אין בכוונתי להקטין יצירות מקוריות במרכז היהדות, אך חפצתי להראות שגם במרכז זה יש למצוא חסרונות.

אין דעתי עם אלה הטוענים, שדווקא מפאת היותנו בגלות בקרב תרבות גדולה מתחרה יכולנו ליצור מפעלים גדולים בעלי ערך והם מוכיחים זאת בעובדות מן ההיסטוריה שלנו. הם מראים על יצירה רוחנית ענקית בבבל (התלמוד), על הקמת המרכז הרוחני בספרד שממנו יצא הרמב"ם שחיבר את ה„יד החזקה", תמצית כל התורה שבעל־פה עד זמנו, ואשר ממימיו אנו שותים עד היום הזה. הם אף מביאים ראיה מן התרומה החשובה שתרמה יהדות ספרד בשדה מחשבת ישראל והשירה העברית ופתחו בכך דף חדש ביצירה הרוחנית של עמנו. — רחוק אני מהשקפה זאת!

התרבות היהודית בגלות היא בהכרח מוגבלת ביצירה רוחנית בלבד, ולעולם אין בה שלמות. תרבות הראויה לשמה כוללת את כל היצירות האנושיות בכל מקצועות החיים. „ת ר ב ו ת" כוללת זו אפשרית היא אך ורק בארץ בישראל, אך אין לפסוק הלכה ולומר שאין אפשרות של חיים יהודיים בתפוצות.

אני, כשלעצמי, הייתי מגדיר את שני מקומות מושבותיהם של עמנו ב„עורף" ו„חזית". מדינת ישראל היא החזית הלוחמת לקיום עמנו ותרבותו, ואילו התפוצות הן העורף. מן המפורסמות הוא, בזמננו, בעת מלחמה, ה„עורף" וה„חזית" שקולים כאחד, ובלעדי ה„עורף" אי אפשר להם לאלה העומדים ב„חזית" להתקיים אפילו שעה אחת.

היוצא לנו מזה: טועים ומטעים הם אותם הסופרים והמנהיגים הדורשים מעל דפי העיתונות ומעל הבימות את עלייתם של ציוני התפוצות וביתר ייחוד של ציוני אמריקה למדינת ישראל. הם מתרים באלה שימשיכו ישיבתם בארצות הגלות, שסופם להטמע ולהתבולל בעמים שבקרבם הם יושבים, ולא יישאר זכר למו. אדרבה! יש לחזק את האירגונים הדתיים והלאומיים ולעזור להם בפעולותיהם הברוכות בשטח החינוך ותרבות ישראל למען המשך קיומם כחטיבה מיוחדת בין העמים ולמען מדינת ישראל.



# אונדזערע אבידות

מלך ראַוויטש / מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

## הרב פראָפ' אברהם יהושע העשל ז"ל

געבוירן אין יאָר 1907 אין וואַרשע, נפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק, שבת, 23טן דעצעמבער, 1972. — טיילן פון דעם מאמר דיינען געליִיענט געוואָרן אויף אַ יובל־אָוונט פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאַל (אָקטאָבער, 1964) צו דעם גאַסט פון אָוונט, דעם פּאָעט פילאָסאָף אברהם יהושע העשל.

איך זוך אין מיין זכרון און אין מיין געדאַנק דעם זכות פאַרוואָס עס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו זאָגן אַ וואָרט צו דעם גרויסן גאַסט פון דעם יובל־אָוונט פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאַל — פּראָפ' ד"ר אַברהם יהושע העשל.

קומט טאַקע דער זכרון און זאָגט מיר

---

יש להפיח רוח חיים בהסתדרות הציונית ולהוסיף לה משימות חדשות לחיזוק העורף כדי שתוכל למלא בשלמות את חובותיה כלפי ה ח ז י ת ולבסס אותה בכל פינותיה בכלכלה, במדיניות ובכלל בכל סוגי צרכיה המתחדשים כל זמן קיום מדינה העומדת ברשות עצמה. ביתר ייחוד נחוץ הוא למדינת ישראל המחודשת ועוד יהיה נחוץ ימים רבים העזר מצד תפוצות ישראל בהתחשב עם העובדה כי בתקופה שבה אנו חיים אין לך שום אומה ולשון שלא תהא זקוקה לעזר ותמיכה ממשלות ארצות אחרות, וידוע לנו למדי שאין לנו הרבה ידידים ביניהם. אין לה למדינת ישראל בעלי ברית אחרים מלבד אחיהם בתפוצות ולפיכך חכמים הזהרו בקיומם. הפגנות שאינן בנות ביצוע כזו שנזכרה לעיל לגבי עלייתם של כ ל ציוני התפוצות למדינת ישראל או הסיסמה „או עליה או כליה", הפסדן גדול משכרן.

לאושרנו יש להראות על תופעות משמחות לב, שדווקא באמריקה קמה רשת של בתי ספר עבריים שאומנם מספרם הוא עוד קטן. אך יש תקוה טובה להרחבתם ולהגדלתם. קיימות ישיבות קטנות וגדולות, בתי אולפנא ואוניברסיטאות שבהם לומדים ילדי ישראל תורה וחכמה, והם קשורים לעמם ולמדינת ישראל בכל נימי נפשם. נכונים הם להקריב ממרצם והונם לצורכי כלל ישראל בהושיטם להם עזרה בעת צרתם. אכן לא אלמן ישראל!

אחי, אל תפנו עורף אל ה„עורף" — חזקוהו ועשו למענו ובעיקר למען ה„חזית"!

אחזור למה שאמרתי בפתח דברי — אין אף קורטוב של אמת בדברי־אלה הטוענים, כי ההיסטוריה חוזרת על עצמה, והעובדות של המאה הנוכחית בשדה־המדע הכללי יוכיחו. ההמצאות המדעיות שבמאה העשרים באות וטופחות על פניהם של אותם החכמים הנוקטים בכלל האיווילי ההוא. על ידי אימרות נפוחות כאלה משתקים את היוזמה האנושית.

אכן, נעשים בעולמנו דברים שאין להם תקדים בהיסטוריה, ואין להחליט שכל דבר שקרה בעבר, בהכרח יישנה. כמה דברים מתחדשים בכל יום ואין להם דמיון בעבר. אדרבה, הכלל של השתנות תמידית שורר בתבל, כידוע.

יש לקוות, שהמרכז הרוחני ההולך ונוצר באמריקה ילך הלוך וחזק לתפארת כל עצמו, גם לעם היושב בציון, ולא יקיץ הקץ עליו חלילה, כשם שחוזים לו רואי שחורות בהביאם ראיות מקורות הימים בארצות הגלות השונות. חכמים הזהרו בדבריכם!

ביהדות אמריקה נמצאים עוד כוחות רעננים שהתבטאו עד כה בצורות שונות לשם חיזוק מצבם הכלכלי ולקיומם הפיסי של היהודים בכל ארצות פזוריהם. ביתר ייחוד היתה מורגשת עזרת יהודי אמריקה למדינת ישראל — מכל הבחינות. יהדות זו, תקוותנו חזקה, כי כוחה איתה להוסיף לתרבות־ישראל גם נופך משלה.

דעם גאַסט. נאָך אַ פּאָר שעה ריידן — עס איז פאַר מיטאָג — בעט ער מיך איבער. ער דאַרף לייענען די מגילה. מיר וועלן זיך ווידער קענען זען אין אַ שעה אַרום — טיידן איך וויל בלייבן. איך בין געבליבן, האָב מיר געבאָרגט דעם הוט פון גאַסט. ער האָט אָנגעטאָן אַ יאַרמלקע און געלייענט די מגילה מיטן טראָפּ און מיט אַ וואַרשעווער אַקצענט און דעם באַוווסטן ניגון, וואָס איך האָב שוין ניט געהערט נאָענט צו אַ האַלבן יאָרהונדערט.

אַזוי ווי קיין סך זיך פאַרטיפן און קאָנצענטרירן ביים הערן די מגילה דאַרף מען נישט, אפילו ווען מען הערט זי בלויז איין מאָל אין פופציק יאָר — האָב איך אָבסערווירט און געטראַכט וועגן גאַסט, וועגן מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים מיט 21 יאָר צוריק. אַלץ אין זיין פּנים איז ווי עס דאַרף צו זיין נאָך 21 יאָר, חוץ דער באָרד, וואָס איז גלאַט ראַזירט מיט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַטל. אויך דער ציגאַר, דער ברוינער און דופּטיקער, וואָס דער גאַסט רייכערט פון צייט צו צייט איז אין רבנישן סטיל, אין רבישן אפילו.

די באַגעגענישן זיינען מיט אַברהם יהושע העשל, היינט דאָקטאָר און פּראָפעסאָר אי יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, מחבר פון יידיש־פילאָסאָפישע ווערק אין עטלעכע שפּראַכן און — דאָס איז ניט דער עיקר — מחבר פון אַ קלאַסישן עסיי אין יידיש: „די מזרח־אייראָפּעישע תקופה אין דער יידישער געשיכטע“, וואָס ער האָט אים געלייענט אויף דער 1945־ייוו״א־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק.

ווען עמיץ וואָלט אונדז, די רעדאַקטאָרן פון די „וואַרשעווער שריפטן“ אין יאָר 1925, געפרעגט אויף אַ האָראָסקאָפּ פאַר דעם דאָזיקן יינגסטן דיכטער אונדזערן, א״י העשל, וואָלטן מיר אים אַלערליי צוועלף מאָל צוועלף מעלות פאָרויסגעזאָגט חוץ דעם, אַז גראָד ער וועט זיין דער דיכטער פון אַן עסיי, וואָס איז אין דער אמתן אַ ליד אין פּראָזע, אַ קלאָג־ליד נאָך דעם יידנטום אין מזרח אין אַלע זיינע גייסטיקע לענגערן און ברייטן און טיפן און הייכן.

איך האָב אברהם יהושע העשלען ווייניק אין וואַרשע געקענט; זעלטן און אפשר קיין מאָל נישט מיט אים קאָרעספּאָנדירט, נאָר אַ טייל פון זיינע ווערק געלייענט. זיין איינגעשפּאַרטע פרומקייט האָב איך קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען און אויך נישט מיטגעפילט. אָבער גראָד דערפאַר ווייל ער איז זיין לעבן לאַנג געגאַנגען אויף דער גרענעץ־ליניע צווישן די צוויי וועלטן פון מזרח־יידנטום, האָט ער זיין נשמה, זיין גאַנצע נשמה דערזען.

אַז א״י העשל האָט מעיין געוועזן אין דעם ערשטן באַנד פון דעם דאָזיקן לעקסיקאָן מיינעם האָט ער מיר געשריבן מיט גרויס אומצופרידנקייט, אַז איך האָב געטאָן אַ גרויסן פעלער למאי איך האָב אין די אינטימע פּאָרטרעטן נישט געשריבן וועגן די ווערק פון די שרייבער, וואָס איך באַמי זיך צו מאָלן זייער לעבן, זייער פּערזאָן און פּערזענלעכקייט, זייער טאָג, זייער וואָך. איך האָב אין דער טענה געזען אַ סתירה צו העשלס אייגענע רייד אין זיין קלאַסישן עסיי, וואָס זוכט „די געלייטערטקייט אין לעבן פון אַ פאָלק, גייסטיקע סובסטאַנץ אין דער טאָג־טעגלעכקייט.“ ער האָט דערזען דעם פּאַטאָס אין כלל, ער האָט אָבער נישט געוואָלט זען דעם פּאַטאָס אין פּרט און אין יחיד. און אפשר בין איך שולדיק, וואָס איך האָב נישט געקענט אַרויסברענגען דעם פּאַטאָס אין דער טאָג־טעגלעכקייט פון די יחידים פון דעם לעקסיקאָן.

פון מיין יוגנט אָן קעמף איך זיגרייך אין מיר קעגן רעליגיעזע פאָרמען און אַנטראָפּאָמאָרפישער גאָט־באַנעמונג, וואָס דאָס איז אין תוך דער וועג פון די פרומע, און ווייל א״י העשל איז אַ פרומער, אינטערעסירט ער מיך פון דער ערשטער באַגעגעניש אָן. דאָ אַנומלט האָב איך געלייענט זיינע פּאַטעטישע לידער אין פּראָזע (אין ענגליש) וועגן תפילה און וועגן גלויבן. און מיט טיפן צער האָב איך געטראַכט, אַז ווען דער גלויבן אין דער תפילה וואָלט ביים פּוילישן יידנטום נישט אַזוי הויך געשטאַנען, אפילו ביי די פּויליש־יידישע סאָציאַליסטן . . . וואָלט אים די אומגעריכטע טראַגעדיע נישט אַזוי טיף און פלוצלונג אַ וואָרף געטאָן. די פרומע איז געוווינט ווען זיי ריידן זיך איין, אַז גאָט הערט זיי. די נישט־פרומע ווילן אַז גאָט זאָל זיי אויף אַן אמת דערהערן.



יחזקאל קאָרנהענדלער / פּאַריז

# יחיאל האָפער ע״ה

אין פריער עלטער פון 66 יאָר איז פּאַריקן זומער, אין אַ שפּיטאָל אין חיפה, געשטאָרבן דער שריפטשטעלער און עסייאיסט יחיאל האָפער.

דאָס איז געווען אַ ידיעה וואָס האָט שווער אָנגעקראַפּט אין האַרצן, וואָרעם ווער עס האָט געלייענט די ווערק פון י. האָפער וועט שווער אָפּפילן דעם גרויסן פּאַרלוסט פאַר אונדזער ליטעראַטור.

געבוירן אין וואַרשע אין אַ יידיש־טראַדיציאָנעלער היים פון אַלעקסאַנדערער חסידים, האָט ער נאָך ערב דער לעצטער מלחמה אָנגעהויבן זיין שרייבערישע אַקטיוויטעט אין דער פּוילישער שפּראַך און ערשט נאָך דער מלחמה, האָט ער אין דעם יאָר 1945 אָנגעהויבן שרייבן יידיש און זיך אַרויסגערוקט אין די פּאָדערשטע רייען פון אונדזער ליטעראַטור אלס עסייאיסט, דערציילער און ראָמאַניסט.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1939, געלונגט עס אים זיך אַריבערצוקריגן קיין רוסלאַנד, ווו ער ווערט, ווי צענדליק טויזנט אַנדערע יידן, פאַרשפּאַרט אין אַ סיבירער לאַגער, וואָס ברעכט לסוף אונטער זיין געזונט.

אין 1946 קומט יחיאל האָפער צוריק קיין וואַרשע ווו ער האָפט צו געפינען אָפּגעראַטעוועטע קרובים, אָבער ער טרעפט נישט מער קיין איין מיטגליד פון זיין זייער גרויסער משפּחה. ער פאַרלאָזט גיך פּוילן און קומט קיין פּאַריז, ווו ער האַלט זיך אויף אַ קורצע צייט און אין פּאַריז זייענדיק, פאַרעפנטלעכט ער אין יאָר 1950, אין פאַרלאַג „א. ב. צעראַטאָ“. זיין ערשט בוך אין יידיש א. נ. „לידער פון דער נאַכט.“ שוין דער נאָמען פון דעם לידער־בוך, אגב אַן איינציק בוך אין פּערזן, דערציילט, אַז עס איז אַ ווערק פון ווייטיק דורך דעם אַדורכגעמאַכטן אומגליק, דורכן פאַרלוסט פון זיינע נאָענטסטע און טייערסטע און איז פיל מיט ווייטיק איבער דער אייגענער איינזאַמקייט.

יחיאל האָפער בלייבט אין פּאַריז נאָר אַ קורצע צייט און איז עולה קיין ישראל, ווו ער הייבט אָן זיין ביז גאָר ענערגישע שרייבערישע אַקטיוויטעט, אָבער נישט מער אַלס דיכטער. ער קומט אַרויס מיט מערערע ליטעראַטור־עסייען געווידמעט שרייבערס און פּראָבלעמען. יחיאל האָפער צאָלט, ווייזט אויס, אָפּ אַ פּערזענלעכן נשמה־חוב אַרויסקומענדיק מיט אָפּהאַנדלונגען געווידמעט די דיכטער: סלאָוואַצקי, מיצקיעוויטש און טובים, דער רוס טשעכאָוו און דעם אַמעריקאַנער העמינגווי. דער עיקר אָבער ווידמעט ער אָפּהאַנדלונגען יידישע שרייבער, ווי לייוויקן, מאַנגערן, מ. ל. האַלפּערן, י. אָפּאַטאָשו, דוד בערגלסאָן א״א, און אויך אַ ריי ביז גאָר אינטערעסאַנטע עסייען געווידמעט יידישע ליטעראַטור־פּראָבלעמען.

יחיאל האָפער האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם און רייכן יידיש און איז געווען אַ ביז גאָר פיינער און ראַפינירטער סטיליסט. ווייניק יידישע עסייאיסטן האָבן פאַרמאָגט די פעאיקייט און כוח פון יחיאל האָפער צו באַהאַנדלען די סאַמע ערנסטע ליטעראַטור־פּראָבלעמען, וואָס זאָלן ביים לייענען זיי, גלייכצייטיק אויך פאַרשאַפן אַזאַ עסטעטישן פאַרגעניגן ווי מיר האָבן עס געפילט ביים לייענען זיינע ליטעראַטור־אָפּהאַנדלונגען.

יחיאל האָפער האָט זיינע אַרבעטן פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע ליטעראַטור־אויסגאַבעס, אָבער די גרעסטע טייל פון זיינע עסייען האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער „גאָלדענער קייט“ אין ישראל.

ווי כ׳האָב עס שוין דערמאָנט, איז יחיאל האָפער אַרויסגעקומען פון סיבירער פאַרשיקונגס־לאַגער אַ שווער־קראַנקער. זיינען זיינע ערשטע יאָרן נאָך דער באַפרייאונג געווען מער פרוכטבאַר ווי די שפּעטערדיקע, וואָרעם זיין געזונט האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרערגערן און זיין שרייבערישע אַקטיוויטעט איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. דער שרייבער האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט מער אין די שפּיטעלער ווי ביי זיך אין זיין שיינער, מיט געשמאַק

איינגעאָרדנטער וווינונג אויף דיזענגאָף גאַס אין תל אָביב.

און דאָך טראָץ דעם שווערן געזונטהייטס מצב, האָט האָפּער זיך אַרויסגערוקט אין די סאַמע פאָדערשטע רייען פון אונדזערע נאָך־מלחמהדיקע ליטעראַטור־שעפערס און די פּאָפּולאַריטעט וואָס ער האָט לסוף דערגרייכט, איז דער עיקר געווען אַ רעזולטאַט פון דער סעריע „וואַרשעווער הייף", וואָס איז באַשטאַנען אין צוויי 2־בענדיקע ווערק: „אַ הויף אויף פּאָקאָרנע" און „אַ הויף אויף מוראַנאָוו" און זיינע ביכער „ר' זלמן" און „ר' תנחום".

יחיאל האָפּער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי דערציילונגען, אָבער זיין גרויסע מתנה וואָס דער פאַרשטאָרבענער שרייבער האָט געגעבן דער יידישער ליטעראַטור, זיינען די נאָר־וואָס אויסגערעכנטע 6 בענד, וואָס אַלע זיינען זיי געווידמעט זיין היים־שטאָט וואַרשע, און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ זעלטענעם מאָנומענט וואָס האָפּער האָט אויפגעשטעלט דעם היינט פאַרשוווּנדענעם, אַזוי שוידערלעך אומגעבראַכטן וואַרשעווער יידנטום.

אין די פיר בענד „וואַרשעווער הייף" האָט האָפּער געשילדערט דאָס לעבן פון די וואַרשעווער יידן, דעם גרויסן צונויפטרעף פון די „וואַרשעווער", פון די „פּראָווינצער" יידן און פון די „ליטוואַקעס", און אין די צוויי בענד „ר' זלמן" און „ר' תנחום" האָט ער געשילדערט דאָס חסידישע לעבן פון יידן אין וואַרשע און, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז ווייניק שרייבערס אין אונדזער ליטעראַטור האָבן אַזוי גוט געקענט און אַזוי ערלעך און מייסטעריש געשילדערט די חסידישע וועלט, ווי עס האָט עס אַרויסגעבראַכט יחיאל האָפּער. און עס מוז דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז „ר' זלמן" און „ר' תנחום" געהערן, אָן יעדן ספק, צו די סאַמע קינסטלערישסטע ווערק פון אונדזער נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור. אין די דאָזיקע ביכער אין וועלכע דער שרייבער האָט געשילדערט די חסידישע מיליע פון וועלכער ער גופא איז אַרויסגעקומען, איז ער דערגאַנגען צו אַ געוועלדיקער הייך. זיינע ווערק, געווידמעט דעם וואַרשעווער יידנטום, וועלן געהערן צו די סאַמע וויכטיקסטע דאָקומענטן, צו וועלכע עס וועט מוזן אָנקומען אַ היסטאָריקער, אויב ער וועט באמת וועלן קענען דאָס לעבן און אַפילו די נשמה פון אַמאָליקן יידישן וואַרשע.

דאָס לעצטע ווערק, וואָס יחיאל האָפּער האָט פאַרעפנטלעכט, איז געווען אַ באַנד זכרונות פון זיין סיבירער פאַרשיקונג א"ב „אין ווייטער פאַרפאַלנקייט", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1969 און וואָס איז פאַרעפנטלעכט אַלס ראָמאַן אין וועלכן די הויפּט פּערסאָנאַזש איז דער שרייבער גופא וועלכן יחיאל האָפּער פירט אַרויס אַלס „שמעון גוטפריינד, אַ יונגער מעדיצין־דאָקטער פון וואַרשע."

יחיאל האָפּער איז טאַקע אויך געווען אַ מעדיצין־דאָקטער און פאַר דער מלחמה איז דער שרייבער געווען לייטער פון דער פּסיכאָ־היגיענישער באַראַטונגס־שטעלע ביי דער צענטראַלע פון „אָזע" אין וואַרשע. עס זיינען געווען אַ ריי סיבות צוליב וועלכע י. האָפּער האָט נאָך דער מלחמה זיך נישט געקענט מער ווידמען דער מעדיצין, און כ'מיין אַז די הויפּט־סיבה דערפון איז מסתמא געווען זיין אייגענע פּסיכישע דערשלאָגנקייט און קראַנקייט, וואָס ער האָט פון מאָל צו מאָל אַלץ שווערער אָנגעהויבן אָפּפילן.

דאָס בוך וועגן די סיבירער פאַרשיקונגס־לאַגערן, „אין ווייטער פאַרפאַלנקייט", איז געשריבן מיט גרויסן באַאָבאַכטונגס־כוח און, ווי אַלע זיינע ווערק, מיטן גרויסן טאַלאַנט פון אַ ליטעראַטור־דערציילער, וואָס יחיאל האָפּער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט און געהערט צו די וויכטיקע זכרונות־דאָקומענטן וועגן די מענטשלעכע און יידישע צרות אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר די יאָרן 1939-1945.

שווער קראַנק, פלעגט יחיאל האָפּער, ווי כ'האָב עס שוין דערציילט, זיין אַן אָפּטער און לאַנגער גאַסט אין די ישראלדיקע שפּיטעלער. זיין קראַנק האַרץ האָט אים אַפילו פאַרבאָטן צו רייִדן און זיך אונטערהאַלטן מיט פריינד, פון וואָס דער שרייבער האָט פיל געליטן. אין זיינעם אַ בריוו צו מיר אין יאָר 1968 שרייבט ער:

„„כ'בין דערדריקט פון מיין געזונט־



מצב. כ'פיל מיך ווי אַן אומשולדיק פאַרמשפּטער אויף תפיסה" און אין זיין לעצטן בריוו צו מיר, פון פעברואַר 1972, שרייבט ער: „כ'זיץ אין שטוב און זע נישט קיינעם."

פון זיינעם אַ בריוו געשריבן אין 1971 — ער האָט זיך דאַן ווידער געפונען אין שפּיטאָל — דערציילט ער, אַז ער האָט געהאַט אַ גאַסט; דאָס איז געווען דער נשיא זלמן שזר, וואָס איז געקומען אים מבקר חולה זיין.

אין יאָר 1971 האָט מען אין ישראל צוגעטיילט יחיאל האָפּערן די „איציק מאַנגער פּרעמיע". ער איז דאַן נאָך לאַנגע וואָכן קראַנק זיין, צום ערשטן מאָל אַרויס פון זיין שטוב, כדי צו קומען אין זאַל ווו ס'איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון אויסטיילן די ליטעראַטור־פּרעמיע, אָבער ווייניק, זייער ווייניק האָבן געוווּסט אַז פאַרלאָזנדיק די שטוב, טראָגט ער מיט זיך אַן אַפּאַראַט, וואָס די דאָקטוירים האָבן אים צוגעשפּיליעט צו זיין האַרץ.

יחיאל האָפּער איז געווען אַ הויכגעוויקסיקער מאַן מיט אַן איידל און אַריסטאָקראַטיש אויסזען און פיינע דזשענטלמענישע מאַנירן. יחיאל האָפּער, דער פיינער דערציילער פון יידיש־חסידישן און וואַרשעווער לעבן איז מער נישטאָ צווישן אונדז. די ידיעה וועגן זיין טויט טוט שווער וויי.

און זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן, דאָס אויב יחיאל האָפּער איז אין זיין זייער שווערער קראַנקהייט געווען בכוח אונדז צו באַשענקען מיט אַזעלכע פּרעכטיקע ווערק און צו דערציען צו 66 יאָר, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן מסירת נפש פון זיין איידעלער פרוי חנה, וואָס האָט איבער אים געוואַכט די 24 שעה אין מעת־לעת.

# שרייבערס און ביכער

ס. נוטקעוויטש

## „בלעטער פאַלן ניט"

(דאָס נייע בוך לידער פון מלכה חפץ טוזמאַן)

אונדזער דיכטערין, מלכה חפץ טוזמאַן, האָט נאָר וואָס פאַרעפנטלעכט דורכן פאַרלאַג „ישראל בוך", אין תל־אביב, אַ בוך לידער אונטערן נאָמען: „בלעטער פאַלן ניט."

דער נאָמען פון בוך האָט מיך זייער פאַראינטריגירט. וואָס הייסט דאָס „בלעטער פאַלן ניט"? זיינען מיר דאָך צוגעוווינט צו זען, צו פילן, צו דערקענען דעם נאַטירלעכן פּראָצעס, אַז בלעטער פאַלן יאָ!

ווען כ'האָב אָבער געשלונגען ליד נאָך ליד אין דעם מערקווערדיקן לידערבוך, און גלייכצייטיק געקוקט אויף דער דיכטערינס איבערלעבונגען אין די לעצטע יאָרן, האָב איך אָנגעהויבן גלייבן, אַז בלעטער פאַלן טאַקע ניט.

אין דעם פילפאַרביקן גאָרטן פון מלכה טוזמאַנס דיכטונגען רוישט עס מיט יוגנטשאַפט, מיט פרילינג און זומער. נישטאָ קיין האַרבסטיקייט. ווייל אַפילו ווען „בלעטער פאַלן, איז דער בוים נאָך ניט טויט."

מלכה טוזמאַנס אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע איז אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון וועלכע ס'איז „איזמען" אָדער שול. זי האָט געפורעמט איר ליד לויט איר אייגענעם נוסח, פרייען פאָרם און אינהאַלט. דער ריטם פון אירע לידער איז אַן אויסדרוק פון פערזענלעכער נשמה־איבערלעבונגען און געבונדן צו היינטיקייט און איצטיקייט.

מיט יונגקייט און ליבע, ריינקייט און שיינקייט, זיינען באַצירט די לידער אין

דעם איצטיקן באַנד פון פּאָעטישע שריפטן וואָס איז נאָר וואָס דערשינען.

די ווערטער געשליפן ביז געאָמעטרישער קלאָרקייט און עסטעטישקייט זינגען צו אונדז מיט חכמה און משפּחהדיקע נאָענטקייט און פּשטות.

די דיכטערין איז אַוועק פון לאָס אַנדזשעלעס נאָך אַ פּערזענלעכער טראַגעדיע אין איר לעבן און געפונען פאַר זיך אַ זוניקן פּלאַץ אין ישׂראל, וואָס איז איר נאָענט און ליב. די ערשטע סעריע לידער, „צוויי־אין־איינעמקייט“, האָט אין זיך טאַקע לידער אונטערן איינדרוק פון איר ישׂראל־לעבן:

ישׂראל מדינה,
דו ביסט מאַן און דו ביסט ווייב
אין איינעם.
אַ סברה
גאָט איז אויך אַמאָל געווען
צוויי־אין־איינעמקייט.

ס'איז, דאַכט מיר, פילאָסאָפישע טיפקייט אין דעם פאַרגלייך פון ישׂראל צו גאָט און פון אויסחלומען די צוויי־אין־איינעמקייט צו דער כאַראַקטעריסטיק פון מאַן און ווייב אין איינס.

מלכה טוזמאַנס טאַלאַנט פון אויספורעמען נייע פּאָעטישע אויסדרוקן, ווערטער, באַצייכענונגען זיינען אַ טעמע פאַר זיך אַליין, און אַ יידיש שפּראַך־פאָרשער וואָלט געפונען אַן אוצר צו שטודירן און צו אַנטפּלעקן.

די דיכטערינס וויזיע און באַענטקייט צו גאָט האָט זי אויסגעדרוקט אין אַ פינף שורהדיק ליד, „איך זאָג“:

איך זאָג צו דעם אַלמעכטיקן:
נע־ונד דו אייביקער,
ווען מיין האַרץ וואָלט ריין געווען
וואָלט איך פאַרבעטן דיך
דאָ נעכטיקן.

וויפל פּאָעטישע ראַפינירטקייט, נייקייט און יונגקייט ליגן אין די פינף שורות!

אויסצוגעפינען, אַז דער אַלמעכטיקער איז אַ נע־ונד און זוכט מן הסתם אַן אָרט צום שלאָפן, הייסט דערקענען גאָט און דערזען זיין איינזאַמקייט, וואָס איז ענלעך צו דער איינזאַמקייט פון פּשוטן מענטשן.

באַלד אָבער דערפילט די דיכטערין דעם מהלך פון אַלמעכטיקן ביז מענטש און ציט זיך צוריק מיטן „אויסרייד“, אַז ווען אין האַרץ וואָלט ריין געווען, וואָלט זי דעם אַלמעכטיקן פאַרבעטן צו איבערנעכטיקן.

אַ ווונדערלעכער פּאָעטישער איינפאַל מיט חן און קלוגשאַפט.

וויפל איז שוין אין דער וועלט געשריבן געוואָרן וועגן איינזאַמקייט?

מלכה טוזמאַן האָט איר איינזאַמקייט דערזען אין אירע צוויי הענט:

דו האָסט אַרויסגעריסן דיין האַנט
פון מיינער
און כ'בין
מיט אָפענער ליידיקער האַנט
שטיין געבליבן אין מיטן דער וועלט.

האָט זיך דערבאַרעמט מיין צווייטע האַנט
איבער דער אָפענער ליידיקער האַנט
און אין איר פויסט זי אַריינגענומען,
וואַרעם
אַריינגענומען.

ס'איז אַ זעלטענע שילדערונג פון אייגענער איינזאַמקייט דורך אַן אָפענער האַנט וואָס איז שטיין געבליבן עלנט אין מיטן פון אונדזער וועלט. און די אייגענע אַנדערע האַנט האָט זיך דערבאַרעמט און זי אַרומגענומען.

איך האָב געלייענט מלכה חפץ טוזמאַנס לידער מיט אַ גליקלעכן ציטער. די דיכטערין איז יונג און זי האָט אירע לידער באַאָטעמט מיט פרישן נייעם טוי פון איר דיכטערישן טאַלאַנט.

* * * * *

איך געדענק אַ מיינונג אויסטויש וועגן מלכה טוזמאַנס לידער: „מען פאַרשטייט ניט אירע לידער,“ „מען מוז זיך אָפּשטעלן ביי די ווערטער און נאָכדענקען וואָס זי מיינט.“

מלכה טוזמאַנס פּאָעזיע איז נישט געשריבן „פאַרן פאָלק“. אירע לידער זיינען דורכגעפלאָכטן מיט קלוגשאַפט, וואָס אויב מען וויל זיי „פאַרשטיין“, מוז מען נאָכדענקען, לייענען און איבערלייענען. מלכהס דיכטונג איז בפירוש מאָדערניסטיש. איר פרייער פערז איז מוזיקאַליש און באַזעלט מיט אייגנאַרטיקן ריטם פאַר אַ גוט מוזיקאַליש אויער.



שמואל סיגל

# משה שקליאַרס פּאָעזיע אין תרגום עברית

ניט איך בין באַרופן דאָס צו טאָן און ניט איך האָב בדעה צו געבן דאָ אַן אָפּשאַצונג פון משה שקליאַר ווי אַ יידישער דיכטער.

משה שקליאַר איז איינער פון די איצטיקע גירושי פּוילן און מיר האָבן דעם זכות וואָס ער איז איצט אַ תושב אין לאָס אַנדזשעלעס, און מיט זיין גייסטיקייט באַרייכערט ער אונדזער היגן יידישן קולטור־לעבן, און מיט זיין פּאָעזיע באַשיינט ער אונדזער היגן זשורנאַל „חשבון“.

אָבער אפילו איידער ער האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס, איז זיין שם אַהער צו אונדז פאָרויס געקומען, ווי איינער פון אונדזערע באַטייטנדיקסטע יידישע פּאָעטן און פּובליציסטן, און ווי דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער איינציקער יידישער טאָג־צייטונג, וואָס איז דערשינען אין די נאָך־מלחמהדיקע יאָרן אין פּוילן, און וואָס ניט נאָר איז ער אַליין אויסגעצייכנט ווי איינער פון די בעסטע יידישע דיכטערס, נאָר וואָס האָט אויך דערצויגן אַ צאָל יידישע ליטעראַטן אין פּוילן, סיי אין פּראָזע און סיי אין פּאָעזיע.

איצט איז אין ישׂראל דערשינען אַ קליין ביכל מיט איבערזעצונגען אין עברית, פון חיים רבינזון (ראָבינזאָן), פון אַ צאָל געקליבענע לידער פון משה שלקיאַר, און דאָ ווילן מיר פאַרגלייכן דעם תרגום עברית מיט דעם אָריגינאַלן טעקסט פון בלויז אַ פּאָר משה שקליאַרס לידער.

אין פּוילן איז אַ מאָל דערשינען משה שקליאַרס בוך לידער „פּשוטע ווערטער“, געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון זיין טאַטן אַברהם — און טאַקע אין „פּשוטע ווערטער“, ווייל וואָס קען נאָך זיין פּשוטער ווי, למשל, די ווייטערדיקע פערזן:

„די פּשוטע יידישע ווערטער,
וואָס האָבן געברענט אויפן פייער
מיט טאַטעס און מאַמעס צוזאַמען,
זיי זיינען מיר צענפאַכיק טייער.
מיט זיי וועל איך גיין דורכן לעבן
ביז סוף פון די יאָרן באַשערטע,
און כ'וועל זיי אין לידער פאַרוואַנדלען
די פּשוטע יידישע ווערטער.“

דער איבערזעצער, חיים רבינזון, האָט קינסטלעריש אויף עברית („מלים פּשוטות“) אַריינגעדרונגען אין דער פּאָעטישער עכטקייט פון די „פּשוטע ווערטער“, וואָס טראָגן אין פּשטות דעם טיפן יידישן ווייטיק פון אונדזער גרויסן חורבן פון דער היטלער־מגפה:

המלים הפשוטות ביידיש שלי
שאוכלו בתבערות,
עם אבות ועם אמהות
פי עשר הן לי עכשיו יקרות.

איתן אתהלך בחיים,
עד סוף השנים עוד ניתנו לי
ואצרן מחדש בשירים
מלים פשוטות ביידיש שלי.

פון דעם אַליין איז גרינג צו זען אַז שקליאַר מיט טיפן פיין באַשטראַלטע שורות, האָבן אין עברית אַלע טעמים פונקט ווי אין אָריגינאַל, פון וועלכן לשון זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן. קענטיק אַז חיים רבינזון איז אַ משורר וואָס קען יאָ אַ קינסטלער מתרגם זיין פון יידיש אין עברית. לייענט איר די איבערזעצטע

---

האַרץ, נשמה און געדאַנק זיינען פאַרפלאָכטן צוזאַמען אין איין מוזיקאַלישן אויסדרוק, וואָס פורעמט אויס אירע לידער. אין איר „אומאָפּהענגיקייט“ און אינדיווידועלקייט האָט זיך די דיכטערין ניט געקענט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ ריכטונג. זי האָט זיך איר אייגענעם וועג פון אָריגינעלער שעפערישקייט און אין איר נייעם בוך „בלעטער פאַלן ניט“, האָט זי זיך ווידער אַנטפּלעקט אַלס אַ אייגנאַרטיקע דיכטערין וואָס האָט ליב צו באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור און באַשיינען אונדז מיט אירע לידער.

לידער מיט דעם זעלביקן דערשיטערנדיקן געפיל פון ווייטאָג ווי ווען מען לייענט זיי אין יידישן אָריגינאַל.

און משה שקליאַרס יידיש לשון, באַגלייך מיט זיין פּאָעטישער שעפערישקייט, האָט אין זיך די שיינקייט און די פול־קאָליעוודיקייט פון אונדזער טאַטע־מאַמע לשון — פון די גרויסע יידישע נעכטנס און איירנעכטנס.

אַזוי־אָ זיינען אַלע אַנדערע איבערזעצונגען אין דעם לידער בוך „פּשוטע ווערטער" און אַזוי אויכעט די לידער פון שקליאַרס אַנדערן בוך „פאַרשפּעטיקטער פרילינג". דער נאָמען פון דעם דאָזיקן לידער־בוך טייטשט זיך גוט אויס מיט דעם מצב פון אונדזער היינטיקייט. משה שקליאַר האָט באַוויזן זיך גוט אַריינצופּאַסן אין די רייען פון אונדזערע גרויסע פּאָעטן, וואָס האָבן געשאַפן אין דעם פרילינג פון דער גרויסער שעפערישקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, סיי אין פּראָזע סיי אין פּאָעזיע. ער האָט אָן ספק פאַרנומען אַ חשובן אָרט צווישן די מייסטערס, וואָס האָבן באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור אין די צוואַנציקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט. האָט ער אָבער, זעט אויס (איבער זיין יונגן עלטער) פאַרשפּעטיקט דעם אַמאָליקן פרילינג, און ער טרויערט אַזוי:

„וויפל לידער האָב איך אויסגעשוויגן
אין די שרייענדיקע טעג,
וויפל זיינען נאָך געבליבן ליגן
ווי די שטיינער אויפן דעק.

וויפל לידער האָב איך אויסגעווייטיקט
אין געראַנגלעניש מיט זיי
היינט — ווען פרוכטן זיינען צייטיק
איז געבליבן מיר דער ווי."

די שורות קלינגען ווי אַ יחידישער איכה, דורך וועלכע דער פּאָעט ווײנט אויס זיין צער און ווייטיק... און ווי זאָגט מען אין עברית: והמבין יבין... קיין פּירוש איז ניט נייטיק . . .

און אָט אַז אַ פּראַכטיק ליד מיט אַ טייל־ווייזער איבערזעצונג. שקליאַר רופט דאָס ליד: „מאָנונג"—

„דער אומעט וועלכן כ'האָב אַרויסגעטראָגן...
פון די פריע שבתצונאַכטסן,
ווען אין קיך האָט שוין דאָס לעצטע
פלעמל זיך געלאָשן,
און דער טאַטע אַ פאַרטראַכטער,
האָט, וואַרטנדיק אויפן ערשטן שטערן
בלענד,
אַוועקגערוקט די פּייערקעס,
ס'זאָל פאַלן כאָטש אַ טראָפּן שיין
אין אונדזער קעלער־שטוב.
און איך בין דעמאָלט נאָך געווען אַ בעלן
צו כאַפּן יעדן שאָטן אין די ווינקלען.
יענער אומעט וואָס האָט זיך איינגעזעסן אין די ביינער,
ווי אַ קרענק נישט אויסצוהיילן,
ער טויכט אַרויס אינעם זכרון
און מאָנט זיין חלק
פון דער נישט־דערפילטער פרייד
אין קינדער־יאָרן."

און דער איבערזעצער גייט קינסטלעריש טריט נאָך טריט און רופט אָן דאָס ליד „תביעה":

„העצב ההוא שאני נשאתיו
במוצאי שבתות מקדימים בסטום
עת כבתה במטבח אחרית־להבה
וכצופה לקראת זיו
של ראשית כוכביו
אבא, מהורהר, את האש הוא זרה
שתופיע בחדר המרתף — נהרה,
ואני אָז אותי מאוד ובמאוד
לתפוס הצללים שבזויות . . . "

וכן הלאה, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דאָס איז בלויז אַ קורצער אַריינפיר און אפשר אויך אַן אומבאַטייטנדיקער פאַרגלייך צווישן אַ פּאָר לידער פון משה ש ק ל י אַ ר אין זייער אָריגינאַל או דעם תרגום עברית. איבער דוחק אין פּלאַץ אין איצטיקן נומער „חשבון" זיינען מיר געצוווּנגען צו באַגנוגענען זיך מיט אָט דעם מיעוט. מיט דער צייט, האָפן מיר, וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט ברייטער אָפּצושטעלן זיך מיט אַן אָפּשאַצונג פון משה שקליאַרס פּאָעטישן גאַנג און ווי ער געפינט זיין אויסדרוק אין תרגום עברית.



ז. בונין

# קורצע נאָטיצן וועגן צוויי יידישע פּאָעטן

## א. חיים לייב פוקס און זיין ניי בוך לידער

(„זון פאַרגאַנג", פאַרלאַג חיפה, ישראל)

חיים לייב פוקס האָט ביז איצט שוין אַרויסגעגעבן אַ היפּשע צאָל ביכער. ער שרייבט אויף אַלערליי געביטן: לידער, נאָוועלן, פובליציסטיק, ליטעראַטור־קריטיק אאַ"וו. און אין משך פון אַ צאָל יאָרן האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. חיים לייב פוקס שטאַמט פון לאָדזש, פּוילן, און קיין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען אין 1959. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט זיין יוגנט־ליד, וואָס ער האָט געשריבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווו ער דריקט זיך אויס:

„אין מיינע קינדער־יאָרן זינגען מיינע בלוטן
לידער פון באַפרייאונג און באַנייען,
מיט מיין מאַמעס מילך האָב איך שוין איינגעזויגן,
אַ בענקשאַפט פון זיין אַ מענטש
אַ פרייער."

און אין זיין בוך „די טעג בויגן די קעפּ" שרייבט ער:

„וואָס קאָן איך זאָגן צום ים,
איך פאַרשטיי נישט זיין לשון,
איך ווייס נאָר מיין טאָג גייט אַוועק,
ווערט אויף אייביק פאַרלאָשן.
אָבער דער ים בלייבט אייביק מיט גאָט
ווי אין שעה פון ערשט באַשאַפן.
איז וואָס־זשע קאָן איך זאָגן צו דיר?
סיידן בלויז שטיין און גאַפן!"

איך בין ניט קיין ליטעראַטור־קריטיקער צו פאַרנעמען זיך מיט אַ פולער אָפּשאַצונג פון חיים לייב פוקסעס ווערק. חוץ דעם איז זיין סטאַזש שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַ גרויסע צאָל קריטיקערס האָבן שוין געשריבן וועגן אים, און ער נייטיקט זיך ניט אין מיינע לויבגעזאַנגען. איך דריק בלויז אויס די הנאה פון אַ דורכשניטלעכן לייענער פון גוטער פּאָעזיע.

זיין ניי בוך „זון פאַרגאַנג", האָף איך אַז עס איז ניט קיין אַלעגאָרישער נאָמען פון אונטערגאַנג. ער שרייבט אין „מאָדערנעם" סטיל, ווי אין זיין אויסוואַל פון גראַמען און זיינע אַסאָנאַנסן. אָבער זיין שרייבן איז קלאָר און פאַרשטענדלעך און, וואָס שייך מיר פערזענלעך, האַלט איך זיין בוך אין לייענען און איבערלייענען. אַ גאָר טיפן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט זיינע נאַטור־לידער. למשל, גרענד קעניאָן:

„בורשטינענע הימלען האָבן היינט
גערוט אויף מיינע אויגן.
איבער מיר האָט וועלט זיך ברייטער
אויסגעצויגן.
ווי איך וואָלט אויף אָדלער־פליגל צו
וווּנדער־וועלט געפלויגן."

— — — — — — — — — — —

„די צייט איז דאָ שטיין פון קדמונים
געבליבן.
בלויז נאָר די ווינטן, זיי האָבן פאַרשריבן
מיט צייכנס פון גלי און זוניקע שקיעות
פון ערשטן באַשאַף גאָטס פריילעכע
תנועות."

ניט שייך דאָ צו ציטירן די גאַנצע פּאָעמע, וואָס פאַרנעמט אין בוך זעקס זייטן, אָבער יעדער פערז אין דעם איז פאַר זיך אַליין אַ מייסטערווערק! אַזוי אויך זיין פּאָעמע: „מלכות יאָסעמיטי":

„וואָס קען איך דאָ ריידן
און וואָס קען איך דאָ שווייגן,
אין טאָל פון דיין שיינקייט,
דו מלכות יאָסעמיטע !
אַ לאָז מיך פאַר דיין כבוד,
פאַר דיין וווּנדער פאַרנייגן,
אונטער הימלען ווייס־בלאָע
פון זונשיין צעבליטע."

חיים לייב פוקס האָט ניט לאַנג צוריק עולה געווען קיין ישראל, אָבער מיר פילן זיך ניט אָפּגעזונדערט פון אים, ווייל ער גרייכט אונדז אויך־אַהער מיט זיינע פּראַכטיקע לידער פון ישראל. אָט איז בלויז אַ טייל פון איינס פון זיי, „ביים כנרת“:

„לינדער נאַכט־ווינט, זיידענער בלויער,
שפּילט מיר אויפן האַרצן ווי די וועלן פון כנרת.
זיי עפענען די ליפּן פון מיין יונגסטן וואָרט
וואָס גרייכט צו מיר פון טבריה׳ס הוד און תפארת.
ס׳איז שטיל, אַזוי ווי איך ס׳וועגען בערג מתפלל,
כ׳פאַרנעם דאָס לשון פון די כנרת־וועלן,
זיי קומען, שטעלן זיך ביי מיינע שוועלן
איך וועל זאָגן מיט זיי הלל.“

## ב. אַלטער עסעלין

אַ מאָל, קוקנדיק אויף דער צאָל ביכער אין מיין ביכער־שראַנק, האָב איך אַ געפּיל ווי אַראָפּצונעמען אַ בוך פון פּאָליצע, אַריינקוקן אין דעם, ווי איך וואָלט באַגריסן אַן אַלטן גוטן פריינד, מיט וועמען איך האָב שוין לאַנג זיך ניט געזען. און אָפט מאָל גיב איך אַן עפן אַ בוך און ווער צו דעם ווי צוגעשמידט און קאָן זיך שוין פון דעם ניט אָפּרייסן. אַזאַ געפיל האָב איך געהאַט מיט אַ פּאָר טעג צוריק ווען איך האָב אַרויסגענומען אַלטער עסעלינס בוך: „לידער פון אַ מהדבריק“.

אין אַ בריוו צו מיר, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, שרייבט ער, אַז ער איז אַלט און קראַנק און געפינט זיך אין אַ מושב זקנים אין מילוואָקי: „און איך בין פאַרגעסן געוואָרן נאָך ביים לעבן.“ ווילט זיך מיר אים זאָגן, אַז ער אונטערשאַצט זיך זייער אומבאַרעכטיקט: ער איז ניט פאַרגעסן ביים לעבן, און ניט, ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ ליד, „ווען איך וועל זיין אינעם גראָז פון די אָבות“. וואָרעם ווער עס וועט שטודירן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וועט זיך מוזן שטיצן אויף די בעסטע ליטעראַטור־קריטיקערס פון דער צייט, ווי י. ראַפּאָפּאָרט, מ. יאַפּע, ד״ר מוקדוני און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך זייער באַגייסטערט אָפּגערופן אויף עסעלינס אַרט שרייבן.

צו ציטירן בלויז אַ טייל פון דעם וואָס י. ראַפּאָפּאָרט שרייבט:

„אַלטער עסעלין געהער ניט צו דער קאַטעגאָריע דיכטער אונדזערע ביי וועלכע שרייבן דיכטונג איז אַ מלאכה, אַ פאַך... ביים לייענען עסעלינען בלייבט מען ביים איינדרוק אַז די געשריבענע לידער זיינען בלויז אַ קלייער טייל פון זיינע איבערגעלעבטע לידער, און שפּירן ממש ווי ער געניסט דעם זיס־ביטערן געטראַנק פון דיכטונג, פון זיין דיכטונג, און אין אמתן ווי ריכטיק ער טרעפט אים צו!

אָט לייענט עסעלינס עפּיטאַף אין זיין בוך „לידער פון אַ מדברניק“:

„פאַרזיכטיק, טרעט ניט שווער,
צעשטערט ניט דעם שלומער.
כ׳האָב זיך קוים דערשלעפּט אַהער
נאָמענלאָז — ווי אַ נומער.
און וועט דיך דער נייגער אַ פּיק טאָן
צו וועלן דערגיין ווער עס ליגט דאָ,
טאָ נעם און פאַרשרייב אין דיין כראָניק:
דאָ ליגט אַ פּאָעט ווי אַ קעניג,
וואָס האָט זיך פאַרסמט מיט דעם האָניק
פון לידער — געמישט מיט אַרסעניק.“

אַלטער עסעלין איז געבוירן געוואָרן אין טשערניגאָוו, אוקראַינע, אין יאָר 1889. גאָר יונג געבליבן אַ יתום און איז דערצויגן געוואָרן ביי זיינעם אַ זיידן וועלכן ער דערמאָנט מיט גרויס פּיעטעט אין אַ צאָל לידער און טאַקע געווידמעט זיין ערשטן בוך, „קנייטן“, צו מיין זיידן, ר׳ נחום זלמן ע״ה.

ער איז פריער געווען אַ שניידער לערן־יונג און נאָך דעם אַריבער צו סטאָלעריי, ביי וועלכן פאַך ער איז שוין פאַרבליבן. און ניט איין מאָל דערמאָנט ער אין זיין ליד זיין זעג, הובל, האַמער און לאָם, מיט וועלכע ער שקלאַפט און ניט ער אַרבעט. ווייל ער האָט אַ פּנים געהאַט אַ שווער לעבן אין זיין יוגנט אין דער היים, און עס פאַלט אים יעדע זאַך צו לאַסט. און זיין ערשט בוך איז טאַקע טיטולירט: „אונטער דער לאַסט“.



מרדכי יאַפּע, צו ציטירן בלויז עטלעכע שורות, שרייבט: „ער (עסעלין) איז אין מלחמה מיט דער וועלט. מיט ווערטער בלייענע און האַרטע ווי אַ קלוגע קללה, רייסט סאַרקאַזם אויף אויסגעפּוצטקייט צו צביעות און איראָניע ווי אַ חלף.“

אָט איז אַ טייל פון זיינס אַ ליד: „אויף וואָס דאַרפט איר אים האָבן?“ —

„איך בעט אייך, פאַרשעמט ניט מיין שכן ר׳ טוביהן
און לאַדט אים ניט איין צו אייער באַנקעט.
ער איז אַן ערלעכער מענטש, נאָך אַ טאַקטלאָזער אביון
און איז ערשט אַראָפּ פון קראַנקן־בעט,
וואָס דאַרפט איר אים האָבן?
— — — — — — — —
ער איז ניט אַזאַ שוטה ווי איינעם קאָן דאַכטן —
אַ שוויגער, אַ באַלאָדענער טיפּ.
ער קאָן אַמאָל זאָגן אַ שאַרפס, אַ לאַך טאָן,
טוט עס אַ שניט אין דער זיבעטער ריפּ.
וואָס דאַרפט איר אים האָבן?

ער איז ניט אַזאַ שלעכטער
אָט בעט אים, גיט ער אַוועק
דעם ביסן פון מויל און רעדט זיך ניט אָן,
נאָר ווי רויך אין די אויגן ווערט ער ביטער
ווען ער דערהערט אַ חניפה־טאָן:
וואָס דאַרפט איר אים האָבן?

אַז מען וועט זיך צעלאָזן אויף היפּערבאָלן,
אַז איר זענט אַ צדיק, אַ פילאַנטראָפּ,
קאַוויר איך ניט, ער קאָן נאָך באַפאַלן
און וואַרפן דעם רעדנער אַ טעלער אין קאָפּ.
וואָס דאַרפט איר אים האָבן?...“

זיין פאַרביטערטקייט צו דער אומגערעכטיקייט וואָס עקזיסטירט אין דער וועלט קאָן לייכט פאַרשטאַנען ווערן ווען איר לייענט אַ טייל פון זיין ליד: „אויטאָביאָגראַפיש“:

„ווער עס האָט פון בענדיקע ביכער געלערנט
איידלקייט, פיינע מאַניערן,
גלאָריע פון פעלקער, נעמען פון שטערן —
מיר האָט דאָס לעבן געגעבן אַ ראָסן־מתנה,
אָקסישן נאַקן צו שלעפּן אַ גורל אַ שווערן.
הענט ווי אייכן־שטאַמען
און אַ פיינגעפיל פאַר יאַמבן און גראַמען.
אין אַכטן יאָר־עלטער
בין איך געווען שוין אויסגעבונדן
מיט הונגער און נשמה־ווונדן.
אַזוי ווי מען קאָן ניט אַ הימלאַנד פאַרגעסן,
געדענק איך די נויט פון שפּאָרן פון עסן.“

שרייבט ד״ר א. מוקדוני ע״ה:

„ווען איך וואָלט געשריבן אין העברעיש, וואָלט איך זיך לחלוטין ניט געשעמט צו באַנוצן אַזאַ מליצהדיקע פראַזע ווי „של נעליך“ ווען איך קום צו ריידן וועגן עסעלינס בוך. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ היינטצייטיקן איוב! עס איז דאָ אַ האַרציקע תמימות אין זיין צאָרן. ער ער צו ריין, צו תמימותדיק אין דער צעשטערערישער, פאַרדאָרבענער, האַרבער וועלט.“

שמואל ווייס

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

## אַ מאָנומענט פאַר זעקס מיליאָן קדושים

מיר קומען דאָ ווידער באַנייען די אָפּטיילונג וואָס מיר האָבן מיט אַ צייט צוריק זיך באַמיט איינצושטעלן אין „חשבון“. דאָס איז אַ רובריק אין וועלכער עס דאַרפן פאַרצייכנט ווערן געשעענישן אָדער אונטערנעמונגען אין אונדזער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס. ווי אַ זשורנאַל פאַר „ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים“ דאַרף דער „חשבון“ ניט פאַרזען צו פאַרצייכענען אויך די וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פּאַסירונגען אין לאָס אַנדזשעלעס גופא, ווו דער „חשבון“ ווערט געדרוקט און וועלכע איז היינט אַ שטאָט מיט איבער אַ האַלבן מיליאָן יידן, כן ירבו, מיט אַ פאַרצווייגטן, פולסירנדיקן, יידישן קולטור־לעבן.

מיר הייבן אָן מיט אַן ענין וואָס דאַרף זיין נאָענט יעדן ייד אין אונדזער שטאָט. דאָס איז דער פּלאַן צו בויען דאָ־הי אַ דענקמאָל נאָך די זעקס מיליאָן קדושים וואָס זיינען אַזוי ברוטאַל־מערדערלעך פאַרשניטן געוואָרן אין די נאַצי־שחיטות אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די איניציאַטיוו צו בויען אַזאַ דענקמאָל איז געקומען פון אַ קאָמיטעט פון אָרגאַניזאַציעס פון געראַטעוועטע פון נאַצי־לאַגערן און פאַרטיזאַנען־וועלדער, וועלכע האָבן זיך איינגעבירגערט אין לאָס אַנדזשעלעס, ווי אויך פונעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין ל. א. אונדזער שטאָט איז ניט די ערשטע אין אַמעריקע ווו יידן באַמיען זיך אויפצושטעלן אַזאַ דענקמאָל.

אין ניויאָרק, וואָס איז דער גרעסטער יידישער ישוב אין אַמעריקע, פאַרנעמט מען זיך מיט דעם פּלאַן צו בויען אַ דענקמאָל שוין היפּשע עטלעכע יאָר און אין דעם פּראָיעקט זיינען אַריינגעטאָן ניט בלויז געוועזענע קאַצעטלערס, נאָר אויך אַ צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס דער הויפּטשטער איז צו געפינען אַ פּאַסנדיקן פּלאַץ, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די הייליקייט פון אַזאַ מצבה און זאָל אויך זיין צוגעגנגלעך פאַר די מיינסטע פאָלקס־מענטשן אין שטאָט. אפשר זיינען דאָרט אויך פאַראַן אַנדערע מניעות, וואָס זיינען אונדז ניט באַקאַנט.

אין לאָס אַנדזשעלעס האָט די יידישע געמיינדע שוין דערגרייכט אַ גאַנץ ממשותדיקע שטופע, ווו דער פּלאַן צו בויען אַ דאָקומענטאַציע־צענטער און דענקמאָל קאָן רעאַליזירט ווערן אין דער גאָר־נאָענטער צוקונפט. ערשטנס, איז דאָ־הי שוין געלייזט געוואָרן דער פּראָבלעם וועגן דעם פּלאַץ פון אַזאַ דענקמאָל ווען דער יידישער פעדעראַציע־קאָונסיל, אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע מיר קענען מיט רעכט באַצייכענען מיט דעם נאָמען יידישע קהילה האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן אַ שטח לאַנד אין שכנות מיט דער קאָמיוניטי ביבליאָטעק, אויף 590 ווערמאָנט עוועניו. צווייטנס, האָט די קהילה גופא איבערגענומען געוויסע פינאַנציעלע התחייבותן אויף צו העלפן רעאַליזירן דעם פּלאַן.

לויטן אָנגענומענעם פּלאַן דאַרף דאָס זיין אַ דאָקומענטאַציע־צענטער ווו עס וועלן אויפגעהיטן ווערן מאַטעריאַלן וועגן חורבן, וועלכע זיינען איצט פאַרשפּרייט איבערן שטאָט. אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און ביי פּריוואַטע מענטשן. און עס דאַרף זיין אַ הייליקע מצבה לזכר דעם יידישן חורבן, פאַר היינטיקע און שפּעטערדיקע דורות. אין דעם דאָקומענטאַציע צענטער דאַרף לויטן פּלאַן זיין אַחוץ ביכער־שרענק אויך אַן אויסשטעלונג־זאַל מיט בילדער און חפצים וועגן דער שוידערלעכער פאַרניכטונג פון יידישע קהילות אין מזרח־אַראָפּע. פון דעם הויפּטזאַל וועט פירן אַ וועג צו אַ קעלער־הייל, טיף אין דער אויסגעגראָבענער ערד — אַ סימבאָל פון דעם קבר פון זעקס מיליאָן יידן. איבער דעם קבר וועט, אויף בראָנזענע קייטן, הענגען אַ ריזיקער טאָפּעל מיט דעם אָפּצייכן פון מגן־דוד און אויבן — אַ נר־תמיד איבערן קבר, סימבאָלן פון יידישן טרויער.



אַרום דעם פּערימעטער פונעם קעלער וועלן זיין אָפּצייכנס פון די צוועלף שבטים און אויף די טונקעלע ווענט וועלן פינקלען אומצייליקע שטערנדלעך צום אָנדענק פון די 6 מיליאָן קדושים. אין שכנות מיט דעם וועט זיין אַ היכל, ווו באַזוכער וועלן קענען מעדיטירן וועגן זייערע אומגעקומענע נאָענטע. איבער דעם דאָקומענטאַציע צענטער, הויך גענוג צו קענען זען אויף עטלעכע מיילן ווייט, וועלן זיין צוויי באַלויכטענע טורעמס אין דעם פאָרם פון די לוחות מיט די עשרת הדברות, צווישן וועלכע דער געבאָט „לא תרצח“ האָט אַ זייער נאָענטן שייכות מיט דעם דענקמאָל.

דער פּלאַן וועלכער איז דאָ באַשריבן איז פאָרמולירט געוואָרן פון דעם אַרכיטעקט בענאָ פישער און איז אילוסטרירט אין אַ ספּעציעלער בראָשור, וואָס די יידישע קהילה האָט אַרויסגעשיקט צו אירע מיטגלידער און אָרגאַניזאַציעס.

דער איניציאַטיוו־קאָמיטעט האָט ביז היינט, לויט דער פאַרזיכערונג פון מר. מאָרטאָן סילווערמאַן. אַ פּראָמינענטער יידישער כלל־טוער אין ל. א. און דער מיט־אייגנטימער פון דער „סילווערמאַן־מאַלינאָוו מאָרטשואַריס“, געשאַפן איבער 70 טויזנט דאָלער. לויטן אָפּמאַך מיט דער קהילה קען מען אָנהייבן בויען דעם דענקמאָל ערשט ווען דער קאָמיטעט וועט האָבן געזאַמלט אַ פערטל מיליאָן דאָלער. באַמיט מען זיך איצט צו שאַפן די הונדערט און אַכציק טויזנט דאָלער צו קאָנען אָנהייבן בויען.

ביי דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער יידישער פעדעראַציע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו שטיצן דעם פּלאַן. אַלץ וואָס איז איצט נייטיק איז אַ מזלדיקער מזומן־קאַמפּיין צווישן יידן אין לאָס אַנדזשעלעס צו קענען רעאַליזירן דעם פּלאַן, מיט וועלכן די חשובע יידישע כלל־טוער פאַרנעמען זיך שוין איבער צען יאָר. די יידישע קהילה און איר פאַראייניקטער וועלפער־פאָנד וועלכער האָט פאָריקן יאָר געשאַפן איבער 25 מיליאָן דאָלער וואָלט געדאַרפט אויסבאָרגן אַ געוויסע סומע כדי מען זאָל לכל הפחות קענען לייגן דעם גרונטשטיין פון דעם הייליקן דענקמאָל אין אַפּריל, 1973, ווען עס פאַלט אויס דער דרייסיקסטער יאָרצייט פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אַלס דער סימבאָל פון ווידערשטאַנד און קידוש השם פון דעם לעצטן רעשטל פון דעם צאָלרייכן יידישן ישוב אין פּוילן.

## די נייע אַרכיוו־אָפּטיילונג אין דער יידישער ביבליאָטעק

מיט אַ צייט צוריק איז געעפנט געוואָרן אַן אַרכיוו־אָפּטיילונג אין דער יידישער ביבליאָטעק אין לאָס אַנדזשעלעס, אויף 590 ווערמאָנט עוו. פאַר די וואָס ווייסן ניט איז כדאי אויפצוקלערן, אַז ל. א. איז איינע פון די געציילטע שטעט אין אַמעריקע, אויב ניט די איינציקע שטאָט, ווו די גרויסע יידישע בבליאָטעק ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער קהילה. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט איבער פופציק טויזנט בענד אין יידישער געשיכטע, תנ״ך, יידישע און העברעישע ליטעראַטור, סאָציאַלע באַוועגונגען און אַנדערע קעגנשטאַנדן. צו דעם 20סטן יובילעי פון אָט דער ביבליאָטעק איז געעפנט געוואָרן איר נייעסטע אַרכיוו־אָפּטיילונג.

ווי עס האָט אונדז דערקלערט משה קאַפּלאַן, איינער פון די טעטיקסטע עסקנים אין יידישן קולטור־לעבן אין דער שטאָט און אַ מיטגרינדער און אויפזעער פון דער ביבליאָטעק, וועט זיך די אַרכיוו־אָפּטיילונג פאַרנעמען מיט אויפזאַמלען מאַטעריאַלן פאַר דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון יידן אין לאָס אַנדזשעלעס, די אָנהויבן פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער שטאָט און פון דעם בראשית פון יידישן געמיינדע לעבן.

צו דער געלעגנהייט פון דער פייערלעכער אַרכיוו־דערעפענונג, האָט די ביבליאָטעק אַרויסגעגעבן אַ מימעאָגראַפירטע רשימה פון לאָקאַלע יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און פּעריאָדישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער שטאָט. אָט די זאַמלונג אַליין וועט זיין אַ ווערטיקער בייטראָג צו דער פאָרשונג פון דער יידישער פּרעסע ניט נאָ אין לאָס אַנדזעלעס נאָר איבער אַמעריקע בכלל. מען ווערט איבעראַשט פון דעם שלל פון ליטעראַרישע יידישע

שורנאַלן וואָס זיינען דאָ־הי אַרויסגעגעבן געוואָרן, פון דער רייכער פּלעיאַדע יידישע שרייבער, דיכטער און פּובליציסטן וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין לאָס אַנדזשעלעס און האָבן באַרייכערט דאָס היגע יידישע קולטור־לעבן. אונדזער „חשבון״ איז אייגנטלעך אַ באַכפּאָלגער פון אָט די אַלע ליטעראַרישע אויסגאַבעס.

אגב, די יידישע ביבליאָטעק אין לאָס אַנדזשעלעס האָט אַ ספּעציעלע קערפּערשאַפט: „פריינד פון דער יידישער ביבליאָטעק״, וואָס העלפט, דורכן מיטגלידס־אָפּצאָל, דעקן די הוצאות פאַר נייע זשורנאַלן, דער עיקר פון אויסלאַנד, וואָס די ביבליאָטעק קען ניט קריגן פריי. דער יערלעכער בודזשעט פון דער ביבליאָטעק ווערט געדעקט פון דעם יידישן פּעדעראַציע־קאָונסיל, וועלכער טיילט אויס אַ ספּעציעלן קאָמיטעט צו פאַרוואַלטן איבער דער ביבליאָטעק.: לעצטנס האָט די ביבליאָטעק אויך געשאַפן אַ רעדנער־ביוראָ צו באַדינען מיט לעקציעס און רעפעראַטן די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל יוגנט־גרופּעס, אין דער שטאָט.

## דער יידישער קולטור - קלוב

דער יידישער קולטור־קלוב אין ל. א. וועלכער עקזיסטירט שוין איבער 46 יאָר, מאַכט איצט דורך אַ קריזיס. דער פּרעכטיקער בנין פון דעם קלוב, אין וועלכן עס זיינען אויפגענומען געוואָרן כמעט אַלע יידישע שרייבער־געסט וואָס האָבן באַזוכט די שטאָט און וווּ די ווענט זיינען תמיד געווען באַצירט מיט בילדער פון די מייסטע שאַפערס פון יידישער ליטעראַטור און וווּ עס זיינען פאָרגעקומען אַזוי פיל פיינע שבת־צונאַכטן, איז איצט פאַרקויפט געוואָרן, מחמת די געגנט איז פאַרפרעמדט געוואָרן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס איז אייגנטלעך אַ דערשיינונג וואָס מען זעט היינט אין כמעט יעדער גרויסער יידישער שטאָט אין אַמעריקע. די האַסטיקע מאָביליטעט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע ציט זיך כסדר אַריבער פון אַלטע אין נייע געגנטן און די וואַקסנדיקע פאַרברעכן - כוואַליע, וואָס פאַרשטאַרקט די אומזיכערקייט אין גרויסע שטעט, מאַכט נייטיק ענדערונגען אין דער לאָקאַליטעט פון יידישע אינסטיטוציעס. אין אַ סך שטעט מוזן יידן פאַרקויפן זייערע קהלישע געביידעס און זיי אַריבערציען אין נייע געגנטן צו קענען באַדינען זייערע מיטגלידער און די יידישע איינוווינער אין דעם ישוב.

איז דאָס טאַקע אַ צרת רבים, אָבער פאַר די טייערע יידן וואָס פאַרוואַלטן מיט דעם קלוב איז דאָס אַ קנאַפּע טרייסט. עס איז שווער צוצוזען ווי דער בנין, וואָס איז אַזוי פיל יאָרן געווען דער היכל פון יידישער קולטור און די היים פון אַ גרויסער ביבליאָטעק, האָט געמוזט פאַרקויפט ווערן. דער קולטור־קלוב, וועלכער איז אַ ווערטיקע אומפּאַרטייאישע קולטור־אינסטיטוציע אין דעם יידישן ישוב אין לאָס אַנדזשעלעס, איז איצט געוואָרן היימלאָז.

איצט זוכט די פאַרוואַלטונג פונעם קלוב אַ נייע היים. עס איז אָבער שווער צו קריגן אַ פּאַסנדיקן בנין. פון איין זייט איז עס אַ זייער קאָסטבאַרע זאַך צו קויפן אַן אייגן הויז, און פון דער אַנדערער זייט איז דער עולם, וואָס האָט אַמאָליקע יאָרן אויפגעהאַלטן דעם קלוב, געוואָרן קלענער און עלטער צו קענען היינט נעמען אויף זיך דעם עול אויסצוהאַלטן אַ נייעם בנין.

צום לויב פון דער פאַרוואַלטונג פון קלוב (דאָס זיינען לײדער אַ קליינע צאָל יחידים) מוז געזאָגט ווערן, אַז די אַרבעט פונעם קלוב ווערט ווייטער פאָרגעזעצט. מען דאַרף אָבער כסדר וואַנדערן פון איין פּלאַץ אין אַן אַנדערן אויף דורכצופירן אַ קולטור־אונטערנעמונג. ווי אַ נגידישע משפחה, וואָס איז יאָרן לאַנג געווען געוווינט צו אַן אייגענער, רחבותדיקער היים און איז מיט אַ מאָל געוואָרן נע ונד, איז דעם קלוב שווער צו געפינען אַ פּאַסנדיקע דירה.

פון דעסטוועגן האָט די פאַרוואַלטונג שוין באַוויזן דורכצופירן, אין די ערשטע וואָכן פון דעם נייעם קולטור־סעזאָן, אַן איינדרוקספולן התחלות־הזמן פייערונג, אַ לעקציע מיט דעם יידישן דיכטער, חיים גראַדע, אויף דער טעמע: „יונג ווילנע און איר סביבה״, און ווען דאָס ווערט געשריבן, האָט שוין די פאַרוואַלטונג צוגעגרייט אַ צאָל גייסטרייכע אונטערנעמונגען. זי באַמיט זיך צו געפינען דעם בעסטן אויסוועג צו סטאַביליזירן דעם קלוב אין אַ פּאַסנדיקע סביבה פאַר זיין אַרבעט.

זאָל דאָ אויסדריקט ווערן אנערקענונג צו שלמה צוקערמאַן, דעם לאַנג־יאָריקן עסקן אין דעם קלוב, און די חברים אַלעקס ראָבין און זיגמונט לעוו, וועלכע גיבן אַוועק אַ סך מי און צייט צוצוגרייטן פּאַסנדיקע פּראָגראַמען ביז עס וועט געפונען ווערן אַ שטענדיקע היים.

דער יידישער קולטור־קלוב האָט אין משך פון זיין עקזיסטענץ זיך געשאַפן אַ צאָל געטרייע חסידים, מענער און פרויען, וואָס זיינען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס קאָן נייטיק ממשיך צו זיין אָט די טייערע קולטור־ אינסטיטוציע.

* * * * *

ביי דעם קאָנצערט מיט דער ישראל וואָרט־קינסטלערין הדסה קעסטין, האָט אַלעקס ראָבין, אַלס פאָרזיצער פון דער אונטערנעמונג, באַריכטעט, אַז דער יידישער קולטור־קלוב האָט זיך געאייניקט מיט דער פאַרוואַלטונג פון דעם „אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג״ אויף 3טער גאַס, צוצובויען אַ צימער גרויס גענוג פאַר די באַדערפענישן פונעם קלוב. דער קלוב וועט אַריבערפירן אַהין זיין גאַנצע ביבליאָטעק האָט ראָבין געזאָגט, און עס וועט אַזוי אַרום געשאַפן ווערן אַ נייער אַדרעס פאַר יידישער קולטור אין לאָס אַנדזשעלעס.

## קאָנפערענץ פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג

אין נאָוועמבער פון פאַריקן יאָר איז אָגב דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנפערענץ פונעם אינסטיטוט, אונטערן פאָרזיץ פון מאָריס דייטש ביי דער ערשטער זיצונג. אפרים שטיין, ביי דער צווייטער, און סיון האַמבורגער, ביי דער דריטער און לעצטער זיצונג.

עס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן באַריכטן פון דער פאָלקס־שולע, פון דער תנ״ך גרופּע און פון „שבת־טיש״.

אין דעם באַריכט פון דער שולע ווערט צווישן אַנדערס אַרויסגעזאָגט:

„דאָס אויסהאַלטן אונדזער פאָלקס־שול איז פאַרבונדן מיט גרויסע פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען. דאָס איז זיכער כדאי אויב מיר זאָלן האָבן דעם באַוווסטזיין אַז מיט דער אויפהאַלטונג פון דער אינסטיטוציע ביישטייערן מיר עפּעס ספּעציפיש צו דער יידישער דערציונגס סיסטעמע אין אונדזער שטאָט. דער ציל איז צו הערגרייכן אַ מינימום צאָל פון הונדערט קינדער, מיט פולע קלאַסן, מיט אַ רייכע פּעדאַגאָגישע פּראָגראַם אינספּירירט פון אונדזער אַרבעטער־ציוניסטישע אידעען.

„דאָס סאַמע פּאָזיטיווסטע אין דער לעצטער צייט צווישן אונדזערע שול־טוערס איז דער נייער רעאַליסטישער צוגאַנג צו דער גאַנצער פּראַגע. מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס צו שפּילן זיך מיט אַ „שולע״ בכדי יוצא זיין פאַר אונדזער געוויסן און מיט דורכפירן אַ פּונקט אין אונדזער אידעאָלאָגישער פּראָגראַם ווי עס איז... ס׳ווילט זיך אָבער יאָ, אויב פון די אויבנדערמאָנטע סימנים פון אויפלעב וועט געמאַכט ווערן אַן ערנסטער פאַרזוך אין די קומענדע פאַר יאָר צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון אויפשטעלן אַ לעבעדיקע שאַפנדיקע דערצוונגס אנשטאַלט, וואָס זאָל זיין אַ וויכטיקער ביישטייער צו יידישער דערציונג און צו דעם כבוד פון אונדזער באַוועגונג.״

## ש ב ת - ט י ש

פאַר דעם „שבת־טיש״ האָט באַריכטעט חבר משה שולוויס, דער גרינדער פון אָט דער זייער פּרוכטבאַרער קולטור־אינסטיטוציע און איר פאָרזיצער אין משך פון די נאָענט צו 14 יאָר וואָס זי עקזיסטירט.

„דער ׳שבת־טיש׳ שטייט איצט ביים אָנהייב פון דעם 14טן יאָר. די אַלע יאָרן פון אָנהייב ביז צום סוף פון היינטיקן זמן האָט דער שבת־טיש דורכגעפירט ליטעראַריש - מוזיקאַלישע פּראָגראַמען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכער קולטור־ניוואָ.

דאַרף מען זיין צופרידן וואָס מיר האָבן אַ גייסטיקן ווינקל, וווּ אונדזערע יידישע יידן האָבן די געלעגנהייט איין מאָל אין חודש פאַרברענגען אין אַ סביבה פון גייסטיקער דערהויבנקייט אין דעם גייסט פון ש ב ת.

דער „שבת־טיש“ פון 1971-1972 האָט צו פאַרצייכענען ביז גאָר אינטערעסאַנטע און אינהאַלטסרייכע אָוונטן: אונדזערע גאַסט־רעדנער זיינען געווען: ד״ר מנחם נאור, סערגעי נוטקעוויטש, אַריה פּאַיי, חיים גראַדע, נחום מאקסאָן, שמואל ווייס, יעקב קאַץ פון שיקאַגאָ, שמואל סיגל, חברה רחל דייטש, מיט איר אויסטייטשן פון דער סדרה פון דער וואָך. דער פאָלק־זינגער שמואל קעלעמער. אין דעם קינסטלערישן פּראָגראַם האָבן אָנטייל גענומען: ישראל ברזלי, דר. אברהם זיגלבוים, משה מאַנדלבוים און חברה פערל טעמפּער.

אין אינסטיטוט דאַרף דערמאָנט ווערן די „שטודיר־גרופּע“ אָנגעפירט פון חברה רחל דייטש, די תנ״ך־גרופּע אָנגעפירט פון חבר טוביה כץ, דער דריטער סדר וואָס ווערט דערפאָלגרייך דורכגעפירט פון חבר מאָריס דייטש.“

## פאַראייניקונג־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד, פועלי־ציון און הבונים

פאַריקן יאָר איז אין לאָס אַנדזשעלעס אָפּגעהאַלטן געוואָרן די פאַראייניקונג־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד, פועלי־ציון און הבונים מיט דער באַטייליקונג פון 124 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן די דריי צווייגן פון דער באַוועגונג.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען די פאַרשיידענע פונקטן פון דער קאָנסטיטוציע פאַר דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע בנוגע די לאָקאַלע טעטיקייטן.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער קאָנפערענץ איז געווען געווידמעט צו רעזאָלוציעס. דער קאָמיטעט פאַר די רעזאָלוציעס איז באַשטאַנען פון: מ. אַלפּער, מ. דייטש, ס. האַמבורגער, מ. יוליאַן, א. ליפּטאָן, ל. נייטנסאָן, פּראָפ׳ ה. פּיין, ס. פיינער, ס. פריינד. יעקב קאַהאַן און אפרים שטיין. די רעזאָלוציעס זיינען פאָרגעלייענט געוואָרן פון שרה פריינד און אברהם שניידער און האָבן באַהאַנדלט די פאָלגנדע ענינים:

1) די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע אין ישראל. 2) די סאָציאַלע פּראָבלעמען אין ישראל. 3) די אויסברייטערונג פון די טעטיקייטן לטובת דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל“ און ישראל באָנדס. 3) די אַרבעט פאַר הסתדרות, נאַציאָנאַל פאָנד. טוריזם, אינוועסטירונגען, פאַרברויך פון ישראל פּראָדוקטן אין אַמעריקע. אאַ״וו. 5) סאָלידאַריטעט מיט די יידן פון סאָוועט־רוסלאַנד, סיי פאַרן קאַמף פאַר עליה און סיי פאַר זייער רעכט זיך אויסצולעבן קולטורעל יידישלעך. 6) אַ העפטיקן פּראָטעסט קעגן די אַראַבישע מלוכות אין זייער דיסקרימינאַציע און פייניקן די יידן וואָס וווינען דאָרט. 7) פאַר אַ גרויסע ווערביר־אַקציע פאַר מיטגלידער. 8) אַ רייע רעזאָלוציעס וועגן קולטור־אַרבעט און מיטהילף צום „יידישן קעמפער“ און „דזשואיש פראָנטיר“. 9) העלפן די הבונים אין אַלע זייערע טעטיקייטן. 10) וועגן שטאַרקן און אויסברייטערן די אַרבעט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע 11) קאָאָפּעראַציע מיט דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין זיינע וויכטיקע טעטיקייטן. 12) אַ באַגריסונג צו דעם יידישן פעדעראַציע קאָונסיל אין ל. א. 13) אַ רוף צו פאַרשטאַרקן די עליה טעטיקייט און אַ באַגריסונג צו אונדזערע אייגענע מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן דאָ אין שטאָט אין אַ „חוג עליה“. 14) אַ באַגריסונג צו דער ניי־דערוויילטער אַדמיניסטראַציע אין ניו־יאָרק פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, און ספּעציעל צו ד״ר יהודה שאַפּיראָ, דער פּרעזידענט, און יעקב קאַצמאַן, דער עקז. וויצע־פּראָזידענט. 15) אַ דאַנק־אויסדרוק צו די אַרויסגייענדיקע אַדמיניסטראַציעס פון פאַרבאַנד, פועלי־ציון און הבונים אַלומניי, און 16) אַ דאַנק־אויסדרוק צום „פאָרווערטס“, „יידישן קעמפער“ און אויך די לאָקאַלע יידיש־ענגלישע פּובליקאַציעס.

די נייע באַאַמטע פון „פאַראייניקטן ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד“, וואָס איז דער נאָמען פון דער נייער אָרגאַניזאַציע, זיינען:

משה כהן, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר: יעקב קאַהאַן, פּרעזידענט; סידני פיינער, וויצע־פּרעזידענט; סיון האַמבורגער, ראַיאָן פאָרזיצער; העררי שטערנפעלד, קאַסירער: געטרוד פּידריס, סעקרעטאַרין, און דאָראָטי נאַטאַנסאָן, פינאַנץ־סעקרעטאַרין.



## די 53־טע יערלעכע סטייט־קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג אין קאַליפאָרניע

די סטייט און ראַיאָן אַ. ר. קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען לעצטן אָקטאָבער. צו דער־אָ קאָנפערענץ איז געקומען אַלס דעלעגאַט פון דער צענטראַלע אין ניו־יאָרק די באַקאַנטע געטאָ־העלדין, וולאַדקע מיד, וועלכע איז די וויצע־פאָרזיצערין פון אַרבעטער רינג.

דוד גאָלדמאַן, עקס־סעקרעטאַר פון אַרב. רינג אין מערב ראַיאָן, האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויך אַרומגענומען די אַרבעט פון די באַזונדערע צווייגן, די אַרב רינג שולן, די אָפּטיילונג אין דער היים פאַר עלטערע און אַנדערע קרובהשע אינסטיטוציעס.

צווישן אַנדערעס האָט גאָלדמאַן באַריכטעט, אַז: „די מיטגלידער פון אַרב. רינג האָבן געשאַפן לעצטן יאָר איבער $150,000. זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די קאַמפּיינס פאַרן פאַראייניקטן יידישן וועלפעיר־פאָנד, וואָס ווערט געפירט פון דער יידישער קהילה אין ל. א., פון הסתדרות, פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, „סיטי אָוו האָופּ“, פון דער היים פאַר עלטערע, פאַר אַ. ר. שולן און פאַר ישראל באָנדס. די אַ. ר. צווייגן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די זאַמלונגען פאַר „אָרט“ יקוואַ, „צוקונפט“, רעסידאַ היים און פאַר די א. ר. שולן און קינדער־היים אין ישראל.“

אַ באַזונדערן איינדרוק האָט געמאַכט די גאַסט־רעדע פון וולאַדקע מיד, וואָס איז די פאַרפאַסערין פון דעם בוך „פוןביידע זייטן מויער“, וו זי באַשרייבט אירע איבערלעבונגען אין און מחוץ די מויערן פון וואַרשעווער געטאָ. זי האָט אַ טייל פון אָט די איבערלעבונגען אויך דערציילט אין איר רעדע צו די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ.

די רעדנערין האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דער הילף וואָס דער אַרב. רינג גיט דער יידישער מדינה:

„אונדזערע מיטגלידער רופן זיך גאָר שטאַרק אָפּ אויף אַלע וויכטיקע ישראל־קאַמפּאַניעס, פאַרן פאַראייניקטן יידישן אַפּיל, הסתדרות, ישראל באָנדס און אַנדערע. דורך דירעקטער הילף, אַליין און צוזאַמען מיטן יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, האָבן מיר געבויט און שטיצן כסדר אין ישראל פאַרשיידענע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי דאָס קורסקי־הויז, דאָס לייוויק־הויז, י. ל. פּרץ פאַרלאַג, יידישע נאָכמיטאָג־שולן, ביבליאָטעקן און סקאָלאַרשיפּס פּראָגראַמען. אונדזער וואַרעמע הילף גייט האַנט אין האַנט מיט דער כסדרדיקער וואַכזאַמקייט צו העלפן זיכערן ישראל קעגן די דראָענדיקע געפאַרן פון מלחמה, קעגן דעם מערדערישן טעראָר און קעגן דער ביטערער סאָוועטישער שנאה. צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזירטער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט טראָגן מיר צו אונדזער בייטראָג צו העלפן דערגרייכן אַ דויערהאַפטיקן שלום אין מיטל־מזרח.“

איבערגייענדיק צו אינערלעכע ענינים פון אַרב. רינג האָט וולאַדקע געזאָגט: „צוזאַמען מיט די טויזנטער פונעם אימיגראַנטן דור האָבן מיר היינט איבער 20 טויזנט מיטגלידער היי־געבוירענע. איבער פינף טויזנט זיינען נייע אַמעריקאַנער, געקומענע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דריי פאַרשיידענע דורות, וואָס אונטערשיידן זיך אין עלטער, דערציונג, קולטור און סאָציאַלן שטאַנד, אָבער אַרבעטן צוזאַמען, צוזאַמען שמידט מען אונדזער אידעאָלאָגישן ווי אויך פּראַקטישן צוגאַנג צו נייע פּראָבלעמען און פאַרמעסטן פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן.“

## יערלעכע קאָנפערענץ פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין ל. א.

אומגעפער מיט אַ חודש שפּעטער איז פאָרגעקומען די יערלעכע קאָנפערענץ פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, צו וועלכער עס איז געקומען פון ניו־יאָרק דער גענעראַל עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג און וויצע־פּרעזידענט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וויליאַם סטוירן.

אין זיין רעדע וועגן דער טעטיקייט פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט האָט דער גאַסט־רעדנער זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף צוויי טאָג־פראַגן, אין וועלכע די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג און יידן אין אַמעריקע בכלל, זיינען היינטיקע צייטן טיף פאַראינטערעסירט. דאָס זיינען די פּראָבלעמען פון שלום און זיכערקייט אין דער יידישער מדינה און קאַמף פאַר דאָס רעכט פון יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד צו לעבן ווי יידן און קענען עמיגרירן קיין ישראל אָדער אין אַנדערע לענדער.

דער גאַסט פון ניו־יאָרק האָט הייער וואַרעם גערעדט וועגן מדינת ישראל: „דאָס איז ניט בלויז אַ לאַנד ווי אַנדערע לענדער, נאָר דער עיקר, אַ יידיש לאַנד, מיט אַ גרויסער אַרבעטער באַוועגונג, מיט אַ ווייט־פאַרשפּרייטער נעץ פון קאָאָפּעראַטיוון און אַ מלוכה, אונטער אַ סאָציאַליסטישער אָנפירונג. מיר זיינען און מיר דאַרפן זיין אַריינגעטאָן אין דער הילפס־אַרבעט פאַר ישראל", האָט דער רעדנער געזאָגט. וויליאַם סטוירן האָט באַהאַנדלט באַזונדערס גרינטלעך דאָס פּראָבלעם פון סאָוועטישן יידנטום און די מיטלען, לעגיסלאַטיווע און מאָראַלע, אויסצואיבן אַ דרוק אויף דעם קאָמוניסטישן רעזשים אָפּצושטעלן די אַרעסטן פון יידן וואָס ווילן אַרויספאָרן, אָפּשאַפן דעם „קאָפּ־שטייער" פאַר פּאָטענציעלע עמיגראַנטן און בכלל פאַרלייכטערן דעם גורל פון דעם קנאַפּן דריי מיליאָניקן יידישן ישוב אין סאָוועטן־פאַרבאַנד."

ביי דער קאָנפערענץ האָבן אויך געהאַלטן רעדעס: אוריאל ראַאַב, דירעקטאָר פון יידישע געמיינדע ענינים אין סאַן פראַנציסקאָ, וועגן קוואָטעס אין הויכע בילדונג אַנשטאַלטן, אויך מאַקס מאָנט, דירעקטאָר פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ל. א., וועגן דער טעטיקייט פון דער היגער אָרגאַניזאַציע. איזידאָר סטענזאָר, געוועזענער פאַרוואַלטער פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן און איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער אינעם אַרבעטער קאָמיטעט, האָט אַלס פאָרזיצער פון דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע פאָרגעבראַכט אַ צאָל דעקלאַראַטיווע רעזאָלוציעס, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען

## קאָנפערענץ פון ייוו"א אין ל.א.

די 26סטע יערלעכע קאָנפערענץ פון ייווא איז פאָרגעקומען פאָריקן נאָוועמבער, אונטערן פאָרזיץ פון אַלעקס ראָבין, פאָרזיצער פון ל.א. ייווא קאָמיטעט.

די קאָנפערענץ איז באַגריסט געוואָרן פון משה כהן, אין נאָמען פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד; פון סעם הערשבערג, אין נאָמען פון אַרבעטער רינג, און פון גאָסי סאַרטאָ, פון ל. א. קאַונסיל פון פּרויען לייען־קרייזן. דער גאַסט־רעדנער איז געווען ד"ר אברהם קאַהאַן, פּראָפעסאָר פון שיקאַגער אוניווערסיטעט, וואָס האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „דער סאָציאַלער און קולטורעלער מצב פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום ביים אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט." דר. אברהם זיגלבוים האָט רעציטירט פון די „פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור." דעם פינאַנציעלן באַריכט האָט אָפּגעגעבן יוסף טילעס, עקזעקוטיוו־ סעקרעטאַר פונעם ייווא־קאָמיטעט.

די קאָנפערענץ האָט באַגריסט דעם פינאַנץ סעקרעטאַר שמואל בריינין, צו זיין 95טן געבוירן־טאָג, און דעם באַקאַנטן קולטור־מעצענאַט, וועלוול שאָר, צו זיין 88טן געבוירן־טאָג.

וואַלן זיינען דורכגעפירט געוואָרן און פאָלגנדע זיינען דערוויילט געוואָרן: אַלעקס ראָבין, פאָרזיצער; תנחום ברייס און משה קאַפּלאַן, וויצע־פאָרזיצערס; ש. בריינין, פינאַנץ־סעקרעטאַר. שייע שיכאַטאָוו, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, און יוסף טילעס, עקזעקוטיוו ־ סעקרעטאַר. עס איז אויך דערוויילט געוואָרן אַ פאַרגרעסערטע עקזעקוטיווע.

די קאָנפערענץ איז געשלאָסן געוואָרן מיט אַ זייער אינטערעסאַנטן רעפעראַט פון דעם ייווא־גאַסט, פּראָפ. אברהם קאַהאַן, אויף דער טעמע: „די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין מאָדערנעם יידישן לעבן."



# אַלעקס ראָבין

# דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב

(אויסצוגן פון אַ רעדע געהאַלטן ביים 1973־1972 דערעפענונגס־אָוונט פונעם קולטור־קלוב)

אין אַמעריקאַנער שולן רופט מען אַ גראַדואירונג „קאָמענסמענט". דאָס מיינט מסתמא אַ נייער אָנהייב, ווייל לערנען פאַרענדיקט מען ניט. דאָס קען אויך זיין חל אויף קולטור אינסטיטוציעס. יעדער סטאַנציע איז אַ נייער אָנהייב. און אַוודאי אַז מ'איז משנה מקום, מ'בייט דעם לאָקאַל, דאַרף דאָס אָנרעגן מ'זאָל שאַפן אַ סמענט עקסערסייזעס". ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין 27 יאָר וואָס מיר האָבן לעת עתה ניט קיין אייגענע היים, און אונדזער דערעפענונג יום־טוב קומט פאָר אין אַ געדונגענעם זאַל.

אַוודאי זיינען ביי אַ סך פון אונדז געמישטע געפילן. קאַרגע דריי צענדליק יאָר איז דער בנין אויף מאָנראָ גאַס געווען אונדזער היים. וויפל דערהייבונג און עלית נשמה מיר האָבן דאָרט איבערגעלעבט, וויפל פרייד און ציטער, וויפל עמאָציע און התרוממות הנפש! יעדער ווינקעלע, יעדער בילד אויפן וואַנט, יעדער פּאָליצע מיט ביכער, יעדער אויפשריפט האָט געאָטעמט מיט טראַדיציע, מיט היימישקייט. אָבער געגנטן בייטן זיך. מיר האָבן גראַדואירט פון מאָנראָ גאַס, און מיר קלייבן זיך אַריבער אין אַ נייעם געגנט. און היינט איז דער ערשטער „קאָמענסמענט", ס'איז אַ נייער אָנהייב און דאָס דאַרף ביי אונדז גורם זיין מער אָנשטרענגונג און מער אַקטיוויטעט.

דער קלוב שטייט איצט אויפן שיידוועג, על פרשת דרכים. וואָס ווייטער איינס איז אָבער זיכער: דער קולטור־קלוב וועט ווייטער עקזיסטירן! ער מוז עקזיסטירן, ווייל דער קלוב איז געוואָרן אַ טייל פון אונדז. און דער היינטיקער אָוונט, מיט דער גוטער באַזוכערשאַפט, גיט אונדז אַריין אַ פרישע נשמה. מיר האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. מיר האָבן מיטגייערס, אַ באַווייז אַז ס'איז דאָ אַ באַדערפעניש פאַר אַזאַ אינסטיטוציע. ס'וואָלט געווען אַ בלויז, ס'וואָלט געפעלט ווען ס'איז ניטאָ.

אונדזער קלוב איז אַן אייגנאַרטיקע אָרגאַניזאַציע. ניטאָ נאָך אַזאַ איבער גאַנץ אַמעריקע. ס'איז אַ געזעלשאַפט געשאַפן ספּעציעל פאַרן יידישן וואָרט און שוין קרוב צו 50 יאָר, אַז דער קלוב דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע. איך דאַרף זיך ניט אָפּשטעלן אויף דעם. אומעטום זיינען באַקאַנט אונדזערע גייסטרייכע אָוונטן, די גרויסע צאָל יידישע שרייבערס, דיכטערס און קינסטלער, וועלכע דער קלוב האָט אויפגענומען! די הערלעכע פאַרווייליגען, וואָס האָבן שטענדיק געאָטעמט מיט אַ הויכער קולטור־ניוואָ!

איז אונדזער רוף צו אייך היינט, די אַלטע יידישע תפילה: „אַל תשליכנו לעת זקנה"! זאָל דער יידישער קולטור־קלוב ניט ווערן כלאחר יד אין אייערע געפילן. מיר האָב נאָך אַ סך אַרבעט צו טאָן, און היינט איז ביי אונדז אַ צייט ווען אונדזערע מעשים דאַרפן זיין גרעסער ווי די טוער אַליין. זעצט פאָר אייער מיטגלידערשאַפט! אויב איר זייט נאָך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך אָן! זעט אַז אייערע פריינד זאָלן ווערן מיטגלידער. זאָלן אונדזערע רייען ווערן געדיכטער און לאָמיר גענערירן מיט אימפּעט, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן.

פריינד: ס'איז איצט חנוכה־צייט, דער יום־טוב פון די דינינקע קליינע ליכטעלעך. חנוכה מיינט באַנייאונג. מיר רופן אייך צו באַנייאונג — ווי פריער געזאָגט: „קאָמענסמענט". און הגם ס'פעלט אונדז די גלאָריע פון אַמאָל, ניטאָ מער דער ברענענדיקער פאַקל, לאָמיר געפינען דערוויל טרייסט אין דער וואַרעמקייט פון אונדזערע נאָך ברענענדיקע קליינע ליכטעלעך, און אָנהאַלטן די פייערלעך פון יידישן קולטור־קלוב!